דאָרט באַזעצן און פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט. דער געדאַנק איז געווען צו גרינדן אַ יידישע קאָלאָניע, וואָס באַווייזט, אַז אַ ביי אַ טייל איינוווינער אין שטעטל, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיכער געאַרבעט אין דער דרוקעריי, איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן אין יוזעפאָוו — זיי האָט געצויגן צו ערד־אַרבעט. מיר נעמען אָן, אַז יוסף קאַהאַן איז געווען דער זיידע פון יאַנקל הערשעליס. בסך־הכל 9 יאָר זענען פאַריבער זינט די דרוקעריי פון וואַקסן האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע בוך און שוין האָבן זיך געפונען צען יידן וואָס האָבן געוואָלט פאַרלאָזן די דאָזיקע שווערע אַרבעט, ווייל זיי האָט גיכער געצויגן צו דער נאַטור, אין פעלד און אין וואַלד. ליידער, מיר ווייסן ניט צי די דאָזיקע אידעאַליסטישע גרופּע האָט פאַרווירקלעכט איר טרוים און זיך באַזעצט אין דער יידישער קאָלאָניע קלאָנאָוויטש לעבן זאַמאָשטש, ווו מ׳האָט זיי צוגעטיילט באָדן, אָדער איז זייער שטרעבונג פאַרבליבן ניט מער ווי אַ חלום... ווי ס׳זאָל ניט זיין, איז די עצם ווענדונג געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג ביי יידן, ספּעציעל אין יענער תקופה.

נאָכדעם ווי די דרוקעריי איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לובלין, איז אין יוזעפאָוו געבליבן דער בנין מיט אייניקע פּאַראָסטעטע מאַשינען, וועלכע זענען געשטאַנען אָן וועלכן ס׳איז נוצן. פאַרשטייט זיך, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטעטל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרערגערט, אַ טייל פאַכלייט זענען אַוועק קיין וואַרשע צי קיין לובלין און די וואָס זענען געבליבן, האָבן געזוכט אַנדערע באַשעפטיקונגען.

אין יענער צייט איז די עיקר באַשעפטיקונג פאַר אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען זייער אַרבעט אין די וועלדער פון זאַמויסקיס גיטער. אייניקע פירמעס פון דאַנציג און לייפּציג האָבן געשיקט פון דייטשלאַנד אויפזעערס און פאַרוואַלטערס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין יוזעפאָוו — ווע־צייטווייליק, ווער סטאַביל, געדונגען אין שטעטל דירות און צוגענומען אָרטיקע יידן אַלס געהילפן, בראַקירערס און ביי אַנדערע באַשעפטיקונגען. אויך די פוילישע באַפעלקערונג איז געווען באַשעפטיקט ביים אויסהאַקן, שניידן און צעפירן דיביימער. זייערע פאַרדינסטן זענען דערנאָך געקומען אין די יידישע געשעפטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. דער מסחר און מלאכה ביי יידן האָבן אָנגעהויבן בליען. די טאַנדייט־שניידערס האָבן געהאַט פיל אַרבעט.

נאָר אין אַלע תקופות האָבן צענדליקער יידישע משפחות זיך מפרנס געווען פונעם האַנדל מיטן דאָרף. אויסקויפערס צי בעל־מלאכות פלעגן באַזוכן די דערפער, פאַרלייגן די פויערים זייערע סחורות צי פאַך־קענטענישן און דערפאַר באַקומען באַצאָלט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וועלכע מ׳האָט אַליין פאַרנוצט, אָדער דערנאָך פאַרקויפט. שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס, סטאָלער־ס האָבן געהאַט מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן...

די ערשטע יידישע דרוקעריי אין יוזעפאָוו

ר׳ דוד סעדיה ישעיהו, דער זון פון בצלאל וואקס, האָט אין יאָר תקפ״ה געבעטן ביי דער רעגירונג אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי אין יוזעפאָוו, לובלינער קרייז, כדי צו דרוקן דאָרט יידישע ספרים. די רעגירונג האָט געענט־פערט פאָזיטיוו, נאָר מיטן באַדינג, אַז דער כתב־יד (מאַנוסקריפּט) פון יעדער בוך וואָס דאַרף געדרוקט ווערן, זאָל פריער געשיקט ווערן צום לייענען קיין וואַרשע, צום צענזאָר און וואַרטן מיטן אויסזעצן, ביז עס וועט ניט קומען קיין תשובה פון דאָרט. נאָכן ענדיקן דרוקן דעם ספר, איז דער חוב פונעם דרוקער צו שיקן צום צענזאָר אַלע אָפּגעדרוקטע בויגנס, כדי ער זאָל זיך איבערצייגן אַז עס זענען ניט געמאַכט געוואָרן וועלכע ס׳איז ענדערונגען לויטן פריער באַשטעטיקטן כתב־יד.

אַנטקעגן די דאָזיקע האַרבע באַדינגונגען פון דער רעגירונג, האָט דער דרוקעריי־אייגנטימער געענטפערט, אז ר׳איז גרייט אויף אַלע אופנים צו דערפילן זייער פאַרלאַנג לויט די פאַראַנענע מעגלעכקייטן, נאָר וואָס שייך דאָס שיקן די אָפּגעדרוקטע בויגנס, בעט ער די רעגירונג ניט אַרויפלייגן אויף אים אַזאַ באַעלסטנ־דיקע אויפגאַבע, נאָר פאַרלייכטערן אַזוי, אַז פון יעדן אָפּגעדרוקטן בויגן זאָל ער צושיקן בלויז אַ געוויסע צאָל, בעת די פאַרבליבענע דרוקבויגנס וועלן ליגן אויף אַ זיכער אָרט, אונטער דער אויפזיכט פון שטאָט־עלטסטן, ביז עס וועט קומען דער ענטפער פון צענזאָר. די רעגירונג און צענזאָר האָבן אויף דעם מסכים געווען מיט אַ תנאי, אז דער דרוקער זאָל פאַרזיכערן אַ קויציע פון 20 טויזנט זלאָטעס.

דער דרוקער האָט גענומען זוכן און אויסגעפונען אַ שתדלן ביי דער רעגי־רונג, דער גראַף זאַמויסקי, וואָס איז געווען זיין מויל און מליץ יושר און געפועלט צו פאַרקלענערן די קויציע אויף 5 טויזנט פוילישע זלאָטעס. דאָך האָט דער צענזאָר זיך איינגעעקשנט און ניט געוועט נוטה צום קלענסטן אָפּנויג. איז פאַרן דרוקער ניט געבליבן קיין ברירה, ווי מסכים צו זיין צו די שווערע באַדינגונגען און איינגעקויפט די נייטיקע טיפּאָגראַפיע־מאַטעריאַלן ביי אַ דרוקער אין הרוביע־שאָוו און צוגעטרעטן צו דער אַרבעט אין יאָר תקפ״ו. ער האָט אָבער געפונען אַן עצה וויאַזוי אָפּראַטעווען פיל ספרים פון דער צענזור, ניט אָנגעבנדיק אויפן שערבלאַט אַווו דער ספר איז געדרוקט געוואָרן.

צווישן די ביכער וועלכע עס האָט געדרוקט ד. ס. וואקס, ניט אָנגעבנדיק דאָס אָרט און די דרוקעריי, האָב איך אויך געפונען: „סליחות פון אַ גאנץ יאָר, מיט טייטש פאַר מענער און ווייבער. האָבן מיר געשטעלט בלשון אשכנז אויף נאָר די סליחות, באַשיידט פאַר די לייט וואָס זענען אין די מדינות פאַרשפּרייט און מיר האָבן אויף שיין פּאַפּיר און שיינע אותיות און שוואַרצע טינט, אויך מיט גרויסע גליונות און אָן גרייזן. בזכות זה זאָל אונדז השם יתברך באַלד אויסלייזן....״

דער דרוקער ד. ס. וואקס איז געווען איבערגעגעבן זיין אונטערנעמונג און זיך פאַרנומען מיט דער מלאכה בערך 35 יאָר. לויט דער רשימה און צאָל ביכער וועלכע זענען אַרויס פון זיין דרוקעריי איז צו זען, אַז זי האָט זיך גערעכנט צו איינע פון די גרעסטע אין קיניגרייך פוילן. אויף די שערבלעטער האָט ער אָפּגע־דרוקט פאַרשידענע ציפערן ווי אויך די מוסטערן פון די אותיות וועלכע האָבן פריער באַלאַנגט צו די דרוקערייען אין אָסטראָווע (גרויסע אותיות) און סלאוויטע, ווייל ער האָט פון דאָרט איינגעקויפט אַ באַדייטנדיקע כמות טיפּאָגראַפישן מאַטעריאַל.

די ווייטערדיקע ביכער זענען דערשינען אין זיין דרוקעריי:

אגרת ארבע כוסות, לישרים תהילה (תקפ״ו). חוות דעת, לב טוב, מסילת ישרים, צאינה וראינה, קינות עתי״א, קול יהדותו על תהילים (תקפ״ז) הגדה ש״פ. עם מעשה נסים (תקפ״ח), אהל יעקב, חיי אדם (תקפ״ט), תורה עם מחזה אברהם (תקפ״ט—צ״ה), אהל יעקב, מחזור לכל השנה (תק״ץ). הגדה עם אשל אברהם (תקצ״א), חכמת אדם (תקצ״ג), אשמורת הבוקר, מסילות ישרים, מעבר יבק הקצר (תקצ״ה) לישרים תהילה, סדר סליחות על פי תנא דבי אליהו (תקצ״ח) מדרש עשרת הדברות, מדרש רבה, שערי ציון (תקצ״ט) ארחות צדיקים, זבד טוב עם זכרון לבני ישראל. זכור לאברהם, מדרש תנחומא, מחזור על פי עבודת הקודש (ת״ר) מדרש שמואל, שערי ציון, הרוקח הקצר, תיקנוי הזוהר (תר״א), עבודת ישראל, שערי קדושה (תר״ב), בית יצחק (תר״ג), בחינת עולם, עבודת הקודש (תר״ד), גדולת משה, עץ חיים, קצור חובות הלבבות (תר״ה), מנורת המאור עתי״א, מעגל צדק, תיקוני הזוהר (תר״ו), צאינה וראינה (תר״ז), ברכת הנהנין (תר״ח), ארוחות צדיקים (תר״ט), מדרש תנחומא, מחזור עתי״א, שבט מוסר עתי״א, תרי עשר עתי״א (תרי״א), דברי תורה, דברים שבקדושה, חכמת אדם, תנא דבי אליהו (תרי״ב), מגני ארץ (תרי״ג—יד), שאגת אריה (תרט״ו), פרי מגדים (תרט״ז), חיי אדם, צל״ח (תרי״ז), אור חדש (תרי״ח), עץ חיים, חידושי הריטב״א, עירובין (תרי״ט), חכמת אדם (תר״ך).

די דרוקעריי פון זעצער־רענער

אין יאָר תר״ה איז אין יוזעפאָוו אַנטשטאַנען אַ נייע דרוקעריי דורך די ברידער ברוך און שלמה זעצער און מיט דער הילף פון יחזקאל רענער זענען דערשינען אַ ריי וויכטיקע ספרים, ווי: עטרת חכמים, ראשית חכמה (תרכ״ו), מדרש רבה, תפארת צבי (תרכ״ז), ערבי נחל (תרכ״ח), נזר ישראל, סליחות (תר״ל), ספר הזר, רזיאל (תרל״ג), חידושי הרשבא, תולדות אדם (תרל״ד), ציון

לנפש חיה (תרל״ו־ז), ברוך טעם, לב אריה, שני לוחות הברית (תרל״ח). אין די יאָרן תרמ״ד—תרמ״ט האָט ברוך זעצער אליין געפירט די דרוקעריי, דערנאָך, אין יאָר תר״ן, האָט ער זי איבערגעפירט קיין לובלין, בשותפות מיט אברהם פעדער.

די דרוקעריי סלאַוויטע, וואָלינער געגנט

דער גלח מיכאל בענדעראָווסקי, אַ שונא ישראל האָט אויסגענוצט יעטוועדע געלעגנהייט צו מסרן אויף יידן פאַרן פּאָליציי־שעף אין פעטערבורג און באזונדערס געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער געשעעניש אין וועלכער עס זענען געווען פאַרמישט די ברידער שאַפּיראָ: דער איינבינדער האָט געוווּסט זייערע סודות, אַז די ברידער האָבן געדרוקט געוויסע ביכער, ניט געבנדיק זיי אַדורכצוקוקן דעם צענזאָר. דער אינהאַלט פון די ספרים איז פול מיט גיפט קעגן דער הערשנדיקער רעליגיע. דער דאָזיקער בלבול פון דערמאָנטן גלח איז געשטיצט געוואָרן פון צוויי יידן־משומדים וואָס האָבן נאָכגעזאָגט דעם גלח, אַז די דרוקערס שאַפּיראָ האָבן געדרוקט ספרים אָן דער קאָנטראָל פון צענזאָר. זייערע בריוו זענען אין סוף פון יאָר תקצ״ה געוויזן געוואָרן דעם גראַף בעקענדאָרף און די דאָזיקע באַשולדיקונגען האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויפן גראַף, אַז ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו רעפערירן דעם ענין פאַרן צאַר ניקאָליי דער ערשטער, וואָס האָט טאַקע באַשלאָסן איינצוזעצן די ברידער שאַפּיראָ ביז אַ פּראָצעס.

דער צאַר האָט אויך באַפוילן צו פאַרמאַכן אַלע יידישע דרוקערייען אין וואָלין און אין ליטע, און זיי וועלן ניט געעפנט ווערן, ביז אַ מיליטעריש געריכט וועט ניט אויספאָרשן די זאַך. די ברידער שאַפּיראָ האָבן אַלץ געטאָן צו באַווייזן זייער אומשולד. אויך דער ווילנער צענזאָר, זאב וואָלף טוגענדהאלט האָט באַשטעטיקט, אַז אויב אין די ספרים פון די ברידער שאַפּיראָ איז געבליבן עפּעס וואָס אומגעזעצלעכס, איז עס ניט די שולד פון די דרוקערס, נאָר פון די צענזאָרן וואָס האָבן באַקומען אַלע ביכער אַדורכצוקוקן. נאָר ווייזט אויס, אַז ניט קענענדיק גענוג די שפּראַך, אָדער ניט באַנעמענדיק דעם אמתן זין פון טייל שטעלונגען אין די ספרים, האָבן זיי איבערגעלאָזט אייניקע אויסדרוקן וועלכע רופן אַרויס אַ פּלוגתא. ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער מיינונג פונעם וויכטיקן צענזאָר, האָבן די ריכטערס געהאַט פאַראורטיילן כלפּי די באַשולדיקטע און זיי פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע. בעתן פּראָצעס האָבן די ריכטערס אויך פאַרדעכטיקט דעם אַלטן טאַטן פון די דרוקערס, הרב מ. שאַפּיראָ, נאָר ער איז נפטר געוואָרן אין ט׳ כסלו תקצ״ח פון גרויס עגמת נפש, וואָס זיינע צוויי זין זענען אומשולדיק פאַרמשפּט

געוואָרן. אין יענעם יאָר האָט די צאַרישע רעגירונג דערלויבט די גובערנאַטאָרן צו פֿאַרברענען די יידישע ספרים וואָס זענען ניט צענזורירט געוואָרן.

די ברידער שאַפּיראָ האָבן מוראדיק געליטן פון די פייניקונגען, אָבער ניט אויפגעהערט צו גלויבן, אז דער וואָס אייביק לעבט וועט זיי ניט פאַרלאָזן און באַפרייען פון דעם גהינום ביים לעבן. אין יאָר תרט״ז, ווען דער צאַר אַלעכסאַנדער דער צווייטער איז אַרויף אויפן טראָן, האָט ער אַמנעסטירט און באַפרייט די צוויי ברידער.

אין פראַגן פון צענזאָר, האָט די דרוקעריי אין סלאַוויטע געהערט צום צענזאָר אין ריגע און אין יאָר תקס״ה — צום צענזאָר ראָזנעסהאָן אין ווילנע. פון יאָר תקפ״ב און שפּעטער — צו די ווילנער צענזאָרן ע. גוטאַנסקי (הויפּט־צענזאָר), זיין פאַרטרעטער י. מאָסקאָוויטש און זייערע העלפערס יצחק בן ר׳ מרדכי ריי־בערלינג און מיכאל באָראָווסקי.

אַ גרויסע טייל פון די מאַשינען און מאַטעריאַלן פון דער דרוקעריי אין סלאַ־וויטע האָט איינגעקויפט דער באַוווסטער דרוקער פון יוזעפאָוו, דוד ישעיה סעדיה.

ח. נ. ביאַליק וועגן די ספרים פון יוזעפאָוו

אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער חיים נחמן ביאַליק באַפריינדעט זיך מיט אונדזער שטעטל. נאָך אַלס קינד, זייענדיק ביים זיידן, אַנטדעקט ער צומערשט יוזעפאָוו דורך לייענען די ביכער וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון די ברידער זעצער און יחזקאל רענער.

און אַזוי שרייבט ער:

„די ספרים אין שאַנק זענען זייער אַלטע און פאַרשידנאַרטיקע: דרוש, מוסר, הלכה, אגדה, דערציילונגען און שמועסן, קבלה, פאַרשונגען און אאז״וו. און איך לייען און גיי פון ספר צו ספר, שלונג איינעם נאָכן אַנדערן און ווער ניט זאַט. מיין ליבשאַפט צו די דאָזיקע ספרים איז אַזוי שטאַרק, אַז איך וואָלט געגעבן די לעצטע גראָשנס איינצושאַפן זיך פון זיי אַ ביבליאָטעק. דאָרט, אינעם ביכער־לאַנד, האָב איך אַ סך באַקאַנטע, פיל וווּנדערלעכע און פאַרשידענע שטעט האָב איך דאָרט געזען, די שטאָט לעמבערג און די פרוי פעסיל באַלאַבאַן, סלאַוויטע און זשיטאָמיר און די ברידער חנא־ליפּע און ר׳ יהושע העשיל שאַפּירא; וואַרשע (און דאָ דאַרף זיין יוזעפאָוו און די שותפים ר׳ ברוך זעצער און ר׳ יחזקאל רענער)״.

דאָקומענטן דערציילן

יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין דער זאַמויסקער אָרדינאַציע

ענטפער פון דער אַדמיניסטראַציע פון דער זאַמויסקער אָרדינאַציע אויף דער ביטע פון די יידן פון שטעטל יוזעפאָוו וועגן צוטיילן זיי באָדן:

„האָבנדיק פאַר זיך דעם בריוו פון דער פאַרוואַלטונג פון 16טן היינטיקן חודש ווו ס'איז פאַרגעשטעלט די דעקלאַראַציע פון די יידישע איינוווינער פון שטעטל יוזעפאָוו וואָס ווילן מען זאָל זיי אויסטיילן באָדן כדי צו גרינדן אַ יידישע קאָלאָניע, פאַרופט זיך די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע אויף דעם פריערדיקן באַשלוס אין דאָזיקן ענין פון 27סטן סעפּטעמבער 1833 יאָר, נומער 2502 און דערקלערט, אַז די בעלנים וואָס פאַרלאַנגען באָדן אויף אַ יידישער קאָלאָניע, קאָנען אַזעלכעס באַקומען אין דאָרף קאַלינאָוויטש, הינטער זאַמאָשטש, אויב זיי וועלן אָננעמען די באַדינגונגען וואָס זענען באַשטימט פאַר יענע קאָלאָניסטן.

סעקרעטאַר: יאַרקעוויטש, פּלעניפּאָטענט: זאַלעווסקי.

*

צו יוסף קאַהאַן און אַנדערע אַלטגלויביקע אין יוזעפאָוו.

אויף זייער דעקלאַראַציע וועגן באַקומען באָדן, האָט די גענעראַל־אַדמיניס־טראַציע געענטפערט, אַז זיי קאָנען אַזעלכעס באַקומען אין קאַלינאָוויטש, הינטער זאַמאָשטש, ווען זיי וועלן אָננעמען די באַדינגונגען וואָס זענען באַשטימט פאַר יענע קאָלאָניסטן.

*

אָפּזאָג פון דער אַדמיניסטראַציע פון דער זאַמויסקי־אָרדינאַציע אויף דער ווענדונג פון אַ ייד אין יוזעפאָוו:

זוועזשיניעץ, 24סטער מערץ 1835. גענעראַל־אַדמיניסטראַציע פון די גיטער פון דער זאַמויסקער אָרדינאַציע — צום פאַרוואַלטער פון טאָמאַשאָווער קלוטשי.

עס ווערט געמאָלדן דעם פאַרוואַלטער, אַז די ביטע פון דעם אַלטגלויביקן יאַנקל וואָס, איינוווינער פון דער שטאָט יוזעפאָוו, וועגן צוטיילן אים 4־5 מאָרג באָדן אויף צינז — איז נישט באַוויליקט געוואָרן און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אָפּזאָג־רעזאָלוציע.

גענעראַל־סעקרעטאַר: קענדזשערסקי, פאַרן פּלעניפּאָטענט: וויעניאַווסקי.

(פון „פּנקס זאַמאָשטש”).

גדולי ישראל אין אונדזער שטעטל

יוזעפאָוו, הגם אַ קליין שטעטל, האָט עס דאָך זוכה געווען אַז אויפן כסא הרבנות דאָרט זאָלן זיצן גדולי התורה, ווי דער רב הגאון ר׳ יואל סירקיס זצ״ל, פאַרפאַסער פון „בית חדש״ איבער די ארבעה שולחן ערוך, גערופן בקיצור הב״ח; דאָס גרויסע ליכט, דער רבי פון אַלע גלותן, הרב הגאון ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל, גערופן געקירצט מהרש״ק; דער רב הגאון ר׳ חיים אליעזר וואַקס זצ״ל, באַקאַנט אַלס קאַלישער רב; דער רב הגאון ר׳ שלום יוסף האַרצשטאַרק זצ״ל; און דער לעצטער רב הגאון ר׳ שמעון פארזאַנטשעווסקי זצ״ל, וואָס איז אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים ימ״ש.

מען דערמאָנט אויך דעם אדמו״ר, דער חוזה פון לובלין, אַ געבוירענער אין יוזעפאָוו. זיין שוועסטער מיט דער משפחה האָבן געוווינט אין אונדזער שטעטל ביז דעם לעצטן טאָג זייערן.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אַזעלכע גדולי התורה זאָלן ניט זיצן אַ לאַנגע צייט אין אַזאַ קליין שטעטל ווי אונדזערס, ווייל תמיד האָבן זיך געפונען גרויסע שטעט וועלכע האָבן געעפנט טיר־און־טויער פאַר אַזעלכע למדנים און זיי געבעטן צו פאַרנעמען דאָרט דעם כסא הרבנות. דעריבער זענען זיי טאַקע ניט געזעסן ביי אונדז לאַנג און אַריבער אין די גרויסע שטעט, אין וועלכע זיי האָבן אויך געהאַט צו דערפילן וויכטיקע אויפגאַבן.

אַזוי ווי אונדז פעלט גענוג מאַטעריאַל אויף צו שרייבן וועגן אַלע גאונים וואָס האָבן אַמטירט אין יוזעפאָוו, וועל איך שרייבן נאָר וועגן די וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַ רייכע תלמודיסטישע ליטעראַטור, ווו מיר געפונען אויך ביאָגראַפישע פרטים.

הרב הגאון ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל

געבוירן אין יאָר תקמ״ד (1784). זיין פאָטער ר׳ יהודה אריה איז געווען אב בית דין אין קאָמאַראָוו ביי זאַמאָשטש. אַלס יינגל האָט שלמה געלערנט תורה ביי זיין פאָטער און שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן און אַ וווּנדערבאַרן זכרון. אַ חודש נאָך זיין בר־מצווה איז נפטר געוואָרן דער פאָטער ר׳ יהודה אריה. ער איז פאַ־יתומט געוואָרן ניט נאָר פונעם טאַטן, נאָר אויך פון זיין גרויסן רבין. ער האָט זייער געבעטן ביי דער מאַמען די רביצין זי זאָל אים דערלויבן פאָרן לערנען אין די ישיבות. נאָכן באַקומען די דערלויבעניש, איז ער אַוועק אין דער ניט ווייטער זאַמאָשטש, אין דער ישיבה פון ר׳ יוסף אָכגעלערנטער, ווו ס׳האָבן אויך געלערנט שוין דערוואַקסענע בחורים, אַפילו געהייראַטע, אָבער גדולי התורה. צום ערשט האָט דער ראש הישיבה ניט געוואָלט אים אָננעמען, ווייל ווי קען אַזאַ יונג קינד זיך גלייכן צו זיינע עלטערע ישיבה־בחורים. אָבער נאָכן פאַרהערן אים און איינזען זיינע פעיקייטן, האָט ער גראָד זיך געפרייט אָנצונעמען אַזאַ תלמיד.

זיין דורשט צום לערנען איז ניט געשטילט געוואָרן מיט די לימודים אין דער ישיבה און ער פלעגט אַליין נאָך זיצן על תורה ועל העבודה אינעם זאַמאָשטשער בית־המדרש. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען ש״ס, פוסקים און אַלע האָבן געוווּסט אַז ער וואַקסט אַ גרויסער עילוי.

אין יענער תקופה האָט אין זאַמאָשטש זיך געפונען דער מגיד און ד״שן הרב הגאון ר׳ יעקב, באַקאַנט אַלס דער דובנער מגיד. דאָס קינד שלמה, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין די לימודים, האָט ביי אים געלערנט די קונסט פון דרוש. אַלט זייענדיק 15 יאָר, איז אים די מאַמע די רביצין געשטאָרבן און ער האָט געהאַלטן אַ גרויסן הספד, וואָס האָט אַלעמען דערשטוינט (דער הספד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם ספר „עין דמעה״ וואָס איז נאָך דערשינען ביי זיין לעבן).

נאָכן טויט פון דער מאַמען האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ באַרימטן גביר אין ראַווע־רוסקע, אַ תורה־ליבהאָבער. געזעסן ביי אים קעסט עטלעכע יאָר, די גאַנצע צייט געלערנט תורה, פאַרטיפט זיך אין תלמוד און באַרימט געוואָרן ווי אַ גדול בתורה און הוראה. אַלע ארבעה שולחן ערוך, מיט די קאָמענטאַרן און לעצטע פוסקים, זענען פאַר אים געווען „אָפן״.

נאָכן טויט פון זיין שווער האָט ער געדאַרפט געבן אַן ענטפער זיין ווייב מכוח פרנסה. אין יאָר תק״ע ווערט ער אָנגענומען אַלס רב אין שטעטל קוליקאָוו לעבן זשולקעוו. ער איז דאַן אַלט געווען 25 יאָר. אין קוליקאָוו ווערט זיין נאָמען באַרימט ווי אַ גרויסער גאון און פוסק. ער פאַרבינדעט זיך מיטן לעמבערגער רב, מחבר פון „ישועות יעקב״ און אַ סך מאָל ווערט ער צו אים פאַרבעטן כדי אויסהערן אַ מיינונג וועגן פאַרשידענע פראַגן פון הוראה. נאָכן זיצן אין קוליקאָוו 5 יאָר אויפן כסא הרבנות, האָט זיך אים פאַרגלוסט אומצוקערן אין מדינת פוילן. אין יאָר תקע״ה ווערט ער אויפגענומען אַלס רב אין יוזעפאָוו.

ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ גאון, האָט דאָס שטעטל אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. נאָך איידער ער האָט פאַרלאָזט קוליקאָוו, האָבן די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים פון דאָרט געבעטן ער זאָל ממשיך זיין און אַפילו גרייט געווען אים צו דערלייגן אויפן געהאַלט. אָבער ר׳ שלמה קלוגער האָט ניט געוואָלט ברעכן זיין וואָרט וועלכן ער האָט געגעבן די יוזעפאָווער יידן.

ווען דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז געווען אין יוזעפאָוו, איז ער שוין געווען באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט ווי אַ גדול בתור און גאון. פון אַלע עקן וועלט זענען צו אים געשיקט געוואָרן פראַגן וועגן רעליגיע און מינהגים. זיינע תשובות זענען אָנערקענט געוואָרן דורך די גרעסטע תורה־אויטאָריטעטן פון זיין דור און זיי זענען געווען מיט אים איינשטימיק. אין איינעם פון זיינע ספרים וועלכע ר׳האָט פאַרפאַסט, „אלף לך שלמה״, ווו ס׳זענען פאַראַן 1,200 שאלות און תשובות, איז אַ טייל געשריבן און געשיקט געוואָרן, ווען ער איז געווען רב אין אונדזער שטעטל, מיט זיין אונטערשריפט: פון שלמה קלוגער, אב״ד פון יוזעפאָוו און אומגעגנט.

אין יענער צייט האָט פּאַסירט, אַז דער שטאָטישער שוחט חיים (זיין פֿאַמיליע־נאָמען ווערט ניט דערמאָנט) האָט בודק געווען ניט ווי ס׳געהער צו זיין לויט דער הלכה און דער רב ר׳ שלמה האָט אים געוואָלט צונעמען פֿון דער שחיטה. דער לעצטער האָט משפּיע געווען אויף זיינע קרובים און פריינד, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף זיין זייט און אים געשטיצט. אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת. דער רב האָט אָבער ניט געוואָלט מוותר זיין אין דער פראַגע פֿון כשרות. דער קאָנפליקט איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדריגה, אַז די קהילה האָט כמעט אָפּגע־שטעלט צאָלן דעם רב זיין מאָגערן געהאַלט און די עקאָנאָמישע לאַגע פֿונעם רב איז געוואָרן זייער אַ שווערע. האָט זיך געטראָפֿן, אַז דעמאָלט איז פֿאַרבייגעפֿאָרן אונדזער שטעטל דער גרויסער גאון פֿון בראָדי, ר׳ אפרים זלמן מרגלית. בראָדי איז צו יענער צייט געווען באַקאַנט אַלס עיר ואם בישראל, מיט אַ סך תלמידי־חכמים און שרייבערס. דער גאָסט איז איינגעשטאַנען ביים רב, באַקענט זיך מיט זיין לאַגע צוליב דער אויסגעבראָכענער מחלוקת און דערזען פֿאַר זיך אַ געלערנטן מאַן, מיט וועמען יעדע גרויסע שטאָט וואָלט שטאָלצירט. דער גאָסט האָט פֿאַר־לענגערט זיין זיין אין יוזעפּאָוו אויף נאָך עטלעכע טעג, מיט אַ בפירושער כוונה, ווייל פֿאַרן אָוועקפֿאָרן איז צווישן זיי געוואָרן אָפּגערעדט, אַז הרב ר׳ שלמה קלוגער פֿאָרט אַריבער קיין בראָדי און וועט דאָרט זיין הויפּט־רב, און ער גופֿא, ר׳ אפרים זלמן, וואָס איז ביז איצט אַליין געווען דער הויפּט־רב, וועט פֿון ווייטער אָן אים אונטערליגן.

עס זענען פֿאַריבער עטלעכע וואָכן און פֿון בראָדי איז אָנגעקומען קיין יוזעפּאָוו אַ בכבודיקע דעלעגאַציע, כדי פֿאַרבעטן דעם רב מיט זיין בני־בית אין דעם נייעם אָרט. די שטעטלדיקע יידן האָט דאָס ווי געטאָן, זיי האָבן גענומען אים צוריידן ער זאָל בלייבן אין יוזעפּאָוו און ווי בשעתו די יידן אין קוליקאָוו — אים צוגעזאָגט צו העכערן דעם געהאַלט. נאָר זיי האָבן שוין פֿאַרשפּעטיקט. ר׳ שלמה קלוגער האָט שוין געהאַט ביי זיך דעם כתב הרבנות פֿון בראָדי. דעמאָלט זענען יוזעפּאָווער יידן געפֿאַלן אויף אַ המצאה און דורכגעפֿירט אַ פֿאַרצווייפֿלטן שריט: קאַליע געמאַכט דעם שיינעם וואָגן וועלכער איז געקומען אָוועקפֿירן דעם רב. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ שריט האָט ניט געקענט אָפּלייגן די נסיעה ווי נאָר אויף אייניקע טעג. מ׳האָט דעם וואָגן פֿאַראַכטן און עס האָט זיך גאָרניט געלאָזט ענדערן.

פֿון יאָר תקפ״א האָט הרב הגאון ר׳ שלמה קלוגער פֿאַרנומען דעם כסא הרבנות אין בראָדי אין משך פֿון 50 יאָר, ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן. ער איז נפֿטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ט (1869) אין עלטער פֿון 85 יאָר.

אין זכות פֿון זיינע שאלות און תשובות וועלכע זענען צו אים דערגאַנגען פֿון רבנים פֿון דער גאַנצער וועלט, האָט ער זוכה געווען צום טיטל רב פֿון די בני הגולה. ער האָט פֿאַרפֿאַסט 375 ספֿרים, ווי די צאָל פֿון די אותיות פֿון זיין נאָמען שלמה.

די ספרים אַנטהאַלטן פּירושים אויפן תנ״ך, ש״ס און פּוסקים — ראשונים און אחרונים. באַזונדערס האָט ער פאַרפאַסט חיבורים וועגן די טורים און שולחן ערוך. אין זיין דור און דורות נאָך אים איז ער באַטראַכט געוואָרן ווי דער גרעסטער פון די פּוסקים. דער הרב הגאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן זצ״ל האָט אויף אים געזאָגט: „ער איז איינער פון די ערשטע״.

8,000 תשובות אויף שאלות וועלכע ער האָט באַקומען פון אַלע עקן וועלט, געפינען זיך אין דרוק און אין מאַנוסקריפּט. מ׳האָט וועגן אים דערציילט, אַז אין זיין בית־המדרש זענען געזעסן פיר סעקרעטאַרן און ער האָט זיך צווישן זיי אַרומ־געדרייט און דיקטירט יעדן באַזונדער וואָס צו שרייבן. יעדער סעקרעטאַר האָט געהאַט אַ באַזונדערע טעמע: איינער — חידושים אין דער תור; אַ צווייטער — די אגדה; אַ דריטער — יורה דעה; דער פערטער — די פראַגן פון אבן העזר. זיינע תשובות זענען אָנערקענט געוואָרן, גלייך זיי וואָלטן געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני.

ניט איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן רבנים און גאונים אין פראַגן פון רעליגיע און אמונה און אין אָנהייב האָבן איניקע פון זיי ניט אָנגענומען די מיינונגען פון ר׳ שלמה קלוגער, אָבער צום סוף מסכים געווען מיט אים. פון אַלע זיינע ביכער האָט ער זוכה געווען אָפּצודרוקן בלויז 31. זיין זון הרב ר׳ אברהם־בנימין קלוגער ז״ל, האָט אַרויסגעגעבן 98 ספרים זיינע. די אַנדערע ספרים, אין כתב־יד, געפינען זיך אינעם ביכער־אוצר פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און וואַרטן אויף זייער גואל. דאָס אייניקל האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן זיין גרויסן זיידן „תולדות שלמה״.

יוזעפאָוו האָט געהאַט דעם כבוד און די זכיה אַז איינער פון די גדולי התורה און גדולי ישראל זאָל דאָ פאַרנעמען דעם כסא הרבנות.

דער משכיל און באַנייער משה נפתלי

בצלאל לעמער

אין יאָר 1898 האָט יוזעפאָוו, לויט היסטאָרישע מקורות, באַדאַרפט פייערן איר 200־יעריקן געבורטס־טאָג. אָבער אויך אין יענעם יאָר איז דאָס שטעטל געווען פאַרזינקען אין אַ טיפן שלאָף און אין צוריקגעשטאַנענקייט. דאָס לעבן דאָרט האָט זיך געפירט שטיל, אָרעם און אין פאַרגעסנקייט.

קהלס פאַרזאָרגערס האָבן זיך ניט איבערגענומען מיט דער לאַגע פון דער באַפעלקערונג און אויך די איינוווינער זענען געווען גלייכגילטיק צו זייער גורל. דער איינציקער וויכטיקער פרנסה־קוואַל אין שטעטל, די דרוקעריי וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער יידישער וועלט, איז אין יענער צייט אַריבערגעפירט געוואָרן פון יוזעפאָוו קיין לובלין — און אויך מיט דעם האָבן די שטעטלדיקע יידן משלים געווען אָן פּראָטעסט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די אַ־ומיקע דערפער, אָדער געננ־מען מיט זיי האַנדלען, צי באַדינען די פויערים מיט זייערע פאַכן, ווי שוסטעריי, שניידעריי און אַנדערע. אַ סברה, אַז דאָס לעבן אין שטעטל וואָלט אַזוי זיך געצויגן אַ סך יאָרן, ווען עס וואָלט זיך ניט באַזעצט דער יונגער משכיל און למדן, דער שפעטערדיקער איידעם פון ר׳ קלמן אונטערבוך און מאַן פון ר׳ אפּרוויטשע פירשטס אייניקל — משה נפתלי.

זיין באַווייזן זיך אין יוזעפאָוו האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. לויטן אויסזען און קליידונג, האָט ער זיך מיט גאָרניט אונטערשיידעט פון די אַנדערע בחורים אין שטעטל. דאָך האָט מען געוווּסט אַז ער איז אַ בקי אין די הייליקע ספרים און אין תלמוד, קאָן אויך שפּ־אַכן און וועלטלעכע לימודים.

די־אָ בילדונג האָט ער זיך צוגעאייגנט מיט אייגענע כוחות. געבוירן איז ער אין דאָרף זודקא, נאָענט פון שטעטל טאַרנאָגראָד. אין עלטער פון 8 יאָר פאַרלאָזט ער די היים פון זיינע עלטערן און הייבט אָן וווינען ביים עלטערן ברודער אין טאַרנאָגראָד, ווו ער האָט געלערנט צומערשט אין חדר, דערנאָך אין בית־המדרש און אונטערוואַקסענדיק — אויך זיך אַ נעם געטאָן צו וועלטלעכע לימודים. משה נפתלי האָט זיך אינטערעסירט מיט די יידישע דיכטערס פון שפּאַניע, אין דער תקופה פון מיטלאַלטער.

ווי ס׳איז געווען דער מינהג אין יענע יאָרן, האָט משה נפתלי גענאָסן פון עטלעכע יאָר קעסט ביי זיין שווער, וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו פאַרטיפן זיך אין לערנען — סיי תורה, סיי אין וועלטלעכע לימודים. אָבער ניט לאַנג האָט ער געוואָלט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט ווי דער רוב ישיבה־בחורים, לערנען אין בית־המדרש, נאָר געזוכט עפּעס צו טאָן, געוואָלט זיין באַשעפטיקט. ביסלעכווייז האָט ער קענען געלערנט דעם לעבנס־שטייגער פון די שטעטלדיקע יידן, זייערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און רחניותדיקע פּאַראינטערעסירונגען און באַשלאָסן זיך איינשפּאַנען אין דער אַרבעט צו פאַרבעסערן די לאַגע.

כדי באַפרייען זיך פונעם זיין אַן אײדעם אויף קעסט, האָט ער זיך געעפנט אַ ביוראָ פאַר יורידישע עצות, הגם ער האָט ניט געהאַט דערצו די פאָרמעלע בילדונג און קאָנצעסיע. נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט באַזיצט קיין פאַך און צום האַנדל האָט ער ניט געטויגט, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ווינקל־אַדוואָקאַט" און ביי דער־אָ באַשעפטיקונג באַקענט זיך פון דער נאָענט מיט דער יידישער נויט און צרות.

*

פאַר אים איז געווען אַ נייעס, אַז דאָס שטעטל פאַרמאָגט ניט קיין אייגענע גמינע, נאָר אין מוניציפּאַלן זין געהערט יוזעפאָוו צום דאָרף אַלעקסאַנדראָוו, וואָס געפינט זיך געגוג ווייט פונעם שטעטל און אירע איינוווינער, וואָס האָבן באַדאַרפט זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג בכדי דערליידיקן זייערע ענינים. משה נפתלי האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי דערהייבן די חשיבות פון שטעטל, אַריינבלאָזן אַ לעבעדיקן גייסט, איז נייטיק איבערצוטראָגן די גמינע קיין יוזעפאָוו, ווו עס זאָלן קומען די איינוווינער פון דער גאַנצער סביבה און אויפלעבן דאָס איינגעדרימלטע שטעטל. דערמיט וועט אויך דער האַנדל און מלאכה זיך אַנטוויקלען. זיינע באַמיונגען ביי די לאָקאַלע און ראַיאָניקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געגעבן רעזולטאַטן.

דערנאָך האָט ער אַנטדעקט, אַז די וועכנטלעכע יאַרידן וואָס קומען פאָר אין יוזעפאָוו יעדן דאָנערשטיק, זענען שוואַך באַזוכט פון די פּויערים, וואָס רופט זיך ווידער שלעכט אָפּ אויפן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון שטעטל. איינזעענדיק אַז דאָנערשטיק איז ניט דער פּאַסיקער טאָג פאַרן יאַריד, האָט ער גענומען אַרבעטן אַז דער יאַריד זאָל פאָרקומען יעדן מאָנטיק, נאָך צוויי רו־טעג ביי יידן און קריסטן. אויך פאַר דער אידעע האָט ער געהאַט אַ סך אָנהענגערס אין שטעטל און ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן מעשים ביי די מאַכט־אָרגאַנען צו טוישן דעם יאַריד־טאָג. אַ צו גרויסן חשק האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן פאַר דעם געדאַנק, נאָר ביסלעכווייז זיך געלאָזט איבערצייגן — און ס'האָט ניט גענומען קיין סך צייט, ווי די צאָל באַזוכערס אויפן יאַריד יעדן מאָנטיק איז פאַרגרעסערט געוואָרן אַנטקעגן דער צאָל וואָס פלעגט זיך באַטייליקן אין די דאָנערשטיקדיקע מאַרק־טעג. די פּרנסה־קוואַלן פאַר די איינוווינערס האָבן זיך פאַרגרעסערט און עקאָנאָמיש האָט יוזעפאָוו ממש אויפגעבליט.

די איינוווינערס האָבן געזען אין משה נפתלין ניט נאָר אַ בן־תורה און געביל־דעטער מענטש, נאָר אויך אַ פּראַקטישער טוער וואָס איז אויסן די גוטסקייט פון דער באַפעלקערונג. נאָכן דערגרייכן דאָס איבערפירן די גמינע אין שטעטל און ענדערן דעם יאַריד־טאָג, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן אַ גאָר נייעם ענין.

*

די ווויִן־באַדינגונגען אין שטעטל, באַזונדערס ביי דער יידישער באַפעלקערונג, זענען געווען זייער שלעכטע. דער רוב הייזער — אַלטע, ממש חורבות, מיט קליינע

פענצטער, דורך וועלכע די זון איז זעלטן ווען אַריינגעדרינגען אין די פאַרחושכטע שטובן. צו באַלייכטונג אין די נעכט האָט מען זיך באַנוצט מיט נאַפט־לעמפּלעך און צום קאָכן און הייצן האָט געדינט דאָס האָלץ פון די וועלדער וועלכע האָבן אַרומגערינגלט יוזעפאָוו. אויף די גאַסן איז אין די נעכט געווען פינצטער, וואָס האָט ניט ווייניק געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז שדים און רוחות געוועלטיקן אין שטעטל, באַזונדערס — אין אייניקע הייזער...

משה נפתלי איז אָבער געווען טיף איבערצייגט, אַז די מעשיות וועגן שדים איז נאָר אַן איינגעוואָרצלטער פון דורות אַבערגלויבן, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דערווירקלעכקייט. ער באַשליסט דעריבער צו באַפרייען דאָס שטעטל פון דעם געשפּענסט — און דעם אָנהייב מאַכט ער דווקא ביי זיין משפּחה.

גראָד ווען ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער געשיקט זיין עלטסטן זון, 6 יאָר אַלט, מיט אַ שליחות צום זיידן. זיין פרוי, די מאַמע פון קינד, האָט זיך קעגנגעשטעלט אַזעלכע געגנג, נאָר אַז דאָס קינד האָט זיך בשלום אומגעקערט אַהיים, האָט אויך זי איינגעזען, אַז אַפילו אינעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר פון אירע עלטערן האָבן ניט די רוחות קיין שליטה און אַז איר קינד האָט פון דאָרט זיך אומגעקערט אַ געזונטער און גאַנצער.

נאָכן ערשטן דערפאָלג ביי אייגענע, באַשליסט משה נפתלי זיך אַ נעם צו טאָן צו די ווייטערדיקע קרובים און סתם יידן פון שטעטל.

אין איינעם פון די ערשטע 10 הייזער וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין יוזעפאָוו ביים אַנטשטיין פון שטעטל, מיט העכער 200 יאָר צוריק, ווו ס'האָט געוווינט ר' אליעזר סיגעלמאַן, דאָס אַזוי גערופענע „געלע הויז", — האָט געשמט מיט די שדים און רוחות וואָס האָבן דאָרט געוועלטיקט אין די נעכט. דאָס איז געווען אַ געמויערט הויז פון געטעסעטן שטיין, ענלעך צו אַ קליינער פעסטונג. אין דער מיט — אַ לאַנגער קאָרידאָר און פון ביידע זייטן אַ סך צימערן מיט קאַמערן, ווו מ'האָט געהאַלטן פאַרשידענע כלים און מכשירים וועלכע מ'האָט גענוצט אויף אַ קורצער צייט, ערב געוויסע יום־טובים, ווי די כלים צו באַקן מצות אויף פּסח, האָלץ אויף ווינטער, געזייערט קרויט, ברעטער, שמאַטעס, פעסער אדג"ל. די קליינע פענצטער זענען בדרך כלל געווען פאַרקראַטעוועט מיט פאַרזשאַווערטע אייזנס. דער שיפּועדיקער דאַך באַדעקט מיט שינדלען זענען יאָרן לאַנג געווען איבערגע־צויגן מיט אַ שיכט גרינעם מאָך און אַ גאַנצן ווינטער איז דאָרט געלעגן אַ דיקער שיכט שניי — ביז די פרילינג־זון האָט אים צעלאָזט.

צווישן דאַך און דעם סופיט האָט זיך געפונען דער בוידעם, פאַרלייגט מיט פאַרשידן אַלטוואַרג און ברוכוואַרג פון אַלע איינוווינערס פונעם הויז. דער רוב זאַכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן בוידעם, איז שוין פון לאַנג געווען צום אַוועקוואַרפן, נאָר פאַר אַ טייל יידן איז דאָס געווען אַ שאָד... באַטאָג, אַז דער ווינט האָט געפייפט און געקלאָפּט מיט די טירן און פענצטער פונעם הויז, האָט

עס אויסגעזען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. דאַקעגן ביינאַכט, ווען די אַרומיקע שטילקייט האָט צוגעגעבן דעם געוואָי פונעם ווינט באַזונדערע קלאַנגען און טענער, האָט דער עולם דאָס אָנגענומען אַלס געוויין פון שדים, צי דער געיאָמער פון זינדיקע נשמות וואָס קענען ניט איינרוען אין קבר... פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע נעכט האָבן די איינוווינערס פונעם הויז ניט געקענט איינשלאָפן און געלעבט אין כסדרדיקער שרעק און שפּאַנונג.

משה נפתלי האָט געוווּסט וועגן זייערע ליידן און אַבערגלויבנס און באַשלאָסן דערצו מאַכן אַ סוף. אַ געוויסן טאָג באַווייזט ער זיך אין יענעם הויז און מיט אַן אומשולדיקער מינע בעט ער אַ דערלויבעניש אַרויפצוגיין אויפן בוידעם. אין די אויגן פון די יידן האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ געוואַגטער שריט, בפרט נאָך, אַז אונדזער העלד האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט פיזישער שטאַרקייט און הויכ־וווּקסיקייט. מיט אומחשק האָבן זיי אים דערלויבט צו גיין אויפן בוידעם. אויף אַלטע טרעפּ האָט ער זיך געלאָזט אַרויף אין דער הייך, אַריין אין בוידעם — און דאָ האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ וועלט פון דומפּיקע ריחות, אָנגעוואָרפענע זאַכן אין גרויס אומאָרדענונג און הונדערטער נעצן שפּינוועבס־רעדער וועלכע האָבן געפינקלט אין דער שוואַכער ליכט מיט אַלערליי פאַרבן. איבער די אָנגע־וואָרפענע כלים איז שווער געווען אַ טריט צו שטעלן, ער האָט אָבער פעסט באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער מוז דעם בוידעם דורכמעסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. די פאַרזאַמלטע שכנים פון הויז האָבן מיט אומרו און זאָרג געוואַרט אויפן גאַסט — ביז ער האָט נאָך אַ לענגערער צייט זיך באַוויזן אַ באַדעקטער מיט שטויב, שמוץ און שפּינוועבס — נאָר אַ שמייכלדיקער און צופרידענער פונעם אָפּגעטוענעם שטיקל אַרבעט. מיט אַ רויקן טאָן האָט ער דערקלערט די סיבות פון די קלעפּ און גערויש וואָס טראָגן זיך פון דער הייך: פאַראַן דאָרט אַ סך עפע־נונגען דורך וועלכע דער ווינט רייסט זיך אַריין און וואָס באַוועגט די אָנגע־וואָרפענע זאַכן וועלכע גיבן אַרויס פאַרשידענע קלאַנגען... „אָט דאָס איז דער גאַנצער סוד פונעם בוידעם" — האָט ער פאַרזיכערט די צוהערערס.

דאָס שטעטל האָט אויפגעהערט גלויבן אין שדים און אין בייזע רוחות.

אַזאַ איז געווען אונדזע משה נפתלי, דער משכיל, באַנייער און אַנטפּלעקער.

אַ מעשה מיט שדים

אפרים וואַרעמשטיין

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1926, ווען די גמינע האָט געפירט אַן אַקציע צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דעם אויסזען פון שטעטל. אַ געוויסן טאָג האָט די אלמנה פון ברוך זעצער באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו צעלייגן דאָס האַלב־חרובע הויז וווּ ס'האָט אַמאָל זיך געפונען די דרוקעריי פון די משפחות זעצער און ר'ענער. דאָס דאָזיקע הויז איז שוין אַ לאַנגע צייט געווען פאַרוואָרלאָזט, ניט באַוווינט און דערצו נאָך געהאַט אַ שם, אַז אין די נעכט רודערן דאָרט אַרום שדים. אמת, אין יענער צייט איז די אמונה אין שדים געווען שוין אַ גענוג שוואַכע, דאָך האָט מען נאָך אַלץ געגלויבט...

די אויפפאָדערונג צו צע'שטערן דאָס הויז איז געווען באַגלייט מיט אַ וואָרענונג. אַז אין פאַל דאָס וועט ניט געטאָן ווערן דורך דע'ר אייגנטימערין, וועט די גמינע אַליין אַדורכפירן די אַרבעט און דערנאָך וועט מען איר דאַרפן דעקן אַלע אויסגאַבן.

נאָך דריי אַזעלכע וואָרענונגען, אַז די פּ־וי זעצער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט בדעה אַדורכצופירן די צעלייגונג פונעם הויז, האָט די גמינע באַשטעלט אַרבעטער און בסוד סודות זיי אָנגעזאָגט, אַז מאָנטיק גאַנץ פרי זאָלן זיי צוטרעטן צו דער אַרבעט.

פרייטיק האָט זיך פאַרגלוסט דעם קריסטלעכן אונטערנעמער פון דער צעשטער־מלאכה אַריינצוגיין אין געשעפט פון רייזל אייזען, אַ שכנטע פון דער אלמנה זעצער, כדי ביי איר קויפן אַ פלעשל בראָנפן. נאָכן אויסטרונקען עטלעכע גלעזלעך, האָט זיך אים אויפגעבונדן די צונג און ער האָט דערציילט, אַז דעם בראָנפן נעמט ער אויף באָרג, אויפן חשבון פון דער אַרבעט וועלכע ער דאַרף אַדורכפירן אין 3 טעג אַרום... די גמינע האָט זיך מיט אים באַדונגען אויף 500 זלאָטעס, וואָס איז, לויט אַלעמענס מיינונג, געווען אַ גאָר טייערע פרייז, וועלכן די אלמנה וואָלט דערנאָך געמוזט באַצאָלן, מיט נאָך קאָסטן.

ווי נאָר עטל זעצער האָט זיך דערוווּסט פון איר גוטער שכנה וואָס עס דאַרף פאָרקומען, איז זי געקומען פרעגן, ווי אַזוי קאָן זי אויסמיידן צו באַצאָלן אַזאַ גרויסע סומע געלט. איך האָב איר געראָטן צו שיקן דעם זון אין נאָענטן דאָרף, וווּ ער וועט באַקומען אַרבעטער אויף פונאַנדערצוּוואַרפן דאָס הויז און ס'וועט קאָסטן פיל ביליקער וויפל די גמינע וועט באַצאָלן. דאַן איז אָבער געווען שניט־צייט, די פויערים זענען געווען פאַרנומען אויף די פעלדער און קיינער פון זיי איז ניט געווען גרייט צו קומען אַרבעטן אין שטאָט. האָט די פרוי זעצער זיך געווענדעט צו מיר און כ'האָב מסכים געווען צו צעלייגן דאָס הויז פאַר... 200 זלאָטיס.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט באַדאַרפט פאַרלויפן דעם וועג און צעשטערן דאָס הויז אַמשפעטסטנס זונטיק ביינאַכט. איך האָב דעריבער באַשטעלט אַרבעטער פאַר

וועלכע כ'האָב גענומען אַלץ צוגרייטן פון פריער. נאָך האַלבער נאַכט האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַזוי ווי ס'איז אינעווייניק געווען פינצטער, האָב איך אויסגעהאַקט אַ לאָך אין דאַך, פונוואַנען עס זאָל אַריינדרינגען אַ ביסל ליכט פון דער אויפגייענדיקער לבנה. דערנאָך האָב איך זיך גענומען צום צענעמען די שינדלען און זיי אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד.

אין יענעם מאָמענט איז גראָד פאַרבייגעפאָרן אפרים קריימער אויף זיינע פערד. דערזען ווי פון דער חרובער געביידע פליען שינדלען מיט גרויס טומל, האָט ער זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און גענומען שרייען:

— שדים! געוואַלט, יידן, שדים!...

דאָס געשריי איז געווען אַזוי הויך און פאַרצווייפלט, אַז אויך איך אויפן דאַך האָב אַלץ געהערט און אים גענומען באַרויקן:

— דאָס זענען ניט קיין שדים! דאָס בין איך, אפרים סטאָלער וואָס צעלייגט דאָס הויז.

אפרים קריימער האָט זיך קוים באַרויקט — און געלאָזט זיך ווייטער רייטן מיט זיינע שקאַפּעס. נאָר גאַנץ באַגינען, ווען די פּוילישע אַרבעטער זענען געקומען צום הויז כדי עס צעלייגן, האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן אָנגעהויפטע ציגל און טינק. דער בנין האָט שוין ניט עקזיסטירט. און אַ סברה — אַז אויך די אויסגע־טראַכטע שדים פונעם הויז זענען אויף תמיד פאַרשוווּנדן...

צוויי יוזעפאָווער רבנים

זישע האַרצשטאַרק

(נכד הרב הגאון ר׳ שלום יוסף האַרצשטאַרק זצ״ל)

נאָך אַלס יונגל, אַלס אַ גאָר קליין יונגעלע, בבית אבא, אין לאָדזש, ווו מיין פאָטער הרב ר׳ נפתלי הערצל האַרצשטאַרק זצ״ל, איז געווען פון די פירנדיקע מיט־גלידער פון דעם ראַבינאַט, דאָרטן אין דער פינף־צימערדיקער דירה, אויף צעגיעל־ניאַנאַ 26, האַרט נעבן דער רוישנדיקער פיעטרקאָווער גאַס, דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט: יוזעפאָוו.

צו זאָגן, אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען די מיינונג פון דעם וואָרט, וואָלט איך נישט געווען ערלעך לגבי זיך אַליין; אַז עס איז אַ נאָמען פון אַ שטעטל האָב איך, כמעט, יאָ געוווסט; און טראָץ דעם איז יוזעפאָוו לויט מיינע דאַמאָלסדיקע יונגלערישע באַגריפן, געווען עפּעס מער ווי אַ נאָמען פון אַ שטעטל. יוזעפאָוו לויט מיין דאַמאָלס־דיקע אויפפאַסונג, איז געווען אַ מין אינסטיטוציע; אַ פאַרנעם אַזאַ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וועלט פון תורה און חכמה, פון יידישע האָרעפּאַשניקעס, ערלעכע בעלי מלאכה און יגיע־כפּיים׳דיקע אויסגעמוטשעטע אָבער שטענדיק פריילעכע יידן, וואָס פלעגן זיך דערקוויקן מיט אַ בריוול פון אַ לאַנדסמאַן פון אַמעריקע, צו וועלכן עס איז תמיד געווען בייגעלייגט אַ פאָר דאָלער פאַר דער משפחה אָדער סתם פאַר אַ נצרך אין שטעטל.

יאָרן זענען פאַרלאָפן, מייסטנס שווערע און ביטערע יאָרן פון ליידן און פון פּיין, נישטאָ מער יוזעפאָוו; פאַרניכטעט זענען געוואָרן די דאָזיקע האַרציקע טיפן יידן, טיפן אַזעלכע, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געקענט, אָבער וועמענס גע־שטאַלטן זענען מיר מער ווי איין מאָל אַרויפגעשווימען אויפן געדאַנק. און אָט געפינסטו זיך אין ניו־יאָרק און מען פאַרלאַנגט פון דיר, אַז דו זאָלסט פאַר־צייכנען לזכרון עולם שטריכן וועגן דעם זיידן ר׳ שלום יוסף האַרצשטארק, דער יוזעפאָווער רב זצ״ל.

הרב הגאון ר׳ שלום יוסף האַרצשטאַרק זצ״ל

ווי אַזוי קען מען שילדערן די פערזענלעכקייט פון אַ זיידן, וועלכן דו האָסט קיין מאָל נישט געזען, וועלכער האָט זיך מיט דיר קיין מאָל נישט געשפּילט, אַ זיידע, וועלכער האָט דיך קיין מאָל נישט פאַרהערט אַ פרשה חומש, וועמענס באָרד דו האָסט קיין מאָל נישט אַ גלעט געטאָן און פון וועמען האָסט קיין מאָל נישט געקראָגן קיין גראָשן חנוכה געלט?

מיין פאָטער זצ״ל אָדער — ווו מ׳האָט אים געפלעגט רופן — הערצעלע דעם רב׳ס, האָט תמיד געפלעגט שילדערן דעם זיידנס אויסזען. אַ הויכער ייד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, אַ הדרת־פּנימדיקער געשטעל פון כולו אומר כבוד, שטרענג און

גלייכצייטיק גוטמוטיקע אויגן, תמיד מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ געפיל פון השתתפות בצער ווען ער האָט נאָר מרגיש געווען, אַז עפּעס טוט, חלילה, עמעצן וויי און ער נויטיקט זיך אין הילף אָדער אין אַן עצה.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, שוין אַלס דערוואַקסן יונגל, האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן וועגן דעם מקור און דעם שורש פון דעם שטעטל. און דעם אַריינפּיר צו מיינע ידיעות וועגן יוזעפאָוו האָב איך דערשנאַפּט אין טאַטנס ספרים־שאַנק, ווו צווישן די טויזנטער ספרים האָט אַרויסגעשיינט מיט כבוד, אַ קליין דיק ספר מיט האַלב צעריסענע טאָוולען. אויסגעזען האָט עס גאָר ווי אַ חומש אָדער אַ משניות און געווען איז עס גאָר אַ תהילים. יאָ, אַן אויסגעווייקטער תהילים, געלע און האַלב אָפּגעריבענע בלעטער, געדרוקט אין ירושלים און אַרויסגעגעבן דורך דעם זיידנס אַ פעטער ר׳ יודל לאַנדא, פון נודע ביהודה׳ס גזע, צו וועלכן מיין זיידע האָט מחבר געווען אַן אייגענעם פירוש „שושנים לדוד״ און אויך הגהות צו די פּסקי הלכות, וועלכע זענען געווען אַ חלק פון דעם תהלים, וועלכער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי ווי אַ „חק לישראל״. דאָס ספר אַליין האָט ביי מיר אַרויסגערופן בייגעריקייט און סענסאַציע און עס האָט פאַרגרעסערט מיין חשק צו וועלן וויסן דעם גאַנצן אַרום און וועגן מיין זיידן און וועגן דעם שטעטל ווו ער האָט געפירט זיין רבנות.

*

גדולי הדור פון די פריערדיקע דורות אין דעם פאַרמלחמה׳דיקן פוילן, די בעלי תריסין פון דער לומדישער ליטע און פון גאונישן גאַליציע, האָבן אים מכבד געווען צוליב זיין אייגנאַרטיקע שיטה אין הוראה, הלכה למעשה. דער נצי״ב פון וואָלאָזשין האָט זיך מיט אים דורכגעשריבן אין זיין תשובה־ספר „משיב דבר״; אין די חסידישע הויפן פון מלכות ריזשין און סאַדיגורע האָט ער שטענדיק פאַרנומען דעם אויבנאָן און ביי דעם באַרימטן בעל התכלת דער גאון און צדיק רבי גרשון העניך פון ראַדזין מ״ט וועלכן ער האָט אַפילו געהאַט מהלוקות לשם שמים, איז דער יוזעפאָווער רב געווען אַ שם דבר און נישט נאָר דער אייגנאַרטיקער טיפּ פון אַ קליינשטעטל־דיקן רב. אַזוי אויך האָט אים שטאַרק מעריך געווען דער ספרדישער גאון ר׳ חיים חזקי׳ מדיני, דער בעל שדי חמד מיט וועלכן ער האָט געפירט כסדרדיקע קאָרעס־פּאָנדענץ וועגן פאַרשידענע הלכה׳שע אָפּהאַנדלונגען.

מיין זיידע, דער יוזעפאָווער רב הגאון ר׳ שלום יוסף האַרצשטאַרק זצ״ל איז געווען דער זון פון גראַבאָוויצער רב הגאון ר׳ אלעזר האַרצשטאַרק זצ״ל, וועמענס מוטער איז געווען די טאָכטער פון ר׳ נחמי׳ יחיאל פון ביכעווע, דער זון פון לעגענ־דאַרן ייד הקדוש פון פּשיסכע.

גענוי ווען דער זיידע איז געבוירן געוואָרן — ווייס איך נישט, נאָר כ׳געדענק פון מיין טאַטנס דערציילן, אַז דער זיידע איז פאַריתומט געוואָרן יונגערהייט און

איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי זיין זיידן ר׳ נחמי׳ אין ביכעווע, אַ שטעטל אין דעם מלך אביונ׳ס גיטער אין דער לובלינער גובערניע.

תמיד האָט מיין טאַטע ז״ל מיר געגעבן צו פאַרשטיין וועגן דעם שורש פון וועלכן ער האָט געשטאַמט, וועגן דער סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט און וועגן דעם שטעטל יוזעפאָוו. ווו ער איז געבוירן געוואָרן. פונקט אַזוי ווי מיין פאָטער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיין טאַטנס בית דין שטוב, אַזוי האָב איך, אַלס יונגל געשלונגען מיט נייגעריקייט די אינטערעסאַנטע שילדערונגען וועגן דעם יידישן לעבן אין דעם קליינעם יוזעפאָוו.

אויף דער פוילישער מאַפּע האָט מען דאָס שטעטל כמעט בכלל נישט אַרויסגעזען, דערפאַר אָבער איז יוזעפאָוו געווען באַרימט מיט איר ספרים־דרוקעריי, וועמענס באַלעבאָס עס איז געווען דעם זיידנס שווער, ר׳ שלמה זעצער, אַ ייד אַ חסיד, אַ ניכטערער סוחר און אַ בעל־צדקה פון גרויסן פאַרנעם. עפּעס פון דערציילן ווייס איך, אַז צוזאַמען מיט אים האָבן אין דער דרוקעריי מיטגעווירקט די וועלטשערס און די נאַדלערס און זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן מפרסם געמאַכט די יוזעפאָווער דרוקעריי און באַוויזן צו פאַרשפּרייטן די געדרוקטע ספרים אויף דעם ביכער־מאַרק אין די גרויסע שטעט פון פוילן.

די יוזעפאָווער בעלי בתים, די מערסטע פון זיי סאַדיגורער און טריסקער חסידים האָבן דעם זיידן אַריבערגעבראַכט קיין יוזעפאָוו פון גראַבאָוויעץ (אויך אַ שטעטל ערגעץ־ווו אין לובלינער גובערניע), ווו דער זיידע איז געווען רב אַלס ממלא מקומו פון זיין פאָטער הגאון ר׳ אלעזר האַרצשטאַרק זצ״ל.

איך האָב נאָך אַליין געקענט יידן, זקנים, וועלכע, בעת זיי האָבן נאָר דערמאָנט דעם זיידנס נאָמען, האָבן זיי זיך אַ שטעל־אויף געגעבן און דערביי מוסיף געווען: מען דאַרף האָבן דרך ארץ פאַר ר׳ שלום יוסף׳ס תורה און פאַר זיין חכמה און אויסער דעם האָט מען נישט פאַרגעסן צוצוגעבן — און זיין יחוס? איין קלייניקייט, אַן אָפּשטאַם פון רש״י, דער רמ״א, פּני יהושע און גאָר נאָענט געקניפּט און געבינדן מיט דעם נודע ביהודה, דער גאון און צדיק ר׳ יחזקאל לאַנדא וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס דער „נשיא הלויים" אין פּראַג.

כדי צו כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייט פון זיידן אַלס רב בישראל, איז כדאי צו ציטירן אַ וואָרט וואָס כ׳האָב געפלעגט הערן ביים טאַטן אין הויז:

דער זיידע האָט געפלעגט זאָגן: כ׳האָב דורכגעלערנט גרינטלעך אַלע ארבעה חלקי שלחן ערוך און אין ענינים פון דת האָב איך נישט געפינען קיין שום פשרה, אויסער אין ענינים פון חושן משפט; מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין שום קאָמפּראָמיסן אין ענינים פון יידישקייט און הלכה.

און צו באַווייזן ווי ווייט מ׳האָט אים אנערקענט אַלס אַ גדול בתורה ובהוראה, טראָץ דעם וואָס ער האָט כמעט נישט אָנטייל גענומען אין די רבנישע קאָנפערענצן פון יענער צייט, איז כדאי צו ברענגען אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, אַ שטיקל גע־

שיכטע אין אַמאָליקן יידישן פּוילן, לויט ווי עס ווערט געשילדערט אין דעם ספר „תירוש ויצהר״, פון הגאון ר׳ בצי יחזקאל מיכלזאָן הי״ד, דער פּלאָנסקער רב, לעצ־טנס אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון וואַרשעווער ראַבינאַט, וואָס האָט געטיילט דעם גורל פון די געטאָ־יידן און איז אומגעקומען על קידוש השם אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע.

פאַראַן דאָרט אַ בריוו דאַטירט פון ב׳ תשרי תרמ״ה (1885) געשריבן פון הרב מיכלזאָן צום זיידן בעת ער, הרב מיכלזאָן איז נאָר וואָס אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קראַסניבראָד, אַ קליין שטעטל אין לובלינער גובערניע.

הרב מיכלזאָן שרייבט דאָרטן: היות איך בין נאָר־וואָס אויפגענומען געוואָרן אַלס רב, אַליין בין איך גאָר יונג אין יאָרן, און איך דאַרף אויך נאָך מ׳זאָל מיר אָנווייזן ווי אַזוי צו פירן אַן עדה בישראל; אָט איז איצט פאַר פסח, שרייבט הרב מיכעלזאָן, מ׳דאַרף פאַרברייטערן אַ נוסח פאַר אַ שטר מכי״ת חמץ און כ׳ווייס פּשוט נישט, ווי אַזוי זיך אָפּצוגעבן דערמיט. בעט איך אייך, דעריבער, יוזעפאָווער רב, פונקט אַזוי ווי כ׳האָב דאָס פאַרלאַנגט פון אַנדערע רבנים, אַז איר זאָלט מיר אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג און מיר געבן די פּאַסנדע הדרכה ווי אַזוי דאָס דורכ־צופירן כהוגן און לויט דער הלכה.

די תשובה פון יוזעפאָווער רב ווערט דאָרט געדרוקט אַלס ענטפער אויף דער הלכה׳שער אָנפראַגע און הרב מיכעלזאָן פאַרענדיקט דאָרטן (תשובה קצ״א דאַטירט ב׳ תשא תרמ״ה) „וכשאני לעצמי בחרתי לי את הנוסח של הרב מיוזעפאָוו לעשות מכירה כוללת ובני העיר שיש להם חמץ נותנים לי רשות למכור חמצם. איך האָב באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט די אָנווייזונגען פון יוזעפאָווער רב און וועל, לויט זיין הדרכה, אָנהויבן מיינע ערב פסח׳דיקע רבנישע פונקציעס אין קראַסניבראָד.

*

צווישן די אינטערעסאַנטע קוריאָזן און פּאַסירונגען פון די דאַמאָלסדיקע יאָרן, האָט מיין פאָטער זצ״ל מיר דערציילט וועגן דער חברה „מקיצי נרדמים״ וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר תרס״ב (1902).

פון זכרון געדענק איך נאָר, אַז אין קאַיר, אין מצרים, האָט דעמאָלט גע־ווירקט אַן אַשכנזישער רב הרב מנחם מנדל הכהן, וועלכער איז געווען גוט באַפריינ־דעט מיט דעם חכם באַשי פון מצרים, אלי׳ חזן ס״ט; דער זיידע אַ כתבא רבא און אַ גוטער פריינד פון דעם הרב כהן האָט באַוויגן די רבנים פון דער דאַמאָלס באַרימטע קהילה אין מיטעלן מזרח, אַז זיי זאָלן באַשיינען די היסטאָרישע קאָנפערענץ מיט זייער אָנוועזנהייט.

(פּרטים וועגן דער חברה און קאָנפערענץ ווערן דערמאָנט אין ספר זכותא דאברהם, אַ ביאָג־אַפישע אָפּהאַנדלונג וועגן ר׳ אברהמ׳לע טשעכאַנאָווער זצ״ל און זיין אייניקל ר׳ מענדל לאַנדא פון זאַוויערטשע זצ״ל, וועלכער איז געווען פון די

פני ביי דער היסטאָרישן צוזאַמענקונפט אין דער גרויסער קראָקעווער שיל. דאָס ספר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן מוסד הרב קוק אין תש״ט אין תל־אביב. רעדאַגירט פון הרב יעקב ווערדיגער).

*

געווען איז עס ווינטערצייט. איך בין שוין דאַמאָלט געווען אַ בר־מצוה בחור. איז דאַן געקומען קיין לאָדזש מיין פעטער, דער יוזעפאָווער רב הרב שמעון פאָר־זענטשעווסקי הי״ד מיט דער טאַנטע רייזל און זייער בכור נחמיה יחיאל הי״ד. געווען איז עס מוצ״ש י״ב שבט. עס איז זיך צוזאַמענגעקומען די גאַנצע משפחה ביי אונדז אין הויז. עס זענען אויך געווען מיין פאָטערס ברידער, פעטער אברהם און פעטער שלמה הי״ד. עס איז דאַן געווען די יאָרצייט פון זיידן, דעם יוזעפאָווער רב זצ״ל. ביי דער געלעגנהייט האָב איך אויפגעכאַפּט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער פּטירה פון זיידן. מיין טאַטע ז״ל האָט דערציילט, אַז אָנהויב שבט תרפ״א איז געקומען אַ טעלעגראַמע קיין לאָדזש אין וועלכער מען האָט מודיע געווען אַז דער זיידע איז ערנסט קראַנק און זיי זאָלן גלייך קומען קיין יוזעפאָוו. קומנדיק אַהין, האָט דער טאַטע ווייטער דערציילט, האָבן זיי אויסגעפונען אַז דער זיידע איז זייער שלאַף, עפּעס אַ נירן קראַנקייט וואָס, היינט מסתמא, וואָלטן די אַנטיביאָטישע רפואות עס באַלד אויסקורירט. געווען איז עס פרייטיק פאַרטאָג און דער זיידע האָט אַרייַנגערופן די קינדער צו זיך, באַזונדער געטרונקען לחיים צו יעדן פון זיי, זיך געזעגנט מיט יעדן איינעם באַזונדער און געבעטן וואַסער צו וואַשן זיך די הענט. און, ווי עס וואָלט געווען נעכטן, געדענק איך מיין טאַטנס צורה און זיין בלייכן פּנים, ווען ער האָט דערציילט און צוגעגעבן אַז „בעת דער טאַטע האָט זיך מיט מיר געזעגנט האָט ער מיר אָנגעזאָגט: למען השם אָן הספדים, הערצל, דו קענסט זאָגן אַ פּאָר ווערטער אויב דו וועסט זיין בכוח״... נאָך אַמאָל זיך געוואַשן די הענט, געזאָגט „שמע ישראל״ און יצאה נשמתו בטהרה והחזירה ליוצרה. דעם 12טן טאָג אין שבט תרפ״ה.

פון הערן בלויז ווי דער זיידע איז נסתלק געוואָרן קען מען האָבן אַ באַגריף וואָסער אַרט לעבן ער האָט געלעבט. אָט אַזוי האָט געלעבט און געווירקט דער יוזע־פאָווער רב הרב הגאון ר׳ שלום יוסף האַרצשטארק זצ״ל, ריין און פּרעכטיק אין חיצוניות און אין פּנימיות — אַ מוסטער פון טוהר המחשבה והמעשה.

יהי זכרו ברוך!

דער יוזעפאָווער רב האָט געהאַט 5 זין און אַ טאָכטער. ר׳ אלעזר דער עלטסטער, דער פאָטער פון ר׳ דוד האַרצשטארק ז״ל, דאָס עלטסטע אייניקל פון זיידן וועלכער האָט איבערגעלעבט די מלחמה (זייענדיק אין רוסלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע); ר׳ יעקב יצחק — געוווינט אין אָסטראָווע.

מיין פאָטער הרב ר׳ נפתלי הערצל זצ״ל — נפטר געוואָרן ב׳ דפסח תרצ״ח אין לאָדזש.

ר׳ אברהם ישראל הי״ד, ר׳ שלמה הי״ד —ביידע אומגעקומען אין די מלחמה יאָרן אין אוישוויץ.

הרבנית רייזל הי״ד די פרוי פון לעצטן יוזעפאָווער רב, מיין פעטער הרב ר׳ שמעון פארזענטשעווסקי זצ״ל.

הרב ר׳ שמעון פארזענטשעווסקי הי״ד — דער לעצטער יוזעפאָווער רב

קורץ פאַרן מלחמה אויסברוך אין 1939 איז מיין פעטער הרב ר׳ שמעון פאַרזענטשעווסקי הי״ד געווען ביי אונדז אין לאָדזש אויף אַ קורצן באַזוך פון וואַנען ער איז עטלעכע טעג צוריק געפאָרן אַהיים.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן און יוזעפאָווער יידן צוזאַמען מיטן כלל ישראל האָבן געטרונקען דעם כוס התרעלה בעת עס האָט געהערשט דער רעזשים פון דעם דייטשן ממשלת זדון.

בעת אַ טייל פון יוזעפאָווער יידן האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד, איז דער יוזעפאָווער רב געבליבן אין שטעטל און געטיילט זיין גורל צוזאַמען מיט די הונדערטער משפחות וואָס זענען געבליבן אין יוזעפאָוו, וועלכע ער האָט ליב געהאַט און וועלכע האָבן אים מכבד געווען אַלס אַ פּערזענלעכקייט פון גרויסן פאַרנעם מיט ברייטע השגות, אַדורכגעדרונגען מיט פקחות, אינטעליגענץ און אמת־יידישער האַרציקייט.

דער רב האָט געהאָפט אַז ער וועט מצליח זיין עפּעס אויפצוטאָן ביי זיך אין שטעטל און אַפילו אויף פאַר אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן, נאָך פאַר דער מלחמה, אים געוואָלט „אויסכאַפּן״ אַלס אַ רב ביי זיי.

אין זיינע כתבים וועלכע זענען געפונען געוואָרן במשך דער מלחמה, האָט ער צוו. אַנד. דערמאָנט, אַז „ער איז מתפלל, אַז ער זאָל זיין אימשטאַנד זיך מערער אָפּצוגעבן מיט צרכי הכלל אויף אַ מער ברייטערן פאַרנעם״.

איז געקומען שקיעת החמה איבער די פוילישע הימלען און די דאָזיקע תפילה־זכה איז נישט אָנגענומען געוואָרן...

צוזאַמען מיט די פילע הונדערטער יידישע קהילות איז אויך אויסגעראָטן געוואָרן דאָס שטעטל יוזעפאָוו מיט אירע האַרציקע יידן, אנשים, נשים וטף און מיט אי־איז אויך אומגעקומען אויף דעם מזבח דער רב מיט זיין רביצין און 3 קליינע קינדער הי״ד.

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

דער ל״וניק

דערציילט: אליעזר לערנער, מאיר פרינץ. **פאַרשריבן:** ע. אמר־לעמער

בערל, דער שמש פון בית־המדרש האָט ניט געהאַט קיין גרויסע אַספּיראַציעס און ניט געזוכט פאַר זיך הויכע אַמטן. זיין גאַנצע שטרעבונג — פיזיש און גייסטיש — איז געווען צו האַלטן ריין דאָס בית־המדרש, זאָרגן אַז דאָרט זאָל זיין ליכטיק און גאַנץ באַגינען וועקן יידן צו עבודת הבורא.

איינמאָל איז אַ ייד פון טאָמאַשאָוו געקומען מיט זיין בלינדער ווייב קיין יוזעפאָוו. זיי האָבן ניט געפרעגט אויף קיין אַכסניה און ניט אויף קרובים, נאָר גלייך אוועק אין בית־המדרש, צום שמש און אים איבערגעגעבן, אז דער רבי פון בעלז האָט זיי געשיקט צו אים, ער זאָל אָן שום תירוצים, אויסהיילן זיין אומגליקלעכע פרוי פון דער בלינדקייט. דער שמש האָט אויסגעהערט דעם בעלזער רבינס רייד, לויט ווי דער ייד פון טאָמאַשאָוו האָט אים איבערגעגעבן — און ניט געוווסט וואָס צו טאָן. ר׳איז געבליבן דערשטױנט, דער שמש ווייסט נישט ווו צו קוקן פריער: צי אויף דער בלינדער יידענע; צי אויף איר מאַן וואָס זעט אים אויס זייער מאָדנע; אָדער אפשר גאָר זאָל ער כאַפּן אַ בליק צום הימל און פון דאָרט באַקומען אַן ענטפער.

— איי איי איי, וואָס וויל ער פון מיר, דער רבי פון בעלז?... ווער בין איך? און וואָס בין איך?... מ׳שטיינס געזאָגט — אַן אָרעמער שמש, אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. מיין גאַנצע תורה — אַ קאַפּיטל תהילים. און מיינע אַלע אויפטוען — וואָס האָב איך דען אויפגעטאָן?... „הנני עני ממעש!״... אויב איך טו יאָ עפּעס, איז עס נאָר צו וועקן אונדזערע יידן: „שטייט אויף, יידעלעך, לעבודת הבורא!״... דאָס איז אַלץ.

דער שמש לאָזט אַרויס אַ טיפן קרעכץ, שלינגט אַראָפּ דאָס שפּייעכץ און ווענדעט זיך צו דעם פּאָרפאָלק:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? קערט זיך שוין אום קיין בעלז און זאָגט דעם רבין, אַז דער שמש פון יוזעפאָוו ווייסט פון גאָרנישט — און זאָל ער מיך געמאַך לאָזן...

דער ייד פון טאָמאַשאָוו און זיין בלינדע פרוי האָבן זיך אומגעקערט פונוואַנען מ׳איז געקומען. פאַרשמאַכטע און פאַרווײנטע זענען זיי אַריין צום בעלזער רבין מיט טענות אויף בערעלען. האָט דער רבי אויף זיי זיך אָנגעבייזערט:

— כ׳האָב דאָך געזאָגט איך זאָלט פאָרן קיין יוזעפאָוו צום שמש פון בית־המדרש און ער וועט אייך העלפן.

בלית ברירה האָט דאָס פּאָרפאָלק זיך אומגעקערט קיין יוזעפאָוו, אריין אין בית־המדרש מיטן פעסטן באַשלוס, אז זיי פאַרלאָזן נישט דאָס שטעטל, אפילו ווען

זיי זאָל אויסקומען א גאנץ יאָר צו נעכטיקן אינטערן פרייען הימל — ביז זיי וועלן נישט געהאָלפן ווערן.

בערעלע האָט זיך געבעטן: — רב ייד, איך בין נאָר אַ שמש, אַ נעבעכדיקער שמש, מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?

— דער רבי פון בעלז האָט אונדז געשיקט צו אייך. האָב רחמנות אויף מיר און מיין אומגליקלעכע פרוי וואָס האָט נישט זוכה געווען צו זען גאָטס ליכטיקע וועלט.

ביים שמש האָט זיך ווי אָפגעריסן, זיין ווייכער בליק האָט זיך פארצויגן מיט א נעפל. טיפע זיפצן האָבן זיך געלאָזט הערן:

— גרויס און לאנג זענען אונדזערע צ״ות ווי דאָס יידישע גלות. מאין יבוא עזרי? — האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פרעמדער ייד האָט ניט געוואָרפן קיין ווערטער אויפן ווינט. טאָג און נאָכט האָט ער און זיין בלינדע ווייב ניט פארלאָזט דאָס בית־המדרש. דער שמש האָט ניט געקענט צוקוקן זייער פיין און זיי געלאָזט שלאָפן אין פּאָליש.

א געוויסן טאָג, גאנץ באַגינען, ווען דער שמש האָט זיך באוויזן אין בית־המדרש שוין נאָכן קלאַפּן אין די לאָדנס פון שטעטל און אויפוועקן די יידן, האָט ער דעם פייפיאָל אריינגעלייגט אין שאנק, אויף דער אונטערשטער פּאָליצע. דאָס בית־המדרש איז געווען ליידיק פון מענטשן. איז צום שמש צוגעקומען דאָס פּאָרפאָלק, די פרוי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און מיט אירע הענט ארומגענומען בערעלעס פיס און גערעדט צו אים בזו הלשון:

— שמש פון יוזעפּאָוו, ווי לאנג וועט איר אונדז פייניקן? ביזוואַנען? העלפט אונדז!

דער שמש האָט א קוק געגעבן אויף דער פרוי און דערזען אין אירע אויגן גרויסע, לויטערע טרערן וואָס האָבן זיך גענומען קייקלען אויף איר געזיכט און אראָפּגעפאלן אויף דער ערד. אויך זיין הארץ האָט זיך צעוויינט, ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט:

— רבונו של עולם, א טענה האָב איך צו דיר. פאר וואָס האָסטו מיר געגעבן אזא גרויס הארץ און אזעלכע שוואכע הענט וואָס קענען ניט העלפן? גיב מיר פאַרשטאַנד, כאָטש איינמאָל אין לעבן, און זאָג מי־ ווי אַזוי זיך נוהג זיין מיט דער דאָזיקער אומגליקלעכער פרוי.

פלוצום, קיינער ווייסט ניט ווי אזוי דאָס איז געשען, האָט ער אריינגעשטעקט די האנט אין דער הינטערשטער קעשענע פון דער זשופּיצע, ארויסגענומען פון דאָרט א רויטע פאטשיילע און מיט איר אויסגעווישט דער יידענעס אויגן.

צומאָרגנס נאָך דער פאסירונג איז דער ייד מיט זיין ווייב פארשוואונדן פון יוזעפּאָוו. דערנאָך האָט מען דערציילט, אז ווען די יידענע איז ארויס פון בית־

המדרש און דערזעט די ליכטיקע שיין, האָט זי פון גרויס התפעלות אָנגעהויבן טאַנצן — און אַזוי טאַנצענדיק פון יוזעפאָווער מאַרק ביז טאָמאַשאָוו, זענען זיי געקומען אהיים. אויפן גאנצן וועג האָט דער מאן אירער ניט אויפגעהערט צו שרייען אויפן הויכן קול:

— וואונדער איבער וואונדער! יוזעפאָווער וואונדער!

✶

אויך דעם ראַדזינער רבין איז געוואָרן אויפפאַליק דער שמש פון יוזעפאָוו. געשען איז עס אין דער צייט, ווען דער רבי איז געקומען אדורכקוקן די הגהות פון זיין ספר וועלכן ער האָט געדרוקט אין דער אָרטיקער דרוקעריי. דער ראַדזינער האָט צוליב דעם געמוזט בלייבן אין שטעטל א לענגערע צייט. ווי דער שטייגער, פלעגט ער אויפשטיין צו תיקון חצות. ריכטיקער — פון נאָך מנחה־מעריב האָט דער רבי עוסק געווען ביים פאַריכטן די גרייזן אין ספר, דערגענצט און געקריצט — אזוי ביז צוועלף ביינאכט, און אין דער שעה אָנגעהויבן זיין תיקון חצות.

איינמאָל, זיצנדיק אזוי איינגעבויגן איבער די הגהות פונעם ספר, דערהערט ער ווי פון דרויסן דרינגט אריין אין בית־המדרש א ווייטער ניגון וואָס באהערשט אינגאַנצן דעם ראַדזינער. ער קען זיך ניט באַפרייען פונעם וואונדערבאַרן קלאַנג... „סארא ניגון! סארא ניגון!...״ — זאָגט צו זיך דער רבי. — „כ׳האָב נאָך אזעלכעס קיינמאָל ניט געהערט״...

דער רבי לאָזט איבער די בלעטער פון זיין ספר, הייבט זיך אויף פון טיש, טוט אָן די בעקעשע מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער און אויפן קאָפּ — זיין „קאשקעט״. (דער ראַדזינער פלעגט טראָגן אַ געוויינלעך היטל מיט אַ דאַשעק. אַז מ׳האָט אים געפרעגט הלמאי טראָגן אַלע רביים שטריימלעך און קאַפּעלאַטשן, נאָר ער טוט אָן א „קאשקעט״, האָט ער געענטפערט, אז צוליבן דאשעק מוז מען מקפיד זיין אָנצוטאָן דעם קאַשקעט גלייך, אַ ניט קומט ער אויס פאַרדרייט...). אַזוי האָט דער רבי זיך אַוועקגעלאָזט אין דער נאַכט, יאָגנדיק זיך נאָך דעם וואונדערבאַרן ניגון.

אין דרויסן האָט דער רבי צוגעאיילט זיינע שריט, כדי זיין וואָס נענטער צום ניגון. אז ער האָט אָנגעיאָגט בערעלען, האָט ער פונקט ווי ער, ווי געגומען שוועבן אין דער לופט, כדי ניט ארויס־רופן קיין פּאַרדאכט און אים ניט שטערן אין זיין מלאכה... דער שמש האָט אָבער אויף איין אָרט זיך אויסגעדרייט — און ממש אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון רבין.

— רבי! אוי, דער ראדזינער רבי! דער ראַדזינער רבי! — האָט אויסגעשריען דער צעשראָקענער שמש.

— ניט אמת! — האָט אים איבערגעריסן דער רבי. — דאָס בין איך דער שמש, דער באַדינער, דער קנעכט צו דיין ניגון — א ניגון וועלכן אלע נשמות האָבן געהערט ביים מעמד פון באַרג סיני... און דו ביסט דער רבי, דער רבי

נסתר, אַ ל״וניק... איינער פון די זעקס־און־דרייסיק צדיקים וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט...

דער רבי האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, געוואָלט אַרומנעמען דעם שמש, ווען ס'איז באפאלן א שרעק און ער האָט געגומען ציטערן ווי א בלאט אויפן ווינט.

— רבי, לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך צורו — האָט בערעלע זיך געבעטן ווי אן אומבאהאָלפן קינד — און זיך געלאָזט לויפן צום בית־המדרש.

✶

נאָך א דערציילונג צו זיין שבח:

א געוויסן מוצאי שבת, אינמיטן יאָר, אין א זייער שפעטער שעה, איז א שטעטלדיקן ייד אויסגעקומען פארבייצוגיין פארן בית־המדרש. דער ייד איז געוואָרן דערשטוינט, ווען ער האָט דערזען אז אין א געוויינלעכן שבת־צו־נאכט, אוודאי שוין נאָך חצות, שלאָגט פון די פענצטער פון בית־המדרש א גרויס ליכט. דערנענטערנדיק זיך צום אָרט, האָט דער ייד דערזען ווי אלע לאָמפן און לייכטער ברענען. איז זיין נייגיר נאָך מער געוואָקסן און ארייגקוקנדיק אין פענצטער, האָט ער דערזען ווי אַ ייד, איינגעהילט אין טלית, פראַוועט הקפות ווי אין שמחת־תורה. דער ארון קודש איז אָפן, די ספר־תורהס זענען אין דרויסן. דער ייד טאנצט אַרום דעם בעלעמער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, גלייך ער וואָלט געהאַלטן נאָך מיט־טאנצענדיקע. דער ייד איז ממש ארײַן אין עקסטאז און התלהבות, אז ס'איז אים נישט איינגעפאלן צו טראכטן, קוים קוקט ווער פון דרויסן אין פענצטער. פּלוצום איז דעם שטעטלדיקן ייד באפאלן א פחד, ער האָט זיך איבערגעשראָקן און גענומען אַנטלויפן. נאָר וואָס ווײַטער ער איז געלאָפן, אַלץ נענטער האָט ער זיך געפונען צום בית־המדרש. ביז ער איז אַריין אינעווייניק און געמאַכט אַ געוואַגטן שריט: ר'איז צוגעגאַנגען צום טאַנצנדיקן ייד, אויפגעהויבן דעם טלית און אַריינגעקוקט אין פנים. פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט בערעלע דער שמש. ער פרעגט אים:

— בערעלע, וואָס טוסטו?

— כ'ווייס אליין ניט. ס'האָט זיך מיר פארגלוסט צו טאנצן מיט די ספר־תורהס...

— ווער זענען עס געווען די וואָס האָבן געטאנצט מיט דיר? — פרעגט דער ייד.

— כ'ווייס ניט. כ'האָב געזען פאר זיך א סך אויסגעשטרעקטע אָרעמס, האָב איך איינגעפלאָכטן מיין אָרעם אין זייערע און מיר האָבן זיך געלאָזט אין אַ טענצל....

ביידע האָבן צוריק אריינגעשטעלט די ספר־תורהס אין ארון קודש און בערעלע

האָט געבעטן דעם ייד ער זאָל קיינעמען קיין וואָרט ניט דערציילן פון דעם וואָס ער האָט דאָ געזען. ער האָט באַקומען אַזאַ צוזאָג.

צי דער נייגעריקער ייד האָט מקיים געווען זיין צוזאָג, צי נישט — די זאַך איז אָבער געוואָרן באַוווּסט און מ׳האָט בערעלען אָפּגעגעבן כבוד.

זינט יענער פּאַסירונג האָט בערעלע ניט געלעבט לאַנג. עס זענען פאַריבער עטלעכע חדשים און מ׳האָט בערעלען גערופן צום בית דין של מעלה. די מענטשן פון דער חברה קדישא וואָס האָבן געטראָגן זיין אָרון האָבן דערנאָך דערציילט, אַז זיי האָבן בכלל ניט געפילט די שווערקייט פון זיין קערפּער, גלייך נישט זיי האָבן אים געטראָגן...

רבנים, חסידים, ל״וניקעס...

לייבל־אריה קראַמער

א

אין יוזעפאָוו בילגאָרייסקי איז געווען אַ גרויסע ספרים־דרוקעריי (צוגלייך מיט דער זשיטאָמירער און וואַרשעווער), ווו עס זענען געדרוקט געוואָרן חומשים, תנ״כן, ש״סן מיטן מהרש״א על הדף, רבנישע ספרים, פאַרשידענע אַנדערע ספרים. חידושי הרים ברוך טוב און דער ראַדזינער רבי, דער בעל התכלת האָט געדרוקט זיין גרויסן ספר „סדרי טהרות״. אויף די ערשטע, געדרוקטע זאַכן איז פאַראַן די פוילישע צענזור. נאָך דעם יאָר 1863, ווען רוסלאַנד האָט אונטערדריקט דעם פוילישן אויפשטאַנד, איז שוין די צענזור אין רוסיש. די ערשטע געדרוקטע ביכער זענען געחתמעט: בעל המדפס — ישע׳י וואַקס. מיין באָבע ע״ה האָט אים געקענט. ער איז געגאַנגען מיט אַ זילבערנעם שטעקן. דערנאָך איז די דרוקעריי אַריבער צו די צוויי ברידער שלמה און ברוך זעצער און צו יחזקאל רענער.

שלמה זעצער האָט געהאַט אַ בת יחידה. ער איז געווען אַ גרויסער עושר און געפאָרן צו רביים נאָך ברכות ער זאָל נאָך קינדער האָבן. ער פלעגט שטענדיק מיטנעמען דאָס טעכטערל. איין רבי האָט איר געפרעגט צי זי וויל האָבן אַ ברוד־דערל, האָט זי געענטפערט אַז זי וויל נישט. האָט דער רבי געזאָגט צו שלמה זעצער: „פארפאלן, זי האָט געזאָגט נישט...״

שלמה זעצער האָט געוואָלט חתונה מאכן די טאָכטער. האָט ער געזוכט אַ יחוס־שידוך און גענומען דעם אַלטן רב ר׳ שלום האַרטשטאָק, וועלכער האָט גע־שטאַמט פון יוד הקודש. פאַרוואָס מען האָט אים אַזוי גערופן, זענען פאַראַן צוויי מיינונגען: ערשטנס, ווייל ר׳איז געפאָרן צום חוזה פון לובלין און ער האָט געהייסן יעקב־יצחק — דער זעלבער נאָמען וואָס דער חוזה. האָט מען אים דאָך נישט געקענט רופן ווי דעם חוזה. צווייטנס, ער איז געגאַנגען מיט די חסידים. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון חוזה און אַליין אָנגעהויבן פירן אַ רבנישן טיש. ער האָט געפרעגט, צי זיי ווילן זען אליהו הנביא. ס׳איז געווען אַ יאַריד, האָט ער אַ פויער מיט אַ ווייסן פערד געגעבן טרינקען און געזאָגט, אַז דאָס איז אליהו הנביא. האָט זיך אליהו הנביא אָפּגערופן אויף פויליש: „קיעדי וויעש, ניע פאָוויעדז ניקאָמו״ („אַז דו ווייסט שוין — זאָג ניט קיינעמען״). האָט מען אים גערופן יוד הקודש. ער האָט זי חתונה געמאַכט זייער יונג, זי איז אַלט געווען 14 יאָר צו דער חופה. ער איז געוואָרן גראבעוויצער רב.

ב

איז געשען מיט אים אַ שרעקלעכע זאַך. דעמאָלט האָט געלעבט דער טריסקער מגיד און ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. די חסידים האָבן דאָס דערטראָגן

צום טריסקער מגיד. האָט דער מגיד געזאָגט: ער איז מער נישט קיין גראַבעוויצער רב. האָבן די חסידים געענטפערט, אַז מען דאַרף דעם רב פאַרברענען. און כך הוה. מען האָט דעם רב פאַרברענט. מ׳האָט פאַרהאַקט די טירן און פענצטער ער זאָל זיך נישט קאָנען ראַטעווען. ס׳איז אָבער געשען אַ נס. דער קאָוואַל פון שטעטל איז נישט געשלאָפן, ווייל ער האָט געהאַט אַ סך אַרבעט. ווי ער האָט דערזען אַז דער „ראַבין" ברענט, איז ער געלאָפן ראַטעווען. אַזוי ווי די טירן זענען געווען פאַרהאַקט, האָט ער גענומען אַ האַק, אויפגעבראָכן טירן און פענצטער און אַלע האָבן זיך געראַטעוועט. אָבער דאָס הויז איז פאַרברענט געוואָרן.

ער איז צוריק געקומען קיין יוזעפאָוו. דעמאָלט איז דאָרט געווען רב ר׳ נתן, געשטאַמט פון גאַליציע. האָט דער רוס אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז אַלע בירגער פון גאַליציע זאָלן פאַרלאָזן. זענען אַלע רבנים פון גאַליציע אַוועק קיין בילגאָריי. אויך ר׳ שמואל ענגעל, דער ראַדאָמישלער גאון. איז געוואָרן ליידיק דער פלאַץ און מ׳האָט אויפגענומען דעם אַלטן רב. די באָבע האָט מיר דערציילט, אַז די ערשטע חופה וקידושין וואָס דער אַלטער רב האָט געגעבן, איז געווען — אירע.

שפּעטער האָבן אַ טייל טריסקער חסידים נאָך געטראָגן אויף אים אַ שנאה. אָבער די וואָס האָבן אים געטשעפּעט — זענען באַשטראָפט געוואָרן. ער איז געווען אַ הייליקער ייד, וואָס מען טרעפט זעלטן. אַז חסידים האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי גערעדט פון אים. זיין דאַוונענען פאַרן עמוד אין די ימים נוראים האָט דערוועקט התלהבות. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ תהילים, ווו אַלץ איז געווען, אויך די תרי״ג מצוות. מען קאָן ווערן אַ גאַנצער למדן פון זיין תהילים.

ג

און וועגן בעל סדרי טהרות — דער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון העניך, דער בעל התכלת, ווען ער האָט געדרוקט זיין ספר „על טהרות". דער סדר טהרות האָט נישט קיין גמרא אויף סדר זרעים, ס׳איז פאַראַן אַ גמרא ירושלמי. אָבער אויף טהרות איז נאָר איין גמרא אויף מסכתא נדה. איז געקומען דער ראַדזינער רב און געמאַכט אַזוי, אַז די גמרא קוקט אויס פון איין זייט רש״י און פון דער צווייטער — ווי תוספת. עס האָט אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט פון ר׳ בצלאל פון ווילנע... ברבות הימים וועט זיך פאַרגעסן און שפּעטערדיקע דורות וועלן מיינען, אַז דאָס איז אַ גמרא פון רבינא ורב אשי. אַזוי ברענגט בעל תולדות הפסוקים פון שמעון־משה חאנעס בעל מגיה. דעם דרוק דעריבער זעט מען ווען דער חפץ חיים האָט געמאַכט אויף קדשים, ווייל ר׳ יצחק אלפסי האָט געמאַכט דברים הנוהגים בזמן הזה, אָבער אויף קדשים האָט ער נישט געמאַכט און דער חפץ חיים האָט ערגעץ דאָס פאַר־ענטפערט.

מיט דעם איז פאַרבונדן אַ גרויס געשעעניש. ער האָט אַנטדעקט אַ למדוואָוניק. ביי אונדז איז געווען אַ מינהג צו וועקן צו סליחות און רופן די יידן: „יידעלעך,

שטייט אויף לעבודת הבורא!" דאָס איז געווען בערעלע שמש. אַז דער ראַדזינער האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן און געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קול פונעם גן־עדן און ער האָט געהייסן איבערזאָגן, וואָס דער שמש האָט געזאָגט. ווערט דערציילט פאַרשידנס: צי ער האָט יאָ איבערגעזאָגט, צו ער האָט נישט איבערגעזאָגט — דער ראַדזינער האָט געשיקט אויף שטיוול, ווייל אין די קליינע שטעטלעך זענען גרויסע בלאָטעס.

נאָך דעם האָט אים אויך דער בעלזער אַנטדעקט. עס איז געקומען אַ סגי נהור צום בעלזער רבין ר' יהושעלע נאָך אַ ברכה, ער זאָל זעעוודיק ווערן. האָט אים דער בעלזער אָפּגעזאָגט — ער וויל געהאָלפן ווערן. דער רבי האָט געזען, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן, האָט ער אים געזאָגט: פאָר אַראָפּ קיין יוזעפאָוו און דאָרטן איז דאָ בערל שמש און פון אים וועסטו געהאָלפן ווערן. איז ער געקומען און האָט געזאָגט, אַז דער בעלזער האָט אים געשיקט און דורך אים — דורך בערל שמש — קאָן ער געהאָלפן ווערן. בערעלע שמש האָט זיך אָפּגעזאָגט. אָבער דער ייד האָט געזאָגט: איך וועל נישט אָפּטרעטן. איר קאָנט מיר זאָגן אַלע תירוצים, אָבער איך גלויב אין בעלזער רבין. און ער האָט געזאָגט, אַז פון אייך קאָן איך געהאָלפן ווערן. אַז בערל שמש האָט געזען, אַז דער ייד וועט נישט אָפּטרעטן, האָט ער זיינע דריי טעכטער געשיקט צו אַ שכן און געזאָגט איבערן ייד פאַרשידענע פסוקים, אַרויסגענומען אַ פאַטשיילע און געגעבן אַ וויש — און דער ייד האָט אָנגעהויבן זען. איך האָב עס אַליין געהערט פון לייבוש־מאָטלס. ווער זאָל וויסן, אַז בערל שמש איז אַזאַ הייליקער מענטש? ער האָט לאַנג נישט געלעבט, עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי ר'איז נתגלה געוואָרן.

דער באָק פון ר׳ בעריש פון די זוביס

עזריאל לעמער

בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג. אין די הילצערנע, נידעריקע הייזקעס פון די נושאים האָט זיך געטראָגן דער זויערלעכער שימל־ריח פון שטשאוו — און די נאָזלעכער האָבן געררייצט די ריחות פון די געבראָטענע גענדז אינעם אויוון פונעם עלטסטן פון דער חברה נושאים. דער בראָנפן איז נאָך געשטאַנען אויף די פּאָליצעס פון געשעפט, ווייל מען קען אים ניט באַקומען, איידער מען באצאָלט ניט מזומן־געלט דעם הינקעדיקן מאָנאָפּאָלשטשיק.

דער קלאַנג איז אָבער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זיכערקייט. אַלע פרייען זיך. די קבורה פון א הייליקן באָק — ווער געדענקט דאָס? נישט די אלטע מיטגלידער פון דער חברה קדישה. אוודאי נישט דאָס יונגוואַרג. וויפל זיי זאָלן ניט אָנשטרענגען דעם געדאנק, געלונגט זיי ניט ארויסצובררענגען פון זכרון אַזאַ סאָרט געשעעניש. אַמאָל אין הונדערט יאָר קען פּאַסירן, אַז די חברה קדישה זאָל זיך דארפן מטפּל זיין מיטן ברענגען צו קבורה א בעל־חיים.

ניט אויף א זילבערנע טאַץ איז זיי דערלאנגט געוואָרן דער באָק. טעג און חדשים האָבן זיי געוואַרט אויף דער ידיעה מיט אומגעדולד, ביז די בשורה איז זיי געוואָרן אָנגעזאָגט דורכן בעל־דבר אַליין. ר׳ בעריש מאַזאָוו האָט זיי מיטגעטיילט, אז דער עלטסטער באָק, דער הייליקער, איז אוועק אויף יענער וועלט און זיי דארפן זיך מטפּל זיין מיט זיין קבורה.

זענען זיך די חברה נושאים יידן צונויפגעקומען אין שטוב פון ערשטן גבאי צו טרינקען דאָס ערשטע גלעזל — א מין הקדמה צו דער גרויסער שמחה וואָס וועט נאָך קומען. „מ׳דאַרף זיך משמח זיין, משמח זיין!”... און זייער טרויעריקע באשעפטיקונג האָט זיך דאָסמאָל פארוואנדלט אין אַ פרייד.

בעת די נושאים וואָס פאָרען זיך אַרום די טויטע און דאָס יונגוואַרג האָבן זיך פארשיכורט פון די קנאפּע טראָפּנס פונעם ביטערן טראָפּן, וועלכע האָבן קוים געסטייעט איינצוזעצן דעם האלדז, האָבן די לאנגיאָריקע מיטגלידער בראש מיט די גבאים אָנגעהויבן ערנסט באהאנדלען די פראגע פון „וויפל”, ד.ה. וועלכע סומע פאָדערן פאַר דער קבורה פונעם באָק. נאָר איידער זיי האָבן באַשטימט דעם פּרייז, האָט מען פריער געשיקט איינעקע היימישע מענטשן צו טאפּן ביי ר׳ בערישן דעם דופק...

מען דארף אויך ניט פארמינערן די גרויסע פרייד פון ר׳ בערישן, וואָס ער האָט ענדלעך זוכה געווען צו זאָגן אויף זיין „קדוש” ברוך שפּטרני!.. ווייל צוליב זיינע פּילצאָליקע באשעפטיקונגען — וואָס שנעלער אראָפּנעמען דאָס היי פון די לאָנקעס, אַז די האַרבסט־רעגנס זאָל עס ניט פאַרנעצן; פאַרקלאַפּן די לעכער אינעם שטאל און אינעם שייער — איז אים ארויס פון געדאנק דער ענין פונעם

פרוזבול *. צו די פיל באַלעסטיקונגען זיינע, האָט זיין עלטסטע ציג געבוירן דאָס ערשטע ציגעלע.

ר׳ בעריש, וועמענס באָרד איז געווען פאַרשוירן און די פיאות זענען דאָרט פאַרלוירן געגאַנגען — האָט געהאַט דעם גאַנג פון אַ פריץ. דאָך האָט ער אָפּגעהיטן אַלע מצוות. מיטן גאַנצן האַרץ האָט ער און זיין בני־בית געוואָלט מקיים זיין דעם „כל בכור לד׳״ (יעדער בכור — צו גאָט). פונעם ערשטן טאָג פון זיין געבוירן, האָט ר׳ בעריש זיך געצאַצקעט מיטן יונגן באָק ווי מיט אַ געצערטלט קינד; אים געלאָשטשעט, געגעבן צו טרינקען מילך אויסער דער מאַמעס מילך. באַצויגן זיך צו אים מיט ליבשאַפט און אפילו זיך געטיילט מיטן עסן. די רעזולטאַטן פון די צערטלעכקייטן האָבן ניט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. אין לויף פון דער צייט האָט דאָס באָקל באַקומען כוח און זיך פאַרוואַנדלט אין דעם ריכטיקן באָק. אויפן אָרט ווי עס זענען פריער געווען אויפן האַריקן שטערן צוויי ווייסע פלעקן, האָבן זיך באַוויזן צוויי הערנער. ער איז געוואָרן דער אמתער מזיק. מיט זיין ווילדקייט האָט ער אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף ר׳ בערישעס הויז: ער האָט געווילדעוועט, געטראָגן און צעבראָכן אַלץ וואָס איז אים אונטערגעקומען.

זיין הייליקייט האָט אים אָבער באַשיצט ווי דער פּאַנצער אַ שילדקרעט. דער באָק האָט זיך אַרום געדרייט אַלע טעג ליידיק, ווייל מען טאָר ניט אַזאַ חיה איינשפּאַנען אין עול, ניט בינדן אין קייטן, אפילו ניט ברענגען אים צום שוחט.

אַז די קונדסישע שטיק פונעם באָק האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָט ר׳ בעריש שטילערהייט געבעטן אַז דער קדוש זאָל פאַרשווינדן. און אַז זיין תפילה איז ניט געוואָרן אויסגעהערט, האָט ער ניט געזען פאַר זיך קיין אַנדערע ברירה ווי לייגן בלעכן אויף זיין וועג. דער באָק איז געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ, צעבראָכן זיך די פיס און די הערנער און אַזוי אויסגעהויכט זיין נשמה.

„ניט קובר זיין דעם טויטן — נאָר שינדן פון מיר די הויט זענט איר געקומען״ — האָט ר׳ בעריש אויסגעשריען, דערהערנדיק דעם פרייז וועלכן ס׳האָבן אָנגעבאָטן די שליחים פון דער יוזעפאָווער חברה קדישא.

ר׳ בערישעס אָפּזאָג אָנצונעמען זייער פאָרשלאַג האָט ניט ווייכער געמאַכט דאָס האַרץ פון דער חברה זיי זאָלן אַראָפּלאָזן פון פרייז. זיי האָבן זיך געטראַכט: „דער קרבן איז במילא אונדזערער, ער וועט זיך ניט אַרויסדרייען פון אונדזערע הענט״. אויף דער עצה פון צווייטן גבאי, זענען שנעל אַוועק שליחים מיט בריוו צו די עלטסטע פון די חברה קדישא אין די שכנותדיקע שטעטלעך. יעדער בריוו — אַ וואָרענונג נישט משיג גבול זיין, ווייל דער הייליקער באָק געהערט אויסשליסלעך צו זיי.

---

* רעכטלעכער אָפּמאַך צווישן מלווה און לווה, אַז דער חוב פאַלט ניט אַרונטער דעם שמיטה־געזעץ.

וואָס שייך די צוגרייטונגען צו דער גרויסער שמחה, זענען זיי ניט שוואַכער געוואָרן, נאָר נאָך מערער זיך געשטאַרקט. טראָץ דעם גרויסן דעפיציט אין דער קאַסע פון דער חברה, איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל. און די ווייבער וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער טהרה און די קלאָגערינס זענען אוועק צו די הינער־שטייגן און פון דאָרט ארויסגענומען די 18 גענדז וועלכע זיי האָבן געפּאַשעט אויפן נאָענטסטן שמחת־תורה און זיי אוועקגעפירט צום שוחט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אויף שנעל. די קעפּ פון די עופות האָבן נאָך געבלוטיקט און מ׳האָט זיי שוין געפליקט די פעדערן, גערייניקט און געהאַלטן אויפן פלאַם אָפּצוזענגען די פאַרבליבענע פעדערן. אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע ווייבער זיך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן דעם אויוון ביים ערשטן גבאי. מ׳האָט ארויסגענומען די קופּערנע ראָנדלען אויפן הויף, זיי געוואַשן און מיטן נאַסן זאַמד געפּוצט ביז גלאַנץ. אַ גרופּע יונגוואַרג האָט גענומען שלעפּן פון פּאָליש בענק און טישן און זיי אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ לאַנגן „ח״. גלייכצייטיק האָט אַן אַנדערע גרופּע יונגוואַרג, פאַרשעמטע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, באַוויזן זיך אומצוקערן פון מאַנאַפּאָלשטשיק מיט ליידיקע הענט.

„פאַרן לעצטן טרינקען האָט איר שוין באַצאָלט, גרגרנים וואָס איר זענט?״ — און דער מאַנאַפּאָלשטשיק האָט פאַר זיי פאַרקלאַפּט די טיר.

דעם ערשטן גבאי האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט רחמנות באַקומען אויף זיינע מענטשן. ערלעכע פּשוטע יידן, וואָס אין רוב טעג אין יאָר זענען זיי טרויעריק. און בראָנפן מאַכט פאָרט פריילעך אויף דער נשמה. טאָ פאַרוואָס צונעמען ביי זיי דאָס פאַרגעניגן? ער וועט ריזיקירן, אַפילו ער זאָל ביי דעם מאַנאָפּאָלשטשיק, דעם גוי דעם רשע, דאַרפן פאַרזעצן זיין ווייבס אוירינגלעך.

די גוטע נשמה בריינדל האָט אפילו ניט ארויסגעלאָזט די פאַרע פון מויל אויף איר מאַנס באַשלוס. זי האָט אפילו ניט א טראַכט געטאָן אים זיך קעגנצושטעלן. און מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויף די ליפּן געגעבן אירע אוירינגלעך דעם יונגוואַרג. נאָכן דערהאַלטן דעם שיינעם משכון, האָט דער הינקעדיקער געגעבן דעם יונגוואַרג צוויי קאַסטנס מיטן ביטערן טראָפּן.

פאַרנאַכט איז שוין אַלץ געווען גרייט צו דער סעודה. דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעטאָן ווי ערב שבת. אויפן מאַרק־פּלאַץ אנטקעגן דעם גבאיס הויז האָט זיך באַוויזן דער פלינקער ר׳ יאָסקע, עטוואָס אַ בגילופנדיקער, הגם ניט פון בראָנפן. אויף דער פּלייצע — אַ זאַק מעל. אַרום אים האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער רוב קינדער פון שטעטל: „צאן קדושים!״ זייערע אייגעלעך האָבן געפינקלט פון פרייד.

ס׳איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער מאָמענט. אַלע האָבן אים אויסגעקוקט, מיט טרוקענע העלדזער און ליידיקע מאָגנס. מ׳האָט געעפנט די פלעשער בראָנפן און אָנגעגאָסן אין די גלעזלעך. דער ערשטער גבאי האָט געמאַכט אַ „המוציא״ איבער דער געפלאָכטענער חלה, גרויס ווי דער טיש. ער האָט זי צעשניטן אויף

פעניצער און געטיילט אין די אויסגעשטרעקטע הענט. „טרינקט לחיים״! — און די ווייבער האָבן געגעבן דעם ערשטן גבאי אַ סימן, אַז דאָס געבראָטנס איז פאַרטיק און מען טיילט אים צו דעם כבוד צו עפּענען דעם אויוון.

פלינק איז ער צו צום אויוון און מיט פאָרזיכטיקע, אויסגעאיבטע הענט, אַן וועלכן ס׳איז אָפּהאַלט, מיט דער זעלבער זיכערער רויקייט ווי ער לאָזט אַראָפּ מיטן שטריק א בר־מינן אין גרוב ער זאָל זיך ניט דארפן טרייסלען — אזוי האָט ער אוועקגענומען דאָס ברעט פונעם אויוון. א הייסער, פייכטער און געדעמפטער רויך האָט פון דאָרט א זעץ געטאָן און ממש פארשיכורט מיט זיין ריח די אנוועזנדיקע. די אלטע ווי די יונגע חברה קדישא לייט, מענער און פרויען, האָבן ווי א כאָ־טיף אָפּגעאָטעמט און אויפן קול אויסגערופן: „אַ־אַ־אַ־אַ!״

דער גבאי האָט פון דער פאַן א נעם געטאָן א געבראָטענע גאנדז, אַן עטוואָס צוגעברוינטע מיט גלאַנציקער פעטקייט, פון וועלכער ס׳האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער, רייצנדיקער געשמאַק און זי אויפגעהויבן אין דער הייך פאַר אַלעמענס אויגן, ווי מען הייבט אויף א ספר־תורה אין שמחת־תורה, נאָכן ענדיקן לייענען די לעצטע פרשה — אַן אויפהייב וועלכער ווערט דורך די עמי־הארצים באַצייכנט „קזשיווע הגבה״. ער האָט צוריק געלייגט די גאַנדז אויפן אָרט און אויסגערופן:

— צוליב דער געשעעניש, דערקלער איך „מאניפעסט״! דאָס יונגוואַרג, ווי זיי אלטע חברים, וועלן דאָסמאָל באקומען א גאנצן „טשוויערטש״ (א פערטל).

די מעטאַלענע שטים פונעם גבאי האָט אָפּגעקלונגען און זיין פּנים האָט געפלאמט מיט היציקער רויטקייט, מיט וועלכער ס׳האָט געאָטעמט דער אויוון.

— אוי, אוי, אוי — א וואָסער גבאי, וואָס פארא ערשטער גבאי! — האָבן חברה יונגוואַרג אָנגעקוואָלן פון אים.

אַזוי ווי דער גבאי האָט באַפוילן, האָבן די ווייבער פון דער חברה דערלאַנגט אויף טעלערלעך אַ „טשוויערטש״ פאַר יעדן איינעם. ווען מען אַן אייבערשט פערטל, ווען אן אונטערשטס — ווי ס׳איז אויסגעקומען. פאר זיך האָבן זיי געלאָזן דאָס דרויבס, די פיסלעך, פופיקלעך, לעבערלאך און די גערינגלטע גאָרגלען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די פרעסע־יי. אייניקע, איבערגעבויגן איבער די טעלערס, אין וועלבע ס׳האָבן זיך געטונקען זייערע בערד און דערנאָך — זייערע קעפּ; א טייל האָבן אויפגעהויבן די לינקע האנט, געהאלטן דאָרט דאָס פערטל עוף און מיט דער רעכטער האנט גע־יסן שטיקער פונעם פלייש און זיך אָנגעשטאָפּט דאָס מויל.

אין דער אכילה האָבן זיך באטייליקט אלע רמ״ח אברים און די שס״ה גידים, אָן אן איבערייס, אָנעם ארויסריידן צווישן זיך א וואָרט; מ׳האָט געגעסן מיט הונגער און אין איילקייט ווי אין דער נאכט פון יציאת מצרים. און אז מ׳האָט געענדיקט מיטן פלייש, האָט מען זיך א נעם געטאָן צו דיביינער. צוגעלייגט די ליפּן צום ביינדל, אויסגעשמאָטשקעט פון דאָרט דעם זאפטיקן מא־ך דעם זיסן,

כדי פון אים וואָס מער הנאה האָבן, ווייל זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, ליגט דער גאנצער טעם פון דער בהמה און פונעם עוף — אין די בלויזע ביינער.

און אַז זיי האָבן אויסגעליידיקט איין גלעזל נאָכן אַנדערן, האָט מען זיך גענומען טרינקען גלייך פון די פלעשער.

די ערשטע סומאטאָכע איז אריבער. זיי האָבן נאָך ניט באוויזן צו פארדייען איינגאַנצן דעם „טשווערטש״ און די ווייבער האָבן זיך ווידער באַוויזן ביי די טישן און פאַרגעלייגט יעדן מאן צוגאבן. זיי אליין זענען ניט געווען אימשטאנד אויפצועסן אליין דאָס גאנצע דרויבס. די ערשטע וואָס האָבן זיך אנגעכאפט אין דער מציאה, זענען געווען דאָס יונגוואַרג. דער טעם פון די פופיקלעך און לעבערלאַך איז זיי נאָך געלעגן אין האלדז פון דער סעודה דעם לעצטן שמחת תורה. נאָר אויך די עלטערע האָבן ניט געהאַט קיין שום סיבה זיך אָפּצוזאָגן פון דעם.

אז די טעלערס האָבן זיך אָנגעפולט מיט דרויבס און דאָס אויג איז געווען זאט פון די מאכלים, האָט אויך די פרעסעריי זיך געענדיקט. ווי אויסגעטרוקנטע ערד וואָס האָט איינגעזאפט אין זיך דעם ערשטן גאָס רעגן, אזוי איז מען איצט איבערגעגאנגען צו א שטילער, לאנגזאמער פארדייונג. איצט האָט מען געגעסן געלאַסן, רויק, שוין אויסריידנדיק אַ וואָרט איינער מיטן צווייטן. מ׳האָט זיך אַפילו גענומען ווינצלען אויפן חשבון פון ר׳ בערישן.

— דאָס פערטל האָט דאָך דעם טעם גן־עדן — האָט געפסקנט דער ערשטער גבאי, באלעקנדיק זיך מיט א געבראָטן לעבערל. גלעטנדיק מיט איין האנט די ברייטע, פאַרפעצטע באָרד, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט געגעבן אָנצוזעהן ר׳ דודלען און ר׳ לאָזערן, די צוויי אַלטע אַרטיסטן, זיי זאָלן נעמען שפּילן טעאַטער.

ר׳ דודל, א הויכער און פלינקער, האָט מיט איין שפרונג פון דער באנק זיך אוועקגעשטעלט אויפן טיש. זיין חבר ר׳ לאָזער האָט זיך ארונטערגעגליטשט אונטערן טיש.

— דו וועסט שפּילן דעם הייליקן באָק און איך דעם ייד — האָט ר׳ דודל געזאָגט מיט זיין זינגעוודיק קול פון אַ בדחן, איידער מען באַדעקט די כלה. ער האָט גענומען זיין באָרד איןביידע הענט און א גלאנץ האָט זיך באוויזן אין זיינע קינדערישע, וואַסערדיקע אויגן פון אַ דרדקי מלמד.

— מעעע — האָט ר׳ לאָזער געגעבן זיין צושטימונג מיט דער שפראך פון א ציג.

— זאָג מיר, הייליקער באָק, כ׳האָב זיך מיט דיר געפירט לויטן דין? — האָט ווידער אויפגעציטערט ר׳ דודלס קול, נאָר דאָסמאָל ווי א קול פון ערשטן פידלער.

— מעעעעע — האָט ר׳ לאָזער געשאָקלט מיטן בערדל אין דער ברייט. און באלד דערנאָך ארויסגעלאָזט פון מויל: — בררר!...

— בררר!? וואָס מיינט דאָס? — האָט ר׳ דודל זיך אַ הייב געטאָן אַן איבעראשטער פון זיין אָרט.

— דאָס מיינט, אַז אין אַנהייב האָסטו זיך מיט מיר געפירט אין אָרדענונג, נאָר

לעצטנס נישט אַזוי — האָט ער געענטפערט.

דעהערנדיק די באשולדיקונג פון הייליקן באָק דורך ר׳ לאָזערס מויל, האָט ר׳ דודל אויפגעברויזט. ער האָט געמיינט אז ר׳האָט דאָ צו טאָן מיט די קינדער אין זיין חדר און באפוילן:

— ארונטער,
איידער עס ווערט ווינטער!...

און אויפגעהויבן דעם קאַנטשיק איבער די קינדערישע קעפלעך. נאָר זיין גוטהארציקייט האָט אים ניט געלאָזן שלאָגן די קינדער — און גענומען דערלאַנגען קלעפּ אינעם עק פון טיש.

— וואָס האָט דיר געפעלט ביי מיר? — האָט ער געפרעגט. — כ׳האָב דען ניט אָנגעטרונקען דיך מיט מילך? האָסט דען ביי מיר שווער געאַרבעט? — טרערן האָבן אים געשטיקט אין האלדז. ר׳ דודל האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן און זיך צעוויינט.

— ריכטיק, אלץ איז ריכטיק, אָבער...

— וואָס פארא אָבער, וועלכער אָבער — האָט אים ר׳ דודל ניט געלאָזט פארענדיקן.

— האָסט מיך אָבער אָפּגענאַרט — האָט ר׳ לאָזער געלאָזט הערן זיין ברומענדיקן פּראָטעסט פונעם באָק.

— איך האָב דיך אָפּגענארט? שעמען מעגסטו זיך! איך וועל נארן? איך? דער ייד בעריש וועט אָפּנארן? איך? — א קרעכץ, ער אָטעמט איין א ביסל לופט. דערנאָך הייבט ער אויף דאָס קול ווי איינער וואָס וויל אָפּווארפן ר׳ לאָזערס באשולדיקונג.

— זאָג, הייליקער באָק, נישט גענוג וואָס האָסט געטרעטן, חרוב געמאכט, געווילדעוועט און פארניכטעט אלץ וואָס האָסט אָנגעטראָפן אויפן וועג — האָב איך געקענט לענגער ליידן? — ר׳ דודל איז שטיל געבליבן נאָך א שווערן זיפץ. אויך לאָזער האָט געשוויגן. ער האָט אויפגעהויבן זיין בערדל איבערן ברעט פון טיש, אָנגעצילט זיינע פייכטע, טריבע אויגן.

— איצט, הייליקער באָק, איז געקומען די צייט דיך מספיד צו זיין — האָט ער געזאָגט.

— ווען דיך וואָלט געבוירן די ציג פון מיין שכן קאַפּוסטאַ, וואָלט דיין גורל געווען ווי פון יעדן באָק: מ׳וואָלט דיך געהאָדעוועט מיט בריקעוו ווי ער האָדעוועט זיינע חזרים; ער וואָלט דיר פאַרשניטן די הערנער, געבינדן די פיס און צום סוף דיך אומגעבּרענגט. נאָר אזוי ווי ביסט ארויס פון דער טראַכט פונעם ייד בערישעס ציג און אלס בכור ביסטו ארויס פון דיין מאמעס בויך — ביסטו געהייליקט פארן פאָלק ישראל. און צו אזעלכן האָב איך אין מיין בני־בית זיך באצויגן א סך צייט. ווי א בן מלך האָסטו ארומשפאצירט אין מיין גאָרטן. ס׳האָבן

דיר ארויסגעשפּראָצט צוויי הערנער און איך האָב אויפגעהאָדעוועט א גאַנצע משפּחה ציגן. כ׳האָב געגלויבט באמונה שלימה אז משיח צדקנו וועט לאָזן הערן זיין בשורה פאַרן פאָלק...

ר׳ דודלען האָבן געגומען שטיקן טרערן אין האלדז און אים איינגעשטילט. מיט גרויס מי האָט ער פאַרענדיקט:

— און אז מיר האָבן ניט זוכה געווען און דאָס היי...

א טיפער זיפץ. א גרויסע, קרישטאָל־ריינע טרער האָט זיך געשטעלט אין ווינקל פון זיין קינדעריש אויג.

— ב־רר... בררר... האָט ר׳ לאָזער אָפּגעענטפערט מיט א גאַנץ מויל און א פּאַרציטערטער. — כ׳ליג נאָך אַלץ אויסגעצויגן אין דיין שטאַל... עס שטינקט שוין — האָט ער געענטפערט.

ר׳ דודל האָט אָנגעכאַפּט זיין באָרד, ווי ער וואָלט געגאַנגען שווערן:

— כ׳וועל דיך ברענגען צו קבר ישראל, מיין קדוש, ווי כ׳בין א ייד!... — און ר׳ דודל האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון טיש.

הינטער די פּלייצעס פון די יונגערע מיטגלידער פון דער חברה קדישא האָבן די ווייבער געשנייצט זייערע נעזער אין די פּאַטשיילעס. געקרעכצט און שטיל געוויינט ווי תשעה באב ביינאַכט אין דער ווייבער־שיל. דערנאָך האָט געהערשט א געדיכטע שטילקייט. א ליידיקער חלל איז געבליבן צווישן דער שמחה און דעם טרויער. דורך דער טיר איז אַ שוועבנדיקער אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש דער גרינגפיסיקער ר׳ יאָסקע. געבליבן שטיין אויף איין פוס, בעת דעם צווייטן האָט ער אונטערגעהאַלטן, אַן איינגעבויגענעם, מיט דער האַנט. אויף זיינע אַקסלען ליגט זיך א ווייסער באָק, וועמענס עק איז עטוואָס פאַרגעלט און זיין שפּיציק בערדל, אין פאָרם פון אַ „קמץ”, איז שוואַרץ־ווייס. ר׳ יאָסקע נעמט אונטערטאַנצן און זיך דרייען אין א קאַראַהאָד ווי א חנוכה־דריידל.

— דער הייליקער באָק! — דערהערט זיך פון אַלעמען אַן אויסגעשריי.

אין אויגנבליק איז פאַרשווונדן דער טרויער וואָס האָט זיך געהאַט פאַרגנבעט אין אלעמענס הערצער און אויף זיין אָרט האָט זיך באוויזן א שמייכל אויף די פּנימער. דער לעבעדיקער באָק האָט ווינציקסטנס אויף א ווייל באזייטיקט דעם טויטן הייליקן באָק. דאָס איז געווען ר׳ יאָסקעס איינפאַל וואָס האָט אים אין דער לעצטער מינוט אויפגעבליצט אין מוח צורו לאָזן דעם זאַק מעל, וועלכן ער האָט געהאַט בדעה אויסצושיטן אויף די קעפּ פון די אַנוועזנדיקע.

ר׳ יאָסקס פאָרטל מיטן באָק וואָס איז אויסן געווען ניט מער ווי צו דערפרייען הערצער — האָט ניט אזוי מצליח געווען. דער קאַפּריזנער באָק האָט „באַשלאָסן”, אז געגנוג צו שטינקען אויף די אַקסלען פון זיין טרעגער, ער האָט זיך א הייב געטאָן און מיט איין שפּרונג האָט ער זיך שוין געפינען אינמיטן צימער. איינער פונעם יונגוואַרג האָט טאַקע געפּרוווט אים איינהאַלטן, אים אָנגעכאַפּט ביים עק —

אָבער דער באָק האָט גאָר אוועקגעשלעפּט דעם יונגעמאַן ביזן מאַרק, באַגלייט פון אַלעמענס געלעכטער.

אנטלויפנדיק, האָט דער באָק אויך פאַריאָגט דעם לעצטן ענין. די אַריינגעגאַ־סענע פּלעשער בראָנפן האָבן דערגרייכט די מוחות און פאַרקלאַפּט די קעפּ. אויך די חושים זענען פאַרטעמפּט געוואָרן צוליבן עסן. נאָך די נאַכט־קילקייט פון דער לעצטער אשמורה וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער אָפענער טיר און די פענצטער־שפּאַרעס, איז אויך געווען הילפלאָז — די מידקייט האָט אַלעמען אוועקגעלייגט. אַלץ איז אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ: די פּאַסירונגען מיטן הייליקן באָק, דאָס „טריאָטער" פון ר׳ דודלען און ר׳ לאָזערן, ר׳ יאָסקעס טאַנץ מיטן לעבעדיקן באָק. אַפילו צוליבן משכון וועלכן דער גבאי האָט פאַרזעצט ביים מאָנאָפּאָלשטשיק, האָבן זיי ניט געהאַט קיין געוויסנסביסן. אויסגעלייגט, ווער אויפן באַנק, ווער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן טיש, זענען אַלע אַריינגעפאַלן אין אַ בשותפותדיקן, טומלדיקן שנאָרכן.

בלויז די ווייבער האָבן ניט פאַרלאָזט דעם גבאיס הויז, ביז זיי האָבן ניט אויפגערוימט דעם גאַנצן באַלאַגאַן, אַלץ צוריקגעשטעלט אויפן אָרט און געמוזט בעטן די מענער צו פאַרלאָזן דאָס הויז. אונטערגעהאַלטן איינער פון אַנדערן, האָבן זיי זיך דערשלעפּט אַ היים. הגם זיי האָבן באַדאַרפט בייקומען די מידקייט, האָבן די פרויען ניט פאַרגעסן די גוטהאַרציקע בריינדל, די באַשיידענע און פרומע ווייב פונעם גבאי. ביים רייניקן די שטוב, האָבן זיי מתפלל געווען פאַרן באַפרייען דעם משכון וועלכן איר מאַן האָט געגעבן דעם גוי דעם מאָנאָפּאָלשטשיק.

פדיון שבויים... פדיון שבויים...

די שפּעטערדיקע גראָע, קאַלטע טעג האָבן גענומען אַריינדרינגען אין די מוחות פון די חברה קדישא לייט ווי אַ סטאַדע מוראַשקעס מיטן אָנקום פון פרילינג. ווי די מוראַשקעס וועלכע ציען אַרויס פון דער ערד די ווינטער־פּגרים, האָבן די טעג פון איסרו־סעודה אויסגעדעמפּט די שיכרות פון זייערע מוחות. זיי האָבן אויסגעניכטערטע איינגעזען די אילוזיע פונעם איילן זיך צו צעטיילן די „פּעל" פונעם באָק, נאָך איידער זיי האָבן אים געהאַט אין די הענט.

זיי האָבן אָנגעצילט זייערע מאַטע בליקן צום דאָרף זובי — אָבער קיין שום סימן, קיין צייכן פון דאָרט.

ס׳איז שוין ניט געווען דער מינדעסטער ספק, אַז ר׳ בעריש האָט באַגראָבן זיין מת, דעם קדוש, אין איינעם פון די שכנותדיקע שטעטלעך, און אפשר — ווער ווייסט — אין יוזעפאָוו גופא ?!...

דערנאָך האָט מען אין די היימען פון דער חברה נושאים זיך געסודעט, אַז אין דעם שטעקט אַ האַנט פון איינעם פון די גבאים...

צווישן צוויי
וועלט-מלחמות
(1914 - 1939)

אַזוי האָבן מיר געפּייערט די באַלפור־דעקלאַראַציע

עזריאל אמר־למר

דער האַרבסט האָט געוועלטיקט אויף דער שול־גאַס אין זיין פולער פּראַכט און פאַרבן. די ביימער אינעם שול־גאָרטן וואָס זענען געוואַקסן אין פ־אָנט פון הויז און באַשאָטנט די קלאַס, האָבן מיט א סך בלעטער אויסגעבעט די פייכטע ערד, וועלכע האָט געאָטעמט מיט ווארעמקייט.

צווישן פיל פוילישע שילערס און שילערינס איז געזעסן אַ יידיש 8—9־יאָריק יינגל, און אפשר נאָך אייניקע יידישע שילערס. צוליב די מלחמה־יאָרן איז ניט אזוי אָפּגעהיטן געוואָרן די אָרדענונג פון לערנען. אין א פארשפּעטיקטן עלטער האָט מען אָנגעהויבן לערנען אין דער פוילישער שול, בעת אין חדר האָט מען געפירט דאָס קינד פון 3 יאָר אָן. בדרך כלל האָט דער ערשטער טאָג אין שול פאר א יידיש קינד זיך אָנגעהויבן, ווען ער האָט שוין דערגרייכט דאָס אכטע יאָר.

אין קלאס הערשט א שטילקייט. שווער צו געדענקען גענוי וועלכן טאָג און וועלכע שעה דאָס האָט פּאסירט. צו אים דערנענטערט זיך (און אפשר אויך צו די אנדערע יידישע שילערס) זיין לערערין, די פריילין געניא, תמיד אָן אויסגעפוצטע און שיינע, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ שמעקעדיקער בוקעט בעז (אוי, דער בעז פון פוילישן חודש מאַי — די בליענדיקע דופטן פון די „מאַיוווקעס"...).

אַלנפאַלס, אויב ער איז ניט געווען דער איינציקער יידישער שילער, אונטערליגט ניט קיין ספק, אַז ניט קיין סך יידישע תלמידים האָבן געלערנט אין יענער קלאַס. אָבער נישט אַזוי אין דער ערשטער קלאַס פון דער פריילין מאַריאַ, אַן אלטע בתולה וואָס האָט אויסגעזען ווי א נאָנע פון א מאָנאסטיר, מיט אירע אָפּגעהיטענע מאַניערן, מיטן ערנסט־פאַרפינצטערטן געזיכט, מיט איר פאַמעלעכן גאנג. מיר האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון א טרויעריקער פאל וואָס האָט פּאסירט אין קלאס פון דער פריילין מאריא. בעת איינער פון די לעקציעס, אָדער איבערייס, האָט איטשע באַרעק ארויפגעשטעלט א שטול אויפן טיש פון דער לערערין און אראָפּגענומען פון וואנט דאָס בילד פון דער „הייליקער מוטער". די פריילין מאריא, צי זי האָט געהאט געוויינט נאָך פריער, צי זי האָט זיך צעוויינט שוין נאָכדעם, נאָר דערזעענדיק וואָס דער יידישער שילער האָט געטאָן מיטן הייליקן בילד — האָט זי זיך צעכליפּעט אויפן הויכן קול.

מעגלעך, אז די פּאסירונג האָט גורם געווען צו א קליינער צאָל יידישע

שילערס אין צווייטן קלאס, מיט א יאָר שפּעטער, און אפשר זענען געווען דערצו אַנדערע סיבות. אַלנפאַלס, אין צווייטן קלאַס זענען נישט געווען קיין סך יידישע תלמידים אין דער פּוילישער שקאָל'ע.

אלזאָ, צו אים דערנענטערט זיך זיין לערערין, די פרייליין געניא און זאָגט: „היינט איז א גרויסער יום־טוב פאר יידן, ביסט פריי פון לערנען". אין אָנהייב האָט ער ניט באַנומען דעם זין פון איר מעלדונג, ווייל אלע יידישע יום־טובים זענען געהאט פאָריבער: ראש־השנה, יום־כיפור, סוכות און שמחת־תורה — טאָ וועגן א וואָסער יום־טוב רעדט זי איצט?

ער שטייט נאָך אַ פאַרגאַפטער און באַטראַכט מיט זיין בליק די גאַנצע קלאַס — און פון גאַס רייסט זיך אַריין אַ טומל, אַ גערודער פון דער תמיד שטילער גאַס. אזוי ווי ער איז איצט פריי, פארלאָזט ער שנעל די קלאס און רייסט זיך ארויס אויף דער אויפגערודערטער גאַס. פונעם שאָסיי דורכן קלויסטער־געסל מארשירן רייען יוגנטלעכע — יידישע יינגלעך און מיידלעך. פאָטער אין הימל! דעם יינגלס קאָפּ פארנעמט עס גאָרנישט. וואָס קומט דאָ פאָר? יידישע יוגנט האָט באַהערשט די גאַס פון דער פּוילישער שקאָלע, דאָס קלויסטער־געסל... בראש האָט מאַרשירט אַ יונגערמאַן (כ'געדענקט ניט ווער דאָס איז געווען) און אין זיין האַנט — אַ בלוי־ווייסע פאָן וואָס האָט געפלאַטערט אויף אַ הויכן שטעקן. מען דאַרף ניט קיין סך אָנשטרענגען די פאַנטאַזיע כדי זיך פאָרשטעלן די געפילן פון אַן 8—9 יאָריק קינד ווי ער, וואָס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער מיט די אייגענע אויגן געזען אַ בלוי־ווייסע פאָן, אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן. ביז איצט האָט ער נאָר געזען איין־און־איינציקע רויט־ווייסע פאָן, די פּוילישע.

מיטגעריסן מיטן ווארעמען שטראָם פון די מארשירנדיקע און באַגייסטערטע וואָס האָבן פאַרפולט די גאַס, האָט אויך ער זיך אַריינגעשטעלט צווישן זיי. פון דאָרט האָבן זיי זיך געלאָזט צו די גאסן פון שמעלקי וואקס און פון לייבאָוויקי־הערצערמאַן־הערצערבערג און אוועק צום פּירעקיגן רינעק פון שטעטל. דאָ האָבן זיך שוין פארזאמלט נאָך און נאָך מארשירנדיקע. צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן די אָפּקלאנגען פון די זיך פארמאכנדיקע געשעפטן. יונג און אלט, קינד־און־קייט, מענער און פרויען האָט געשטראָמט אהין און זיך אָנגעשלאָסן אינעם פאַראַד וועלכן דאָס שטעטל האָט ביז איצט נאָך נישט געזען.

דערנאָך האָט דער צוג געווירט און דערגאנגען ביזן שיל־הויף וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט א הילצערנעם פּלויט. אויף די טרעפּ פון דעם גרויסן פּאָליש פון דער שיל זענען געשטאנען די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים פון שטעטל, די ערשטע ציוניסטן אין יוזעפאָוו (לויט א"ב): יקותיאל גראָסהיים, משהלע האָפמאַן, נתן טייער, משה־נפתלי לעמער, שבתאי לאנדאו, לייבל צימערמאַן און ליפּע שווארץ. אויסער זיי האָט זיך דאָרט געפונען א בחור פון דער פרעמד, וואָס אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָט ער געהייסן הוסטיק אָדער האסטיק.

דער דאָזיקער יונגער, ענערגישער בחור, מיט א געדיכטע טשופרינע, איז ווייזט אויס געווען דער אָרגאניזאטאָר פון דער דאָזיקער פייערונג. די פייערלעכע רעדע האָט געהאלטן נתן טייער וואָס האָט ערשט ניט לאנג זיך אומגעקערט מיט זיין משפחה פון רוסלאנד. נאָכן פארענדיקן זיין רעדע האָבן זיך געהערט אויסגעשריען „יחי!" („זאָל לעבן!"), וועלכע דער גאנצער עולם האָט אונטערגעכאפט, לויט דער ריי: „זאָל לעבן באלפור! זאָל לעבן ווייצמאן!" אאז"וו.

שפעטער איז דער עולם זיך פונאנדערגעגאנגען און א גרופע ציוניסטישע טוערס מיט יוגנטלעכע פון „השומרים" זענען אַוועק אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אינעם הויז פון „מאָנאָפּאָל". דאָ האָט געגומען אַ וואָרט דער פריער דערמאָנטער בחור הוסטיק. ער האָט געלאָזט הערן די ערשטע ציוניסטישע לידער, געלאָזט זיך אין א טאנץ און מיטגעריסן אנדערע, באזונדערס די חברים פון „השומרים", וואָס האָבן גענומען טאַנצן מיט התלהבות ארץ־ישראלדיקע טענץ (דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געוווסט פון קיין „האָראַ"). מיר שיינט, אַז דער וויכטיקסטער טאנץ אין יענער צייט איז געווען „הזורעים והקוצרים" (די וואָס זייען און שניידן). אויף יענער פייערונג האָט א יידיש קינד צום ערשטן מאָל איינגעאָטעמט אין זיך די בשורה פון היימלאנד, וועלכע האָט אין לויף פון יאָרן זיך אַנטוויקלט אין אַ מעכטיקער שטרעבונג צו קומען אין אייגענעם לאַנד.

דער „החלוץ" און „העובד" אין אונדזער שטעטל

יצחק וואַרעמשטיין

אַ געוויסן אָונט, אין יאָר 1921, האָבן אויף דער איניציאַטיוו פון די חברים לייביש־לייזער ליסטענבערג און מרדכי שוואַרץ זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע יוגנטלעכע מיט דער כוונה צו גרינדן אַ לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון החלוץ. אויסער די צוויי שוין דערמאָנטע חברים, האָבן אין יענעם צוזאַמענטרעף זיך באַטייליקט: קלמן נירענשטיין, העניך פּרינץ, נתן מיטלער, הערש־דוד שלייכער, ברוך קעלנער, בערקאָ ווינדער, עובדיה מייזעלס, רבקה־רחל ליסטענבערג, מרים רייטער, מירל פֿיינגאָלד (זיי אַלע — אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה), יוסף דאַך־דרור, יצחק שטענדער, פּערל פישל, רבקה קאַרפּ, מרים קאַליכמאַן, צפורה בוימוואָל און דער שרייבער פון די שורות (אַלע אין ישראל) און לייביש קעלנער (איצט אין ניו־יאָרק).

וועגן די אויפגאַבן פון החלוץ אין פּוילן און אין ישראל האָט אויף יענעם צוזאַמענטרעף רעפערירט לייביש־לייזער ליסטענבערג. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער וויכטיקייט פון חלוצישער הכשרה אין פּוילן פאַרן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, דאָס צוגעוויינען זיך און צופּאַסן צום בשותפותדיקן לעבן, צו פּיזישער אַרבעט בכלל און צו דער לאַנדווירטשאַפט בפרט.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן חלוצישן אידעאַל און געמיינט אויפריכטיק אויך די פּערזענלעכע רעאַליזירונג זיינע און זענען געווען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דער באַוועגונג. מיטן געזאַנג „מיר שווערן" האָט זיך פאַרענדיקט די פאַרזאַמלונג.

אין יענער צייט האָבן אין שטעטל געווירקט דער קרן הקיימת און דער קרן היסוד, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אייניקע עלטערע ציוניסטן: ליפּע שוואַרץ, משה־נפתלי לעמער, יקותיאל גראָסהיים, אייזיק רעכנער, שלום ברעגמאַן און דער יונגער און דינאַמישער יהושע טייער.

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן אַנטשטיין פון החלוץ, האָבן די מיטגלידער זיינע זיך באַטייליקט אין די טעטיקייטן פון קרן הקיימת און קרן היסוד, געהאָלפן זאַמלען געלט און געווען אַקטיוו אין אַלע אַקציעס און אונטערנעמונגען. אויסער די געלט־זאַמלונגען און אויסליידיקן די בלוי־ווייסע פּושקעס, וואָס איז געווען אַ סטאַבילע אָבער פּעריאָדישע אַרבעט, האָט יעדער מיטגליד פון החלוץ באַדאַרפט אַמאָל פאַרלאָזן זיין פּריוואַטע באַשעפטיקונג, כדי ביי וועלכן בעל־הבית אין שטעטל האַקן האָלץ אָדער טוען אַנדערע פיזישע אַרבעט, ווי דער מינהג אין יענע צייטן.

אין די נעכט האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין לאָקאַל, עטלעכע מאָל אין וואָך, כדי אַדורכפירן שמועסן אויף פאַרשידענע ארץ־ישראל טעמעס, רעפערירן, רעציטירן, דיסקוטירן און אויך כאַפּן אַ טענצל. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַלעמען אַמיינסטן האָט

מען געטאַנצט אַ „האָראַ". מ'האָט אויך אַ סך געזונגען העברעישע לידער און דאָס לערנען העברעיש איז געווען פון די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער אָרגאַניזאַציע.

מיט דער צייט איז אַ דאַנק דער מי פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען אין יוזעפאָוו געשאַפן געוואָרן אַ „תרבות"־שול, וווּ דער איינציקער לערער איז געווען אברהם כהן פון טשענסטאָכאָוו. דער רוב יוגנטלעכע, אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי־ישער אָנגעהעריקייט, האָט געלערנט עברית. דערנאָך איז די „תרבות"־שול פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פאַר קולטורעלער טעטיקייט, אויסער די לימודים אין די קלאַסן. דעם לערער כהן איז געלונגען אַריינצוגעבן דער יוגנט אַ נייעם, לעבעדיקן גייסט. ביי דער שול איז געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, ניט נאָר פון די תלמידים, און פון צייט צו צייט זענען געגעבן געוואָרן פאָרשטעלונגען וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פונעם רוב איינוווינער פון שטעטל. פון די וויכ־טיקסטע פּיעסן וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן, איז כדאי צו דערמאָנען די פאָל־גנדיקע: „יוסף אין עגיפּטן", „הערצעלע מיוחס", „שלאָמקע ריקל", „דודלס פידעלע", „צמח און זעלדע" און אַנדערע. די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען זענען געווען באַשטימט פאַרן קרן קיימת לישראל, און אין די ערב פסח טעג — אויך פאַר מעות חיטין.

אין יאָר 1925 האָט דער ערשטער פון החלוץ עולה געווען קיין ארץ־ישראל — יוסף דאַך־דרור. נאָך זיין אָפּפאָר, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, צום שלעכטן, אין דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ טייל חברטעס זענען אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה, אייניקע חברים זענען גערופן געוואָ־ן צום מיליטער־דינסט אין דער פוילישער אַרמיי, אַנדערע ווידער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אַזוי, אַז דער סניף האָט זיך כמעט ווי אויסגעליידיקט פון די מיטגלידער. די וואָס זענען פאַרבליבן אין שטעטל, זענען ניט געווען מסוגל צו פירן די אַרבעט, ס'איז אָבער פאַריבע־ ניט קיין סך צייט און די חברים זענען זיך ווידער צונויפגעקומען, כדי פון די פאַרבלי־בענע החלוץ־מיטגלידער און יוגנטלעכע פון אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען צו גרינדן דעם „ציוניסטישן קלוב", וועלכער האָט בעצם אָנגעפירט מיט אַלע ציוניסטישע טעטיקייטן אין שטעטל.

די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט האָט געדויע־ט ביזן פאַרלאָזן דורך די רעוויזיאָניסטן די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דאָס גרינדן דעם בית"ר. אין יענער צייט האָט אויך יוזעפאָוו דערשפּירט דעם טעם פון שפּאַלטונגען.

*

אין יאָר 1933 האָט די החלוץ־צענטראַלע אין וואַרשע באַשלאָסן אויפצושטעלן דעם „העובד", וועלכער זאָל אַריינגעמען עלטערע חברים, אָפּשטאַמיקע פון החלוץ, שוין געהייראַטע פאַכלייט, וואָס ווילן קענען עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ניט דאַר־פנדיק אַדורכמאַכן די הכשרה. דער איניציאַטאָר דערפון איז געווען יחזקאל ראַבי־נאָוויטש און ער איז געשטאַנען בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. צום יוזע־

פּאָווער סניף פון העובד האָבן זיך אָנגעשלאָסן די חברים: יהודה גראָסהיים, איטשע־מאיר האָניגספעלד, יעקב־לייב וואָגמייסטער, יוסף לוכטפעלד, משה לערנער, אליקים קאַנדעל, פּאָניזאָווסקי און אַנדערע. ווי נאָר ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט פונעם העובד, האָבן די מיטגלידער זיך פאַרנומען מיטן זאַמלען געלט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן, לערנען עברית און קולטור־טעטיקייט.

אין יאָר 1934 איז צו אונדז געקומען דער שליח פון ארץ־ישראל, שמואל יבניאלי, וואָס האָט געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן גרינדן אין פּוילן פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון און זיי דערנאָך איבערפירן קיין א״י, צוזאַמען מיט די עולים. אונדזער סניף האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופן פּאָזיטיוו אויף דעם רוף און געשאַפן אַ סטאָלער־קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אָנגעשלאָסן: יעקב באַגלייבטער, מאיר און יהודה גראָסהיים, יעקב־לייב וואָגמייסטער, אפרים וואַרעמשטיין, מלך דיקשטיין און דער שרייבער פון די שורות. אַלע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אויסער דריי: מאיר גראָסהיים, מלך דיקשטיין און איטשע־מאיר האָניגספעלד, וואָס זענען אומגעקומען פון די דייטשע מערדערס.

דער סטאָלער־קאָאָפּעראַטיוו, געבויט אויף יסודות פון שותפותדיקייט, האָט דעם לוין געצאָלט לויט דער גרייס פון דער משפחה פונעם מיטגליד, און ניט לויט די פאַכמענישע קוואַליפיקאַציעס און דערגרייכונגען ביי דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז ניט לייכט געווען דער גאַנצער ענין, ווייל פיל חברים פונעם קאָאָפּעראַטיוו זענען נאָך געווען ווייט פון קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק, פון אַ בשותפותדיק לעבן. עס האָט זיך באַקומען, אַז אַן איינזאַמער בחור, נאָר אַ גוטער בעל־מלאכה, האָט באַדאַרפט מוותר זיין פאַר אַ שוואַכערן אַרבעטער, נאָר אַ בעל־משפחה. אויך יענע שווערע צייט האָט זיך געטאָן ס׳איריקע, ווייל צופיל אַרבעט איז ניט געווען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מי און אָנשט־ענג, פיזישן און מאָראַלישן, כדי האַלטן צוזאַמען דאָס „פעקל״. דער לעבעדיקער גייסט אין קאָאָפּעראַטיוו איז געווען איטשע־מאיר האָניגספעלד. ער איז געווען דער סעקרעטאַר, פאַרטיילט די אַרבעט און אויף אַלץ אויפגעפּאַסט. געהאָלפן האָבן אים אפרים און יצחק וואַרעמשטיין (דער לעצטער איז געווען פאָרזיצער פון „העובד״).

אין אויגוסט 1935 האָב איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דער פאַרבליבענער איטשע־מאיר האָניגספעלד האָט געהערט צו די איינציקע וואָס האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות איינצוהאַלטן דעם קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אַפילו די הילף פון חבר פּאָניזאָווסקי האָט ניט געגעבן קיין רעזולטאַטן. אין יאָר 1936 האָט דער קאָאָפּעראַטיוו זיך אויפגעלייזט.

די אַרבעט פאַרן קרן קיימת

ע. א—ל

די קרוינונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטעטל זענען געווען די געלט־זאַמלונגען פאַרן קרן קיימת לישראל, וועלכע האָבן מאָביליזירט די בעסטע יוגנטלעכע פון אלע ציוניסטישע שאַטירונגען. יעדער יינגל און מיידל וואָס האָבן געהערט צו דער „ארמיי" פון די קרן קיימת זאמלערס — איז געווען שטאָלץ מיט דעם אויפטו. מיר, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רעאַלן צוגאַנג צום לעבן, האָבן פארשטאנען, אז אויך דאָס זאמלען א גראָשן צו א גראָשן איז דער ריכטיקער וועג אויסצולייזן דאָס לאנד. איך געדענק, אז די שליחים פון קרן קיימת וואָס זענען געקומען אין שטעטל פון דער צענטראלע, האָבן געלויבט יוזעפאָוו פאר אירע דערגרייכונגען, אנטקעגן די אנדערע שטעטלעך אין דער געגנט. מיר האָבן דאָס באטראכט ווי א הייליקע ארבעט צו וועלכער מען דאַרף זיך גרייטן און ווי געהעריק אַדורכפירן. פאָרלעך — אַ יינגל און אַ מיידל — אָנגעטאָן אין די יום־טובדיקע מלבושים, פלעגן יעדן חודש זיך לאָזן איבער די יידישע היימען און אויסליידיקן די בלוי־ווייסע פושקעס.

אויב איר וועט פרעגן: פונוואנען דער דאָזיקער גייסט, ווער האָט אים דערוועקט? מיין ענטפער: די באַן וואָס האָט דורכגעשניטן אונדזער שטעטל און געברענגט באזוכערס פון ווין און לעמבערג, פון ווארשע און ווילנע, פון לובלין און אויך פון ארץ־ישראל — זיי האָבן גורם געווען צו דער דערוואכונג. אויך די אומבאַקאַנטע צומערשט יונגעלייט מיט די פייערדיקע טשופּרינעס, ווי פּרוסטאָק פון גראבאָוויעץ, דער לערער ראָזען פון זאמאָשטש און צום לעצט — דער באַגייסטערטער אָנהענגער פון א. ד. גאָרדאָנס לערע, דער העברעיש־לערער אברהם כהן פון טשענסטאָכאָוו — זיי אלע האָבן אונדז אָנגעשטעקט מיט זייער התלהבות. נאָר פאר אלעמען דאַרף דערמאָנט ווערן יהושע טייער, דער דאָזיקער יונגערמאַן צווישן אלטע און אלטער צווישן יונגעלייט, וואָס האָט אלע זיינע יאָרן טריי און ערלעך געאַרבעט פאַרן קרן קיימת און געווען איבערגעגעבן בלב ובנפש אַלע אַנדערע ציוניסטישע אקטיוויטעטן. זיין גאנץ לעבן געטרוימט וועגן ארץ־ישראל און נישט זוכה געווען צו פארווירקלעכן זיין חלום. ער איז אומגעקומען פון די נאצישע רוצחים.

יהושע איז אָבער ניט געווען דער איינציקער אַקטיוויסט. אַרום די קרן־קיימת ארבעטן האָבן אים צוגעהאָלפן: חנהטשע לערנער, צפורה בוימוואָל, חיה אוורוך, פנינה פישל, ברוך און רחל לעמער, עלקע שלייכער, חנה וואַרעמשטיין, חנה הילף, יצחק וואַרעמשטיין, איטשע שטענדער, מענדל ניקעלסבערג, חנה שניידמעסער, מרים קאַליכמאַן און קלאָרן משה (זיי אַלע געפינען זיך אין ישראל). און די וואָס האָבן ניט זוכה געווען: לאה טייער, פנינה אָבערבאַדין, מירטשע פיינגאָלד, הענטשע

אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אייניקע חברים, ווי שמואל קאליכמאַן, שמשון וואקס, קעלנער, יהושע קאפּענשטאָק — געפינען זיך איצט אין אמעריקע, און הערש הערצמאַן — אין ארגענטינע. אויך דער שרייבער פון די שורות האָט יאָרן לאַנג מיטגעאַרבעט מיט טייערן און דערנאָך איבערגענומען די אָנפירונג פון קק״ל אין יוזעפאָוו.

יעטוועדע אקציע פארן קרן קיימת איז פארוואנדלט געוואָרן אין א יום־טוב. איך געדענק איינעם אזא יום־טוב צום סוף פון די צוואנציקער יאָרן. פון ארץ־ישראל זענען אָנגעקומען פּרוכטן: מאנדלען, טייטלען, ראָזשינקעס און באָקסער — א מתנה פון ארץ־ישראלדיקן קרן קיימת פאר די יידן אין די גלות־לענדער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אין ט״ו בשבט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גאָר אייגנארטיקע פייערונג. די חברטעס האָבן דעקאָרירט דעם זאל, די ווענט און פענצטער. אמת, מיר האָבן געהאט הינטער זיך א סך אונטערנעמונגען, ווי א פייערונג פאר דער תרבות־שול, געזעגענונג־אָוונטן פאר חברים וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און אַנדערע. אָבער יענער אָוונט, מיט דעם לעבעדיקן גרוס פון ארץ־ישראל אין דער פאָרם פון די פּירות — איז געווען א גאָר באזונדערע איבערלעבונג. מיר זענען ווי פאַרשיכורט געוואָרן פונעם ריח פון די ארץ־ישראל פעלדער און גערטנער, געטראַכט פונעם יידישן פויער וואָס באַאַרבעט די ערד אין אייגענעם לאַנד. מיט איין וואָרט — ס׳איז פאַר אונדז געווען אַ געוואַלדיקע איבערלעבונג.

אויף צו פארגרעסערן די איינקונפטן פארן קרן קיימת האָבן מיר איינגעאָרדענט טאַנץ־אָוונטן אין פאַרבינדונג מיט נאַציאָנאַלע דאַטעס, ווי חנוכה, פּורים, ל״ג בעמר. צו אזעלכע אונטערנעמונגען פלעגט קומען כמעט די גאנצע יוגנט פון שטעטל. פאָרגעקומען איז עס אינעם גרויסן זאל פון „פאָלקס־הויז״, מיטן אנטייל פון א גוטן אָרקעסטער, מיט פידלערס פון זאמאָשטש: א סך מי און מחשבה איז געוואָרן אַריינגעלייגט פון די חברים און חברטעס ביים דעקאָרירן דעם זאַל. די גאנצע הכנסה פון אזא טאנץ־אָוונט איז געווען באשטימט פארן קרן קיימת.

צו אזעלכע אָוונטן זענען אויך געקומען יוגנטלעכע פון דער אומגעגנט, ווי: חיה קאַרפּ און אירע ברידער פון סאָשיץ, סאַלע רענער מיטן מאַן פון די זוביס, פּערעלע ראָזענקראַנץ פון סענדערקי, קראַמפּף און קריגזנער פון אַלעקסאַנדראָוו און אנדערע.

מיר זענען געווען יונג און לעבנסלוסטיק, ליב געהאט צו טאנצן סיי א „האָראַ״, סיי די סאָלדאַטן־טענץ. מיר האָבן זיך געפרייט און געהאַט הנאה. אויך דער קרן קיימת האָט דערפון גענאָסן.

דער ערשטער עולה פון יוזעפּאָוו

דערציילט: יוסף דרור (דאַך) **פאַרשריבן:** ע. אמר

דעם 25סטן יאַנואַר 1925 האָב איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דער געדאַנק צו באַזעצן זיך אין אונדזער לאַנד האָט מיך באַהערשט, ווען כ'האָב אַלס 13־14 יאָריק ייִנגל געלערנט אין בית־המדרש ביי הערשעלין. דער באַגריף ירושלים אַלס היילִיקע שטאָט און ארץ־ישראל ווי אַ ייִדיש לאַנד האָט מיך באַהערשט אין דער פריסטער יוגנט, נאָר ס'איז מיר ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז גראָד איך וועל זוכה זיין צו זיין דער ערשטער חלוץ־עולה פון אונדזער געבורט־שטעטל.

ווי נאָר ס'איז באַוווסט געוואָרן וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין יאָר 1917, האָב איך גענומען טראַכטן ווי אַזוי רעאַליזירן דעם טרוים פון די קינדער־יאָרן און עולה זיין קיין ארץ־ישראל. נאָר דעם אמתן שטויס צו עליה האָבן מיר געגעבן די באַנען וועלכע זענען דורכגעפאָרן די סטאַציע דלוגי קאָנט און גורעצקי און געפירט חלוצים קיין ארץ־ישראל. איך האָב געהערט דאָס חלוצישע געזאַנג, געזען די גליקלעכע בחורים וואָס באַלד דערגרייכן זיי דעם ציל. אַ ניט קליינע השפעה האָט אויך געהאַט איין אַנטיסעמיטישער פאַל:

צוליב מיין האָלץ־מסחר, איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו באַזוכן אַ פויער אין דאָרף גורעצקי, ביי וועמען איך האָב געקויפט סטאַביל, נאָר ס'איז דעמאָלט געשען, אַז ער האָט ניט צוגעשטעלט צום באַן די באַשטעלטע סחורה. בין איך צו אים אַוועק מיט דער טענה, הלמאַי ער האָט ניט געהאַלטן וואָרט. האָט זיין שוואָגער זיך אָנגערופן: „וואָס האָסטו מורא פאַר דעם זשיד?" דער־אָ זאָג האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. איך באַשליס דאַן צו פאַרלאָזן די שטעטלדיקע לופט־געשעפטן און גענומען זיך גרייטן צו אַ פּראָדוקטיוו לעבן אין ארץ־ישראל.

הגם איך האָב אָנגעהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פון החלוץ, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן פירן זיין טעטיקייט אין שטעטל, האָב איך מיין סערטי־פיקאַט פונעם פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע באַקומען אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון די יוזעפּאָווער קאָמיטעטן פון קרן הקיימת און קרן היסוד. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך יוגנטלעכע וואָס האָבן פונקט ווי איך, געוואָלט עולה זיין, נאָר זיי האָבן ניט באַקומען די געגאַרטע סערטיפיקאַטן. ווען ס'איז געקומען מיין ריי, האָט מיך אויפגענומען דער חבר ריטאָוו. איך בין געווען אַנטשלאָסן אָפּצוואַרפן יעטוועדן פאָרשלאַג וועגן איבערוקן אויף שפּעטער מיין סערטיפיקאַט און געפאָדערט אויסדריקלעך אַ באַלדיקע באַשטעטיקונג. צום גליק, האָב איך אויפן אָרט באַקומען דעם סערטיפיקאַט.

די צוגרייטונגען צו דער רייזע האָבן ניט געדויערט קיין סך צייט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. נאָר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק האָט אויף מיר איבערגעלאָזט דער געזעגענונג־אָוונט וועלכן ס'האָט פאַר

מיר איינגעאָרדנט די יוגנט אין דער „תרבות״־שול. דער אָוונט איז אַדורך אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. חברים האָבן דעקלאַמירט און געזונגען. איך זעלבסט האָב דעקלאַמירט דאָס ליד פון יהודה הלוי „כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע״. ניט איין מיידל האָט דערביי געלאָזן פאַלן אַ טרער פון פרייד און טיפע איבערלעבונג. נאָר מיין האַרץ, איז מערער פון אַלעמען, געווען איבערפילט מיט פ־ייד און דערהויבנקייט וואָס כ׳האָב זוכה געווען צו זיין דער ערשטער חלוץ־עולה פון אונדזער שטעטל.

אויפן וועג צום באַן האָבן אַ סך איינוווינער פון שטעטל מיך באַגלייט צו דער סטאַציע און איך האָב זיך געטראַכט, אַז מיין נסיעה איז שיער ניט פאַרוואַנדלט געוואָ־ן אין אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער געשעעניש. מיט אַ באַזונדערער פרייד האָבן מיך באַגלייט די חברים פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און די עלטערע שילערס פון דער „תרבות״־שול. אויפן וואָקזאַל האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אַלעמענס הענט און אַקסלען און ס׳איז אַוועק אַ „האָראַ״־טאַנץ, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אייניקע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן פאַרלאָזט די וואַגאָנען. קריסטן אין דער סביבה האָבן זיך געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר — און מ׳האָט זיי געענטפערט, אַז „יידן פאָרן קיין פאַלעסטינע״...

די באַן האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער רומענישער פּאָרט־שטאָט קאָנסטאַנץ, ווו כ׳האָב געטראָפן אַ סך עולים, וועמען כ׳האָב ניט געקענט פערזענלעך, אָבער דער געמיינזאַמער גורל און ציל האָט אונדז אַלע דערנענטערט. אַ גאַנצן וועג האָבן מיר געזונגען א־ץ־ישראלדיקע און פאָלקס־לידער. די 5 טעג רייזע אויפן ים זענען אַדורך בשלום, נאָר אין לעצטן טאָג האָט דער ים זיך צעשטורעמט און כ׳האָב ווידער זיך דערמאָנט אין יהודה הלויס ליד, וועלכעס כ׳האָב דעקלאַמירט אויפן געזעגענונגס־אָוונט. צומאָרגנס זענען מיר אָנגעקומען אין חיפהער פּאָרט. אַ טייל עולים האָט פאַרלאָזט די שיף, בעת אַן אַנדערער טייל, און איך צווישן זיי, האָבן זיך געלאָזט מיטן ים קיין יפו.

יענער טאָג איז געווען דער גליקלעכסטער אין מיין לעבן. אַ קליינינקייט — איך, יוסף דרור־דך, אַ יונגערמאַן פון אַ קליין, ווייט און פאַרוואָרפן שטעטל יוזעפאָוו אין גלות פוילן, האָב זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד אינעם לאַנד פון די אָבות...

נאָכן אָפּזיין אין קאַראַנטין אַ האַלבן טאָג, האָט מען אונדז איבערגעפירט אינעם עולים־הויז אויף דער עליה־גאַס אין תל־אביב. מיט אונדז האָט זיך געפינען אַן אַלטער ייד, אַ הדרת פנים, וואָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין פייערלעכן „שהחיינו״ וועלכן ער האָט אויפן הויכן קול געזאָגט, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער שיף.

8 טעג האָבן מיר זיך געפינען אינעם עולים־הויז און כ׳האָב גענומען קלערן וועגן אַ תכלית. מיין שטרעבונג איז געווען צו זיין אַן ערד־אַרבעטער, אָבער דאָ

זענען געווען שוועריקייטן. מען האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ ריי. ניט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, האָב איך געאַרבעט אַלס גלעזער — מיין טאַטנס פאַך אין שטעטל, נאָר גלייכצייטיק זיך פאַ־שריבן אין דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ און געוואַרט מיט געדולד אויף מיין ריי צו ווערן אַ יידישער פויער. 2 יאָר האָב איך געאַרבעט גלעזעריי אין תל־אביב, ביז כ׳האָב באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין ירושלים, ווייל אין תל־אביב איז מיר אויסגעקומען פון צייט צו צייט צו זיין אַרבעטסלאָז. אין ירושלים האָב איך געהאַט סטאַבילע אַרבעט.

נאָך אַ יאָר זיין אין לאַנד, האָבן עולה געווען פון אונדזער שטעטל יעקב בוימוואָל, מאָטל שוואַרץ און לייביש ליסטענבערג. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן, דער עיקר אין די שבתים, אָנגעהאַלטן נאָענטע, פריינטלעכע באַציונגען און געהאָלפן איינער דעם צווייטן, ווייל עס זענען דעמאָלט געווען שווערע צייטן וואָס שייך אַרבעט און באַשעפטיקונג.

אין ירושלים האָב איך געאַרבעט ביים באַגלאָזן די פענצטער פונעם העבר־רעישן אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים. אין די שבתים פלעגן מיר אַ גרופע חברים זיך לאָזן מיט די שמאָלע, קרומע געסלעך צום כותל המערבי, ווו מיר האָבן געהאַט נייע איבערלעבונגען און עמאָציעס. איך דערמאָן זיך איינמאָל אַזאַ פאַל ביים כותל:

פאַר אַ גרופע טוריסטן פון פראַנקרייך האָט דער וועגווייזער אויפגעקלערט די באַדייטונג פון דער וואַנט פאַרן יידישן פאָלק און איר היסטאָריש־נאַציאָנאַלע ווערט. נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט זיינע אויפקלערונגען, האָט איין טוריסטין זיך אָנגערופן: „דאָס איז אַללעס?!״... די דאָזיקע איראָנישע באַמערקונג האָט אויף אונדז, יוגנטלעכע, איבערגעלאָזט אַ שווערן איינדרוק.

בעת די בלוטיקע געשעענישן אין יאָר 1929 האָב איך געהערט אין ירושלים צו דער „הגנה״, נאָר צום באַדויערן, איז אונדזער באַוואָפענונג געווען זייער אַ נעבעכדיקע און מיר זענען ניט געווען מסוגל צו אַ מער עפעקטיווער פאַרטיידיקונג.

פון דער ציוניסטישער טעטיקייט

לייביש קעלנער

די באפרייונג פון פוילן אין יאָר 1918 האָט אויפגעוועקט אין אונדזער שטעטל די אַקטיווקייט פון אַלע יידישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס זענען אין די שווערע מלחמה־יאָרן געווען אומטעטיק.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ האָלץ־האַנדל און כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט פון דעם געצויגן פרנסה. עס האָבן אנגעהויבן אריינצוקומען פארשידענע סוחרים, א טייל פון זיי — איבערגעגעבענע נאציאָנאלע יידן וואָס האָבן געענדערט דעם אויסזען פון אונדזער שטעטל.

בדרך כלל איז יוזעפאָוו געווען אָפּגעריסן פון דער ארומיקער וועלט. די מערהייט יוגנט — שטרענג רעליגיעז. אבער סוף־סוף האָט די יוגנט זיך אָנגעהויבן צו באַפרייען פון דער רעליגיעזער השפעה, אַבאָנירט און געלייענט דעם „היינט", „מאָמענט", „פאָלקס־צייטונג".

די בחורים און מיידלעך זענען געוואָרן אלץ רייפער אין פּאָליטישן, ווי און נאַציאָנאַלן זין. ס'איז אַנטשטאַנען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויך געזאמלט געלט פאַרן קרן קיימת לישראל און קרן היסוד. דערביי איז כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסן ביישטאַג פון ליפּע שוואַרץ, יקותיאל גראָססהיים, אליעזר אונטערבוך הי"ד און לייבל צימערמאן ז"ל, פאר דער ארבעט פון קרן היסוד.

ס'איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ „החלוץ הכללי", אונטער דער לייטונג פון מאַטל שווארץ און לייבוש־לייזער ליסטענבערג הי"ד. דער החלוץ האָט אנטייל גענומען אינעם זאמלען געלט פאר ארץ־ישראל און געפירט אַן ארבעט פון צוגרייטן חלוצים פאר דער עליה. פון די ערשטע עולים זענען געווען: יעקב בוימוואָל, יוסף דאַך און זיין שוועסטער עטל דאַך, משה־אברהם לערנער.

ווען מיר האָבן געגרינדעט די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים, האָבן זיך אונדזערע עלטערן דערשראָקן. בנוגע חלוציזם איז געווען דער תירוץ — ארץ־ישראל. אָבער די ביבליאָטעק? די ביכער זענען דאָך טריף־פּסול און וועלן פארפירן די יידישע קינדער אויף נישט קיין גוטע וועגן. עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפן און די יוגנט האָט אנגעהויבן פלייסיק צו לייענען די ביכער פון דער ביבליאָטעק. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויפן געשטאלטיקן פון דעם אידעישן און געזעלשאפטלעכן לעבן אין אונדזער שטעטל.

מיט דער צייט איז געגרינדעט געוואָרן א דראמאטישער קרייז אונטער דער לייטונג פון קלמן נירענשטיין, אהרון שטיק, יהושע קאווערשטאָק, נתן מיטלער און איך בתוכם. די פאָרשטעלונגען פלעגן אַריינברענגען הכנסה און אַ דאַנק דעם האָבן מיר געקענט דעקן די אויסגאבן פאר דער ביבילאָטעק. דער דראמאטישער

קרייז האָט געהאט גרויסע שטערונגען, ספּעציעל פון עלטער־ן דור, וועלכער האָט נישט דערלויבט זייערע טעכטער צו געהערן צום דראמאטישן קרייז.

גראָד איז אויסגעבראָכן א שריפה אין שטעטל — ביי צוויי פאמיליעס איז אלץ פאַרברענט געוואָרן. האָט דער דראַמאַטישער קרייז צוגעזאָגט צו געבן פאַ־ די נשרפים א העלפט פון דער הכנסה פון א פאָרשטעלונג.

אונדז איז דאָך געלונגען צו שטעלן עטלעכע פּיעסן, ווי מכירת יוסף, משה חייט, השומר, תקיעת כף, יאנקל דער שמיד.

✶

זינט איך בין צום שכל געקומען, געדענק איך דאָס שטעטל יוזעפאָוו. עס לעבט אין מיר א שטארקע בענקשאפט נאָך דעם שטעטל און אירע איינוויינער, די נאָענטע שוועסטער, ברידער. ווי ליב וואָלט געווען צו דערציילן פון יעדן איינעם. אָבער צו וואָס דערמאָנען איינצלנע נעמען? זיי אַלע פון יוזעפאָוו זענען געווען טייערע יידן — די, וואָס זענען געזעסן אין בית המדרש און געלערנט א בלאט גמרא, אָדער אוסגעגאָסן דאָס האַרץ אין אַ קאַפּיטל תהילים; יידן וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער גאנץ לעבן צו לערנען מיט קינדער און זיי דערציען אלס גוטע יידן.

ווען איך דערמאָן זיך אין אונדזער שטעטל און די האַרציקע יידן וואָס זענען אומגעקומען, נעמען מיך שטיקן די טרערן און כ׳קאָן קיין וואָרט נישט אַרויס־ריידן. נאָך דעם וועט אייביק פאַרבלייבן אַ ווייטיק און אַ שנאה צו די דייטשע רוצחים.

אַ בוך — אַ מאָנומענט

חנה לעמער־לערנער

דאָס יזכור־בוך וועלכן מיר, די פאַרבליבענע פון אונדזער שטעטל אין ישראל און אין די פאַר. שטאַטן, גיבן אַרויס מיט אַזעלכע גרויסע, ממש איבערמענטשלעכע באַמיונגען — דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ מצבה, ווי אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון שטעטל.

געווען אַ יידיש שטעטל, ענלעך צו הונדערטער אַזעלכע שטעטלעך אויף דער מאַפּע פון פוילן. דאָס שטעטל האָט געהייסן יוזעפאָוו — און איז מער נישטאָ! ווי דער גורל פון די אַנדערע שטעטלעך, אַזוי האָט אויך אויף אונדזער שטעטל זיך אַראָפּגעלאָזט די האַק פונעם נאַציִשן הענקער, וועמענס באַרבאַריזם האָט נישט געהאַט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די מאָדערנע עמלקס האָבן חרוב געמאַכט אונדזער טייער שטעטל, מיט פאַרשידענע, אַכזריותדיקע טויטן, וועלכע דער טייוול אַפילו האָט ניט געוווּסט. אין טייכן בלוט און אין פלאַמען אומגעבראַכט אונדזערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און אַלע טייערע און נאָענטע.

זאָלן די דאָזיקע געדענק־בלעטער דינען אַלס מצבה פאַר די אַלע קדושים וועמען מיר געדענקען און אויך פאַר די וואָס זייערע נעמען זענען ניט דערמאָנט געוואָרן פון אומאָפּהענגיקע פון אונדז סיבות.

יעדעס יאָר, ווען מיר קומען זיך צונויף אויף דער אזכרה, וועלן מיר עפענעז דעם ספר און פאַר אונדזערע אויגן וועלן זיך אַנטפּלעקן די בלעטער וואָס וועלן אויך פאַר די צוקונפטיקע דורות דערציילן פון אונדזער שטעטל, ווי עס זענען געשטאַנען אונדזערע וויגן. אַ שטעטל איינגעהילט אין שיינקייט און פראַכט, ווי עס האָט געשפּרודלט מיט יידיש לעבן, ווי נאָך דער ישוב איז אַנטשטאַנען; מיט תורה און עבודה; מיט איר באַרימטע דרוקעריי וועלכע האָט געדרוקט ספרים אויף פאַר דער גרויסער יידישער וועלט; מיט איר אַקטיווער טעטיקייט פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען; מיט איר ברוייזנדיקער און קעמפערישער יוגנט וואָס בונטעוועט זיך קעגן דעם גלות און וויל זיך באַהעפטן מיט ארץ־ישראל אַלס חלוצים און עולים — ביזן טראַגישן אומקום פון דער יידישער יוזעפאָוו.

דאָס דאָזיקע יזכור־בוך, אין וועלכן מיר האָבן אַ־יינגעלייגט אונדזערע בעסטע כּיחות, איז די טייערסטע פאַרגיטיקונג אויף צו פאַראייביקן אונדזערע קדושים וואָס זענען אומגעקומען אויפן מזבח פון דער נאַצישער שנאה צו אונדזער פאָלק.

„אלה אזכרה ואשפכה עליהם נפשי".

אויך דער קרן היסוד איז ניט געוואָרן באַוואוסט

ע. ל.

די טעטיקייט פאַרן קרן היסוד אין שטעטל איז געפירט געוואָרן איינמאָל אין יאָר. די שפענדערס פלעגן אויסשטעלן וועקסלען, וועלכע זענען געצאָלט געוואָרן אין משך פון א יאָר אין א באנק אָדער קאסע. פארשטייט זיך, אז דער גופן פון זאמלונגען האָט באגרענעצט דעם פארנעם זייערן און עס האָט זיך ניט געפאָדערט קיין סך אקטיוויסטן, אין קעגנזאץ צום קרן קיימת, וואָס איז בעצם געווען אַ פאָלקס־קאַמפּיין און די זאַמל־אַקציע האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר. נאָר פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער קרן היסוד טעטיקייט איז געווען דאָס קומען אין שטעטל פון רעדנערס אַפּעלירן צו יידישע הערצער און קעשענעס זיי זאָלן געבן געלט. איך געדענק דריי אַזעלכע רעדנערס: לעווין פון ביאַליסטאָק, הרב בערג און הרב דיניס פון סלאָנים און אַן איינצלנער באַזוך פון יונגן היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער.

מיטן אָנקומען פון אַזאַ רעדנער אין יוזעפאָוו, האָט געהערשט אַ יומטובדיקע שטימונג. דער גאַסט פלעגט פאַרפאָרן אין דער איינציקער אַכסניה פון חנהטשע דירעזשיס אוורוך. דאָרט פלעגט קומען דער קאָמיטעט פון קרן־היסוד אין פולן צוזאַמענשטעל: מ. נ. לעמער (פּאָרזיצער), לייביש פלוג, לייבל צימערמאַן, י. קאַליכמאַן, ליפּע שווארץ (סעקרעטאר) און באַזאמען מיטן רעפערענט אויסארבעטן א פּלאַן און צונויפשטעלן א רשימה פון די שפענדערס און דערנאָך גענומען זיך גרייטן צום רעפעראט וואָס איז פאָרגעקומען אין אָוונט. מען האָט ניט באַדאַרפט מעלדן וועגן דעם אין די גאַסן און אויך ניט שיקן קיין איינלאַדונגען. די ידיעה איז איבע־געגעבן געוואָרן פון איינעם צום צווייטן און אין אָוונט האָט כמעט דאָס גאנצע שטעטל זיך פארזאמלט אין שיל צו הערן די רעדע.

ווען איך פּרוּוו זיך איצט דערמאָנען יעדן רעדנער און זיין רעדע, טויכט אויף אין זכרון דאָס פעסטע געשטאַלט פון הער לעווין, אַ הויכער, מיט אַ קאָמיץ־בערדל, א שטיל קול, נאָר געמאָסטענע ווערטער — א קלאסישע־ רעדנער. זיינע רייד זענען אריינגעדרינגען טיף אין הארצן, וואָרט ביי וואָרט. גאָר אנדערש פון אים איז געווען הרב דינעס — שוין מער דרשן ווי רעדנער. אויך זיין קליידונג האָט גיכער דערמאָנט א מגיד. די צענטראלע געשטאלט אין זיין רעדע איז געווען חיים דער זעמדער — ווייזט אויס, אַ באַליבטער דורך אים טיפּ פון זיין שטאָט סלאָנים. אַרום אים האָט ער געוועבט זיין פּרעדיקן צו חיבת ציון און אַפילו אַריינ־געפלאָכטן אַ מין רעפריין, ווי אַ מגיד: חיימקע דער זעמדער...

די רעדע פון הרב בערג איז שוין געווען א מער מאָדערנע, אַזוי ווי זיין קליידונג. די רייד זיינע האָבן געהאט א געוואלדיקע השפעה אויפן עולם. ער האָט געוווסט ווי צו באַגייסטערן דעם צוהערער און געבויט זיין רעדע בילד נאָך בילד.

אָט איז אַ ציטאַטע זיינע: „אַ לאַנדשאַפט ביים ברעג פון כנרת. די בלויקייט פון כנרת גיסט זיך צונויף מיט דער בלויקייט פון הימל. דו שטייסט אַ דערשטוינטער ביזן פאַרגעסן זיך און קענסט ניט באַשליסן אַוווּ איז דאָס אָ־ט ווו ביידע טרעפן זיך, וואָס מיינט: דאָס אָרט וואָס מען באַצייכנט האָריזאָנט".

שילדערנדיק די לאַנדשאַפט, איז ער אויסן געווען איינצופלאַנצן ביים צוהערער די שיינקייט פון לאַנד און איר צוציונגס־קראַפט. אָדיר — אַ שווייט בילד: ער האָט מיט זיין זון (אַ קיבוצניק) שפּאַצירט אין איינעם פון די ישובים פון עמק. ס'איז געווען פאַרנאַכט. פּלוצום האָבן זיי דערזען עטלעכע רייטערס אויף פערד, געקליידעט ווי בעדווינער. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, נאָר דער זון האָט אים גלייך דערקלערט: „דאָס זענען דאָך אונדזערע וועכטערס". מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער דעם פאָטער צוריק אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה.

דאָס דריטע בילד וואָס הרב בערג האָט געמאָלן פאַר זיינע צוהערערס איז געווען — די צוקונפט: „ס'וועט קומען דער טאָג און ישראל וועט זיצן אויף זיכער ביי זיך אין לאַנד. דעמאָלט וועט מען אוועקשטעלן טישן אין דרויסן, אויף די גאַסן פון ירושלים, תל־אביב, חיפה און אַנדערע שטעט. אויף די טישן וועט מען אַוועקלייגן די ביכער מיט די נעמען פון די שפּענדערס און יעדער איינוואוינער פון ארץ־ישראל וועט אין זיי בלעטערן צו זען די וואָס האָבן צוגעלייגט אַ ציגל צום אויפבוי פון לאַנד. און די אייניקלעך און אוראייניקלעך וואָס וועלן ניט געפינען די נעמען פון זייערע זיידעס און באָבעס אין די דאָזיקע ספרים, וועלן פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, פאַרלאָזן דאָס אָרט און טראָגן שנאה אין האַרצן צו די וואָס זענען געווען קמצנים"...

און איך, אַ קליין ייִנגל נאָך, האָב געזען טרערן אין די אויגן ביי אַ סך פאַרזאַמלטע. אַ געוואַלדיקע רעדנער־קראַפט האָט פאַרמאָגט דער הרב בערג. זיינע רייד האָבן דערנענטערט מאַסן יידן צום בנין הארץ, באַוויגן זיי צו עפענען די הערצער און די טייסטערס פאַר די קרן היס׳ד שפּענדונגען.

פון די יידישע פרנסות אין שטעטל

יוסף ספּאַדיק

איך בין אַ זון פון דוד און גנענדל ספּאַדיק. ביי אונדז זענען געווען צען קינדער. איך בין געווען דער פערטער.

אין יוזעפאָוו איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען, דער עיקר, פון האַנטווערקער — שניידערס, שוסטערס, סטאָלערס; געווען אויך פיל קליינהענדלער, וואָס האָבן געהאַט זייערע געוועלבער פון פלייש, פון האָלץ, פון שניט־סחורה אאנ״ד. פיל פון די יידן פלעגן מאַכן אַ לעבן פון גיין אין דאָרף איינקויפן און פאַרקויפן פאַרשידענע סחורות. ס'איז אָבער געווען אַן אָרעם לעבן. מיין טאַטע ע״ה איז געווען אַ פעלצן־שניידער. ער פלעגט גיין אין די דערפער אָננעמען אַרבעט און אין שטוב נייען די פעלצן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שוין יוזעפאָוו געהאַט אַ באַן־סטאַציע. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל מיט האָלץ. דאָס האָט אַ ביסל אַריינגעבראַכט לעבן אין שטעטל. פיל האָלץ־סוחרים פלעגן קומען קיין יוזעפאָוו איינהאַנדלען וועלדער, צו וועלכע עס זענען געווען נייטיק אַרבעטער צום אויסהאַקן זיי, פירן דאָס האָלץ צו דער סטאַציע און לאָדן אין די וואַגאָנען.

האַקן האָלץ איז נישט געווען קיין יידישע מלאכה. דאָך האָבן זיך געגרינדעט פיר יידישע „קאָאָפּעראַטיוון" — איינער פון אפרים וואַרעמשטיין, צוזאַמען מיט יצחק יחזקאל קאָפף; דער צווייטער פון אברהם ספּאַדיק, ישראל און איך. דער דריטער פון יאָסל און הערש־דוד שלייכער, איטשע מלמד און דער פערטער פון וואָלף קליינער מיט זיינע זין אברהם און יהושע. מיר אַלע האָבן אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין וואַלד.

יעדן מאָנטיק איז אין אונדזער שטעטל געווען אַ מאַרק־טאָג — אַ יאַריד. די גמינע צוזאַמען מיט די דאָזאָרעס און אויך אייניקע פון די דערפער האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַן אָפּצאָל פון די וואָס קומען אין שטעטל. מען האָט געמאַכט אַ „ראָגאַטקע". איך האָב זי אָפּגעקויפט מיט שמעון דאַך, וואָס איז געווען מיין שותף 11 יאָר. צווישן מיינע אַנדערע שותפים זענען געווען: שמואל עוזר צעבער, הערש לייכטער, שאַמע פאַלק, לייביש בריסטמאַן, עובדיה מייזעל. איך פלעג דאַרפן איינמאָנען דעם ראָגאַטקע־שטייער, וועלכן די גמינע האָט באַשטימט. צו דעם האָב איך געדאַרפט האָבן פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. איינער פון זיי איז געווען שלמה־משה וואַרעמשטיין. חוץ דעם האָב איך אויך געדאַרפט אויפמאָנען דעם אָפּצאָל פאַרן אָרט פון סטראַגאַן אויפן יאַריד. אויב עס האָט גערעגנט, אָדער געשנייעט,

פלעגט מען זייער וויניק לייזן — און איך פלעג דאַן נישט נעמען דעם אָפּצאָל. מיר פלעגן אָפּט צולייגן צו דעם עסק.

צום יאַריד פלעגן קומען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און איינוווינער פון די שטעטלעך קראַסניבראָד, שעברעשין, טאַרנאָגרוד, טאָמאַשאָוו און אויסשטעלן זייערע סחורות. די פּויערים פלעגן ברענגען בהמות, חזירים, הינער, קאַטשקעס, גענדז, פאַרשידענע תבואות, גרינסן. די בעלי־מלאכות פלעגן פאַרקויפן פאַרטיקע זאַכן. אין די געוועלבער האָבן די פּויערים געקויפט נאַפט, זאַלץ, צוקער. חוץ דעם ראָגאַטקע־שטייער פאַרן אַריינפאָרן אין שטעטל, פלעגט דער פּויער אויך מוזן צאָלן פאַר זיינע „סחורות" — פאַרן קעלבל, פאַר דער קו אאנ"ד. די בעלי־מלאכות — מען פלעגט זיי רופן די „טאַנדייטניקעס" — האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר דעם שטיקל פּלאַץ וואָס זיי האָבן פאַרנומען, כדי אויסצושטעלן זייער „סחורה". די דאָזיקע אָפּצאָלן פלעגן גיין אויף אויסגאַבן פאַר דער שטאָט.

דער יאַריד איז געווען אַ קוואַל פון פרנסה פאַר זייער פיל יידן פון אונדזער שטעטל. אויף די יאַרידן פלעגט מען אין די לעצטע יאָרן אויך קומען פון ווייטערע ערטער, ווי זאַמאָשטש, בילגאָריי, יאָנעוו אאנ"ד.

לומדי תורה אין אונדזער שטעטל

אליעזר לערנער

פון די רבנים אין שטעטל פאַר מיין צייט, געדענק איך דעם רב ר׳ שלום יוסף האַרצשטאַרק זכר צדיק לברכה, וואָס איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ״א (1921).

ער איז געווען באַקאַנט אין פוילן מיט זיין חשיבות אין למדנות, אַליין אַ חסיד פון סאַדיגורער רבין, און געווען דער רבי פון דעם היינטיקן סאַדיגורער רבין, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע רבנים וועגן פאַרשידענע הלכה־פראַגן. דער שפּעטערדיקער וואַרשעווער רב הרב מיכלזאָן זצ״ל האָט אים געפרעגט שאלות, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגער מאַן און געזעסן אויף דעם כסא רבנות אין דערבייאיקן שטעטל קראַסנאָבראָד. ער האָט געשריבן פיל ספרים אָבער עס איז פאַרבליבן נאָר איין ספר אַ פּירוש אויף תהלים, די איבעריקע זענען פאַרבליבן אין שריפטן אָדער זענען פאַרלוירן געגאַנגען. 2 מאָל האָב איך זיך פאַרהערט לערנעןביים רב, אָבער ער איז שוין געווען קראַנק, און מער נישט אויפגעשטאַנען פון זיין קרענק.

נאָך דעם אַלטן רב האָט פאַרנומען זיין כסא רבנות זיין איידעם הרב ר׳ שמעון פּאַרזענצעווסקי הי״ד.

מיינע יוגנט־יאָרן אין שטעטל האָב איך דורכגעמאַכט אין לערנען תורה ביי דעם רב זצ״ל. דער רב האָט מיך אויך באַשעפטיקט אין באַראַטונגען ביים לייזן פאַרשידענע שטאָטישע פּראָבלעמען. נישט געווען כמעט איין טאָג וואָס איך האָב נישט באַזוכט דעם רב. ספּעציעל אין די טעג פון דער קריג־אויסברוך, האָט ער געוואָלט הערען מיינע אָפּשאַצונגען פון דער קריג, ווייל ער אַליין האָט נישט געלייענט קיין צייטונגען.

ווען איך האָב פאַרלאָזט אונדזער שטעטל, האָט דער רב מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט אויך פאַרלאָזן דאָס שטעטל, אָבער די אחריות וואָס ער טראָגט פאַר די אָרטיקע יידן, לאָזט אים נישט אַוועקפאָרן און ער מוז פאַרבלייבן. דער רב איז געווען אַ גדול בתורה און אַ גאָט געבענטשטער רעדנער. יוזעפאָווער יידן זענען געווען מיט אים שטאָלץ, הגם ער איז נאָך געווען יונג אין יאָרן.

אין די יוגנט־יאָרן, איז אונדזער רב געווען אַ גוטער תלמיד פון דעם אָסט־ראָווצער רבין זצ״ל, אָנערקענטער גאון ביי דעם פּוילישן יידנטום. אונדזער רב איז געזעסן און געלערנט תורה בייטאָג און ביינאַכט, אין דער היים אָדער אין בית־המדרש. ער האָט אויך געלערנט מיט בחורים. געשריבן חידושי תורה אין די רבנישע אויסגאַבן. צוגעגרייט אַרויסצוגעבן ספרים מיט חידושים אויף ש״ס און פּוסקים. צום גרויס באַדויערן, האָט ער נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן קיין איין ספר און מיר ווייסן נישט צו עס איז עפּעס געבליבן פון זיינע מאַנוסקריפּטן. מיט טריי־

שאַפּט באַגלייט אַ גאַנץ לעבן די יוזעפאָווער יידן, ביז די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

פיל יאָרן האָב איך געלערנט ביים רב און מיינע ידיעות אין תורה האָב איך אים צו פאַרדאַנקען.

אונדזער גאַנץ לעבן וועלן מיר נישט פאַרגעסן אונדזער טייערן רב.

דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט למדנים אין תורה קענערס. עס איז געווען אַריינצוקומען אין בית המדרש אין אַ וואָכן־טאָג, שוין אָפּגערעדט פון אַ שבת און יום טוב אַז זאָלסט געפונען אַ סך יידן זיצן און לערנען, לענגאויס די טישן. זייענדיק אַריינגעטאָן אינעם לערנען, האָבן זיי אין גאַנצן פאַרגעסן אין די טאָג־טעגלעכע דאגות.

געלערנט האָט מען די פּ־שה פון דער וואָך, גמרא מיט תוספות, משניות, עין־יעקב, אָדער אַזוי אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

אין די שבתים און ימים־טובים, איז דאָס בית־המדרש ווי אויך די שטיבלעך געווען איבערגעפילט מיט מתפללים. אויך די וועלטלעכע יידן זענען געקומען דאַווענען, קיינער איז ניט געבליבן אין שטוב.

פון די שוחטים געדענק איך ר׳ פנחס שוחט, ר׳ איטשע שוחט און ר׳ מענדל שוחט.

יידן תלמידי חכמים, יראי שמים און בעלי מידות. אויפגעשטעלט שיינע מש־פחות, זין און טעכטער, מיט וועלכע מיר האָבן געקענט שטאָלצירן. דאָס זענען גע־ווען ברייט־פאַרצווייגטע משפחות, תלמידי חכמים, גוטע בעלי תפילה, מהנה געווען די שטאָט מיט זייער שיין זינגען.

ספּעציעל וועל איך דערמאָנען ר׳ מענדל שוחט, וועלכער איז געווען אַזוי יונג, עס וואָלט זיכער אויסגעוואַקסן פון אים אַ גרויסער ייד. צו אונדזער באַדויערן איז ער דער ערשטער געפאַלן אַ קרבן, נאָך פריער ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַלגעמיינע אויסראָטונג.

ר׳ אריה קנאביל (דער פרומער לייביש) איז יום ולילה געזעסן און געלערנט תורה. מיר האָבן געוווסט אַז ער איז אַ גרויסער למדן און ערלעכער חסיד, אָפּגע־היטן אַלע מצוות, ניט פאַרנומען זיך מיט קיין אַרבעט, אָדער האַנדל, אַ גאַנץ לעבן געדינט דעם רבונו של עולם, ניט מוותר געווען קיין איין מאָל צו דאַווענען מיט מנין, אַפילו אין די קריג־טעג, איז ער געגאַנגען אין בית־המדרש, ווען דער בית־מדרש איז שוין געווען פאַרנומען דורך דעם מיליטער. ער האָט באַקומען קלעפּ פון די היטלעריסטישע זעלנער (די ערשטע טעג פון דער קריג האָבן זיי נאָך נישט געהרגעט). מען האָט אים גערופן דער פרומער לייביש, צוליב זיין גרויסער פרומקייט.

ר׳ לייביש בויגען האָט תמיד געזוכט תלמידים צווישן קינדער, כדי ער זאָל מיט זיי לערנען תורה. ער פלעגט אין בית־המדרש פרעגן אַ קינד צי ער וויל לערנען,

און אויב ער האָט באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט ער אים באַלד צוגענומען צו זיין גרופּע תלמידים און מיט אים געלערנט אָן שום שכר.

עס איז נאָך געווען פיל יידן לומדי תורה, אָבער איך קען נישט שרייבן וועגן אַלעמען, איך וועל דעריבער דערמאָנען זייערע נעמען.

מ. נ. לעמער, בעריש שוואַרץ, משה אהרן דיקשטיין, אליעזר אונטערבוך, שלום בערגמאַן, איטשע שליכער, מרדכי פירשטמאַן, יוסף הערש זילבערשטיין, ווי אויך די בחורים וואָס האָבן געלערנט אין בית־המדרש: געצל בערגער, יצחק פלאַמענבוים, משה אאנ״ד.

אַלע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם — ווער אין לאַגער, ווער אין געטאָ, ווער אין דער אַלגעמיינער אַקציע. אויסער מ. נ. לעמער ז״ל, וואָס איז נפטר געוואָרן אין כפר־סבא.

כבוד זייער אַלעמענס אָנדענק.

הערשעלע יעקב משה׳ס

יצחק וואַרמשטיין

איך וועל פאַרענדיקן מײנע זכ׳ונות פֿון שטעטל מיטן שילדערן די געשטאַלט פון הערשעלע יעקב משהס, באַקאַנט געווען מיט זײן פרומקײט און למדנות. געווען באַליבט בײ אַלע אײנוווינערס. די רײבונגען און מחלוקתן צווישן די שטרענג־רעליגיעזע ײדן און די ציוניסטן זענען געווען זײער אָפטע און טײלמאָל — אַפילו פײנלעכע. יעטוועדע ציוניסטישע טעטיקײט, ווי אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, אַן אַקאַדעמיע, אַ פײערונג, האָבן בײ די רעליגיעזע ײדן געמײנט מחלל שבת זײן, טאָן אַזוינס וואָס איז קעגן שולחן ערוך. אָבער הערשעלע, טראָץ זײן שט׳ענג אָפּגעהיטענער פרומקײט, האָט זיך קײנמאָל ניט באַטײליקט אין די שטערונגען מצד די פרומע. נאָר אײנמאָל האָט ער יאָ עפּעס געטאָן, אויף זײן שטײגער — שטיל, צוריקגעהאַלטן, מיט עניוות.

דאָס האָט פּאַסירט דעם צענטן טאָג אין חודש טבת תרפ״ו, אַ שבת־צו־נאַכטס, ווען ס׳האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַ פאָרשטעלונג פון אונדזער דראַמאַטישן קרײז אינעם צימער פון דער „תרבות״־שול, וואָס האָט זיך געפונען אינעם הויז פֿון יעקב לובערט דער קצב. כדי צוגרײטן די בינע, האָט מען געמוזט טאָן אַ „שטאָך אין שבת״ — און דאָס צימער האָט זיך געפונען ניט ווײט פון דער שיל. נאָך שבת אין דער פרי, בעתן דאַווענען, האָט דער יונגער רב פון שטאָט, שמעון פּזשענצעווסקי, געהאַלטן אַ פײערדיקע רעדע קעגן די וואָס ווען מחלל שבת זײן. דערנאָך האָבן עטלעכע ײדן זיך אַן עצה געהאַלטן און באַשלאָסן, אַז צוליב דעם וואָס די פאָרשטעלונג דאַרף פאָרקומען אין דער וווינונג פון דעם קצב, און דער רב מיטן שוחט האָבן אַ דעציזידירנדיקע השפּעה אויף אים, איז מען באַלד מוצאי שבת אַוועק צו אים, כדי זיך אַרײנבאַקומען אין זאַל און שטערן דער פאָרשטעלונג. מען האָט אָבער קײנעמען ניט אַרײנגעלאָזט. זענען זײ אַרײן צום קצב אין שטוב און אָנגעהויבן דאָרט טאַנצן און זינגען, ווײסנדיק אַז די וואַנט איז אַ בשותפותדיקע אויך פאַרן צימער ווו מען שטעלט פאָר — און אַזוי אַרום וועלן זײ שטערן דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג. אמת, דורך דער וואַנט האָט זיך געהערט אַ חסידיש געזאַנג, געשרײען, זמירות און טענץ — אָבער די פאָרשטעלונג האָט מען ניט איבערגעריסן.

בלויז אײנער האָט זיך ניט באַטײליקט אין יענע טענץ און זמירות — דאָס איז געווען הערשעלע. אויף זײן שטײגער, האָט ער שטילערהײט זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט פון אַרײנגאַנג צום טעאַטער און זײן בלויזע אנוועזנהײט, זײן שטומער בליק און ווירדיקע האַלטונג, האָט באַוויגן אײניקע ײדן זיך אָפּצוהאַלטן פון צו זען די פאָרשטעלונג, הגם זײ האָבן נאָך מיט אַ סך טעג פריער געקויפט בילעטן.

אַזאַ איז געווען הערשעלעס כוח...

אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ

אליעזר לערנער

ווער האָט ניט געקענט ר׳ הערשלען הי״ד? אַ ייד וואָס האָט געלערנט תורה מיט בחורים און דערוואַקסענע שלא על מנת לקבל פרס. געאַרבעט אַליין זייער שווער, נישט אויסגענוצט אַנדערע. דערצויגן אין שטוב יתומים אויף אייגענעם חשבון, און געווען אַ גרויסער מכניס אורחים, ווי אברהם אבינו בשעתו. דערצויגן אַ דור פון תלמידים (איך בין איינער פון זיי), געלערנט זיי גיין אין דרך הישר, געהאַט אַן אייגענע קאַסע פון גמילות חסד. געהאָלפן יעדן איינעם וואָס האָט זיך נאָר געווענדעט צו אים.

פיל יתומים האָט ער געהאָלפן חתונה מאַכן, און געטאָן פיל גוטס, דאָס האַרץ איז פאַרווייטיקט, ווען עס דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ טויט ער האָט געהאַט.

זאָל דער טייערער ייד דערמאָנט ווערן צום גוטן. אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ און אַ סך גוטע מידות. געווען אַ גרויסער נדבן און געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס האָט אויסגענוצט יעדע פרייע שעה צו לערנען תורה, און געווען זייער צופרידן ווען עמעצער האָט זיך געוואַנדן צו אים צו פאַר־טייטשן אַ שווערע סוגיא אין תלמוד.

אין די וועגן פון אברהם אבינו

נחום קאפענשטאָק

אין אונדזער שטעטל זענען אויך געווען צדיקים. נעמט אזא ייד ווי הערשעלע אפּור־ברוכס. ער איז געגאנגען אין די דרכים פון אברהם אבינו. נישט געווען קיין פּאַל, אז ביי זיין טיש — שבת, יום־טוב, צי אין דער וואָכן — זאָל נישט זיצן אַן אורח אָדער צוויי. זיין היים איז אויך געווען אָפן צום שלאָפן פאַר אָרעמעלייט. ער האָט געאַרבעט פאַר יעדן ווילטעטיקן צוועק — ביקור חולים, גמילות חסד, הכנסת כלה. ס׳איז אַ חוב צו דערמאָנען און פאַראייביקן אַזאַ ייד.

די גאָרקיך פון „דזשאָינט"

ע. הינדיס

נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט דער הונגער באַהערשט א סך שטעט און שטעטלעך אין פוילן. באַזונדערס האָט דערפון געליטן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט דער עיקר געוווינט אין די שטעט, בעת די קריסטלעכע באַפעלקערונג, די מערהייט איינוווינער אין דאָרף, האָבן ווייניקער געליטן. צו הילף דער ליידנדיקער באַפעלקערונג איז געקומען די אַמעריקאַנער רעגירונג, בראש מיטן פרעזידענט ווילסאָן און געשיקט אינעם אויסגעהונגערטן לאנד שיפן מיט מעל, צוקער, פעטקייטן, קאקאאָ. דער פאַרטיילער פון די פּראָדוקטן איז געווען דער „דזשאָינט", די וויכטיקע יידיש־אמעריקאנער הילף־אָרגאניזאציע.

איך געדענק גוט, הגם נאָך א ייִנגל געווען, ווי אזוי דער „דזשאָינט" האָט געפירט זיין טעטיקייט אין אונדזער שטעטל. צומערשט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט: משה האָפמאַן, נתן טייער און מיין פאָטער משה־נפתלי לעמער. זיי האָבן באשלאָסן איינצושטעלן א גאָרקיך פאר די הונגעריקע און נויטבאדערפטיקע יידן. אלס לייטערין פון דער קיך איז באשטימט געווען די שנור פון יאיר גופעל, אן אלמנה, וואָס איז געקומען קיין יוזעפאָוו פון ווארשע. מ'האָט אָפּגעדונגען א האלב הויז וואָס איז נישט געווען באַוווינט, ביי גרינעלע שווארץ, אלץ אויסגעקאלכט און אויסגערייניקט, כדי צוגרייטן א מאָדערנע, היגיענישע קיך. דאָרט האָט געהערשט א וווּנדערבארע אָרדענונג. א סברה, אז דאָס איז געווען דער ערשטער קערן פארן איינשטעלן שפּעטער אן אָרגאניזירט יידיש־געזעלשאפטלעך לעבן.

יעדן פרי זענען געקומען אהין יידישע קינדער, אוועקגעשטעלט זיך אין דער ריי און מיטן טעפּעלע אין האנט געווארט אזוי לאנג, ביז זיי האָבן באקומען הייסע קאַקאַאָ פון קאָנדענסירטער מילך, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגערופן גרויס וווּנדער און א ווייכע, פרישע און געשמאקע זעמל. מיר פלעגן דאָס אלץ שנעל אויפעסן און אויסטרינקען מיט דער גרעסטער הנאה.

די קיך האָט אויך אַרויסגעגעבן מיטאָגן די וואָס האָבן זיך דערין געניייטיקט און דער „דזשאָינט" איז אין יענע צייטן אַ סך דערמאָנט געוואָרן מיט דאַנק־באַרקייט, ליבע און אנערקענונג.

צום אָנדענק פון מיין שוועסטער שרה און משפחה

אפרים וואַרמשטיין

איך האַלט פאַר מיין הייליקן חוב צו פאַראייביקן אין אונדזער יזכור־בוך דעם אָנדענק פון מיין מוטער זעמע וואַרעמשטיין, מיין שוועסטער שרה, איר מאַן און זייערע דריי קינדער: לאה, יעקב און פסח־יוסף דרילעוויטש, וואָס זענען ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע און פוילישע מערדערס.

נאָר פאַר אַלעמען וויל איך שילדערן די אייגנאַרטיקע לעבנס־געשיכטע פון מיין שוועסטער שרה — אַ טויב־שטומע פון די פריסטע קינדער־יאָרן, וואָס האָט ניט געלערנט אין קיין שול, דאָך האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, חתונה געהאַט און דערצויגן דריי קינדער, ניט אָנגעקומען צו קיינעמס הילף. איר גאַנצן באַוווסט־זיניקן לעבן האָט זי ניט געקענט הערן קיין שלעכט וואָרט — ווייל זי איז געווען טויב; אָבער אויך קיינעמען ניט געזאָגט קיין שלעכט וואָ־ט — ווייל זי איז געווען שטום...

שרה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1892. (איך בין געבוירן געוואָרן מיט 6 יאָר שפּעטער). ווי מיין מוטער האָט דערציילט, איז שרה געווען זייער אַ געראָטן קינד. ווען זי איז אַלט געווען 5 יאָר, איז זי קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אַ קאָמפּליקאַציע פון דער קראַנקהייט האָט גורם געווען דערצו, אַז זי איז פאַר־בליבן אַ טויב־שטומע. מיינע עלטערן זענען מיט איר געפאָרן צו פאַרשידענע דאָקטוירים (אין יענער צייט איז אין אונדזער שטעטל ניט געווען קיין דאָקטער) און צום אַלטן בעלזער רבין. דאָס איז געווען אין יאָר 1901. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. מיין שוועסטער איז פאַרבליבן אַ טויב־שטומע. אַ שול פאַר אַזעלכע געלי־טענע קינדער — איז אין יוזעפאָוו ניט געווען, פונקט ווי ס׳איז אַפילו ניט געווען אַ געוויינלעכע עלעמענטאַר־שול, וואָס האָט זיך געעפנט ערשט אין יאָר 1908.

צו פערצן יאָר הייבט מיין שוועסטער אָן צו לערנען זיך שניידעריי. אַזוי ווי זי איז געווען אַ קלוג מיידל און אויך געהאַט אַ גוטע ראיה, האָט עס איר געהאָלפן צו פאַרשטיין מיטן בליק דעם צווייטן. זי האָט אויך זייער שנעל זיך אויסגע־לערנט דאָס פאַך.

אין יאָר 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זי שוין געאַרבעט זעלבשטענדיק ביי אונדז אין שטוב. אין אָנהייב איז אונדזער מוטער געווען איר „דאָלמעטשערין", געהאָלפן פאַרשטענדיקן זיך מיט די קליענטן, דער עיקר — פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער. בכלל האָט שרה געהאַט אַ סטאַבילע קלי־ענטעלע, וואָס האָט שוין געפונען די געמיינזאַמע שפּראַך מיט איר. אַלע האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען. אַז ס׳איז געקומען אַ נייער קליענט, האָט מיין מאַמע אַרויסגעהאָלפן.

הגם שרה האָט קיינמאָל ניט געלערנט, פלעגט זי די אַראָפּגענומענע מאָסן

פאַרשרייבן און געדענקען צו ווען זיי געהערן, פונקט ווי זי האָט אויסגעצייכנט געוווסט צו ווען עס געהערט דער שטאָף. זי איז געווען איינע פון די בעסטע שניידערינס אין שטעטל און האָט גוט פאַרדינט אויך. ביי יידן זאָגט מען טאַקע „כל מום רע" — אָבער שרה איז געווען דער היפוך דערפון: אַ גוטהאַרציקע פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע. זי האָט אַ סך געאַרבעט, פון באַגינען ביז דער שפּעטער נאַכט און געשפּאָרט געלט. אונדזער מוטער איז שוין אין יענער צייט געווען אַן אַלמנה, נאָר איר זון און טאָכטער אין אַמעריקע האָבן פון צייט צו צייט געהאָלפן; דערפאַר האָט שרה געקענט שפּאָרן פאַר זיך.

געקומען אַ צייט, ווען מ'האָט אָנגעהויבן איר ריידן שידוכים. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור אַ צוקער־בעקער, וואָס האָט נאָך דער חתונה גענומען אַרבעטן פאַר זיך, אָבער וואָס מערער ער האָט געבאַקן די זיסוואַרג, אַלץ גרעסער איז געווען דער דעפיציט. זייער צוזאַמענלעבן האָט ניט מצליח געווען — און אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט מען זיך געגט.

אין יאָר 1920 האָט אין אונדזער שטעטל זיך געפונען אַן אַלמן, אין זעלבן עלטער ווי מיין שוועסטער. זיי זענען זיך געפעלן געוואָרן און חתונה געהאַט. דאָס צוזאַמענלעבן האָט זיך גוט איינגעשטעלט. מיין שוועסטער האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד — לאה. אַזוי ווי דער צווייטער מאַן איז ניט געווען קיין גרויסער פרנסה־געבער, האָט מיין שוועסטער באַדאַרפט אַרבעטן. זיי האָבן געוווינט אין איין דירה מיט מיין מוטער. מיט דער צייט האָט שרה געבוירן נאָך צוויי קינדער: יעקב און פסח־יוסף. פאַרשטייט זיך, אַז אַרבעטן און מפרנס זיין די משפּחה און דערציען דריי קינדער — איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. די מאַמע האָט איר אַרויסגעהאָלפן, ווייל שרהס מאַן איז געווען אַ קעלנער און יעדער זומער האָט ער געאַרבעט אין די קורערטער. געקומען אַהיים איז ער ערשט נאָכן סעזאָן, אין ווינטער. אַזוי האָט שרה, צוזאַמען מיט דער מוטער, דערצויגן אירע דריי גע־ראָטנע קינדער.

אין יאָר 1939 איז לאה אַלט געוואָרן 16 יאָר, יעקב — 14 יאָר און פסח־יוסף — 11. יעקב איז געווען אַ פלייסיקער בחור. ער פלעגט אויפשטיין פרי, לויפן אין בית־המדרש דאַווענען און נאָכן אומקערן זיך אַ היים, אָפּעסן אויף גיך פרישטיק און גיין אין שול לערנען. בכלל האָט אונדזער מוטער געהאַט אַ סך נחת פון אירע דריי אייניקלעך.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך אָנגעהויבן די שוואַרץ־פינצטערע טעג. די דייטשע רוצחים אָקופּירן אויך אונדזער שטעטל. עס הייבן זיך אָן די רדיפות און פייניקונגען. די פּוילישע שכנים ווייזן אָן די דייטשן ווו און וועלכע יידן האָבן באַהאַלטן סחורות. מען רייסט אויף יידישע קראָמען און די פּאָלאַקן און דייטשן רויבן יידיש האָב־און־גוטס. אויך אין די היימען פלעגן זיך אַריינרייסן די דייטשן און נעמען וואָס נאָר ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט. די פּאָלאַקן

האָבן אויך געמסרט אויף די יידן וואָס באַזיצן כלומרשט גאָלד און דאָלאַרן — און ווער עס האָט ניט געהאַט זיי צו געבן, איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַ־קאַנטער ריכטונג און מ'האָט שוין אַזאַ איינעם מערער ניט געזען.

אין יוזעפאָוו איז פאָרגעקומען אַ גרויסער יאַריד, נאָך וועלכן דאָס שטעטל איז געבליבן פאַרמיסטיקט. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער יאַריד אויסגע־פאַלן גראָד אין דער וואָך פון ראש־השנה. אָנשטאָט די פויערים זאָלן אָפּרייניקן דעם מאַרק, ווי זיי האָבן געהאַט אַ פליכט עס צו טאָן, לויט אַן אָפּמאַך מיט דער גמינע, האָבן די דייטשן געכאַפּט די יידן וואָס זענען ראש־השנה געגאַנגען דאַווענען אין שיל און באַדאַרפט פאַרבייגיין דעם מאַרק. די רוצחים האָבן צוגענומען ביי די יידן די טליתים און זיי געגעבן בעזימער, לאָפּעטעס און גראַבלעס, צווינגנדיק זיי אָפּצורייניקן דעם מאַרק.

פאַר די יידן איז דאָס לעבן אין שטעטל געוואָרן אומדערטרעגלעך. מען האָט גרויסע טיילן פון זיי גענומען כלומרשט צו דער אַרבעט — אָבער מער האָט מען זיי ניט געזען.

איינמאָל האָט זיך באַוויזן אַ מעלדונג, אַז יידן וועלן אַרבעטן אין טאַרטאַק ביי דער סטאַציע גורעצקי — און מ'וועט זיי צו קיין אַנדערע אַרבעטן ניט נעמען. האָבן אַ סך יונגע מענער זיך פאַרשריבן צו דער אַרבעט אין טאַרטאַק. צווישן זיי אויך מיין שוועסטערס זון יעקב. גאַנץ פרי איז ער אַוועק צו דער אַרבעט און אין אָוונט זיך אומגעקערט אַ היים. מיין שרה האָט צו יענער צייט נאָך געפירט איר שניידעריי־וואַרשטאַט, דער עיקר פאַר די פויערטעס, הגם עס זענען דאַן שוין געווען פיל קריסטלעכע שניידערינס. קיין רוסלאַנד האָב איך אין יאָר 1941 דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין מוטער, אין וועלכן זי האָט געשריבן, אַז פאַר דער אַרבעט ברענגען די פויערטעס פּראָדוקטן און פון דעם האָבן זיי זיך אויס־געהאַלטן. אַ געוויסע נאַכט איז יעקב ניט געקומען אַהיים. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט זיינע, ווייל יענעם טאָג האָט מען אַלע יידישע אַרבעטער אין טאַרטאַק דערשאָסן.

שרה איז געלאָפן אין דער פרי זיך נאָכפרעגן אין טאַרטאַק אויף איר זון — און מער ניט צוריק געקומען. דאָס זעלבע איז געשען מיט אונדזער מוטער, וואָס איז מיט די אַנדערע צוויי קינדער אַוועק אין טאַרטאַק זיך נאָכפרעגן אויף דער טאָכטער און אייניקלעך...

כבוד זייער אָנדענק!

אונדזערע בעלי-מלאכות

ע. א״ל

ס׳וואָלט געווען א טעות צו מיינען, אז די יידישע יוזעפאָוו האָט דער עיקר געלעבט און זיך באַשעפטיקט מיט מסחר. אויסערלעך, האָט זיך געקענט שאַפן אַזאַ איינדרוק, ווייל די צוויי פאַדערשטע רייען אַרום דעם הויפּט־פּלאַץ ביים ראַטהויז זענען געווען געדיכט פאַרנומען פון געשעפטן און אין די יאַריד־טעג — ארומגעשטעלט מיט ביידלעך און סטראגאנעס מיט אלערליי סחורות און געבעקסן. נאָר א טיפער אריינבליק אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון שטעטל אנטפּלעקט פאַר אונדז גאָר אַן אַנדער בילד.

ניט ווייניק משפחות האָבן זיך באַשעפטיקט מיט סטאָלעריי. אין די לעצטע יאָרן פאַ־ן חורבן איז אויך אנטשטאנען א סטאָלער־קאָאָפּעראַטיוו פון „העובד״. פון די אָנגעזעענע סטאָלער־אַרבעטער אין יוזעפאָוו דאַרף מען פאַררעכענען אפרים און יצחק ווארמשטיין (ביידע לעבן איצט אין ישראל און געהערן צו די איניציאַטאָרס אַרויסצוגעבן אונדזער יזכור־בוך); מאיר גראָסהיים און זיין ברודער יהודה גראָסהיים (איצט אין חיפה); יוחאלע פעלץ, פון די עלטסטע סטאָלערס. און אויב איך מאך ניט קיין טעות, האָבן אלע געלערנט ביי אים דאָס פאַך; יאָקל באגלייבטער, משה לערנער, חיים־לייב וואגמייסטער (אלע אין חיפה).

אויך שניידעריי האָט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער „עקאָנאָמישער פּיראַמידע״ פון שטעטל — אַזוי די גוטע פּאַכלייט, ווי די טאַנדייטניקעס. צומערשט דאַרף דערמאָנט ווערן אלי־מאיר בין, וועמענס פּאַכמענישקייט האָט זיך ניט געקענט פאַרשיַמען לגבי די זאמאָשטשער שניידערס און זיין ברודער שמחהלע. און די טאַנדייטערס: די משפחה דוד לאָהן, די משפחה מענדל שניידער, די ברי־דער: יאַנקעלע, משה, בערטשי, די שוועסטער ריווטשע און איר מאַן שמואל שטילפוס, די משפחה לייזער אויסלענדער (דער זון יאַנקל לעבט אין חיפה); די משפחה אָקס, ווי אויך דער דאַמען־שניידער איטשעלע לעדער.

שניידערינס: איטעלע קאליכמאן, לאהטשע, א קרובה פון אלי־מאיר, צפורה פעכער, צפורה בוימוואָל (קרית־חיים), שרה לערנער, די שוועסטער פון חנהטשע און אליעזר. אין לעצטנס — הענע שניידמעסער (היינט — אין חדרה).

אויך מיט שוסטעריי האָבן זיך באשעפטיקט א סך יידישע משפחות. מיר געדענקען נאָך די שוסטערס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה: נעטיל, וואָס האָט פאריכט שיך אין הארבסט און אין ווינטער, ווייל זומער האָט ער אויסגעארבעט סאָדע־וואַסער. מיט שוסטעריי האָט ער זיך פאַרנומען אין די אַרומיקע דערפער. די משפחה גורטלער — לוי; די משפחה ספאָדיק, די ברידער משה און אברהם, אויסגעצייכנטע פאַכלייט, אַפילו לויט די מאָדערנע באַגריפן; משהלע פאַרשטמאַן וואָס האָט זיך אומגעקערט פון וואַרשע אַלס געניטער פאַכמאַן (וווינט איצט אין בת־ים).

אַ דאַנק די שוסטערס האָבן זיך מפרנס געווען פון קאַמאַשנמאַכעריי לייביש פלוג (קאמאשניק) און יצחקל בריק.

געווען אויך בייטלמאַכערס, אָדער טאַשן־נייערס — אַ פאַך וואָס איז געברענגט געוואָרן פון וואַרשע. די ערשטע פאַבּלייט אין דער בראַנזשע איז געווען אַ ברייט פאַרצווייגטע משפחה פון וואַרשע ביי וועלכער עס האָבן געלערנט: חיים (פילי) פלומענבוים, די ברידער קאפינשטאָק, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן זעלבשטענדיקע מייסטערס.

פון די פריזירערס געדענקט זיך נאָך דעם אַלטן שמואל חסיד, וואָס איז אין זיין צייט געווען דער איינציקער פריזירער אין שטעטל. דערנאָך האָבן זיך געעפנט מער מאָדערנע ראזורעס מיט דער ניי־עסטער אויסשטאַטונג. יאָסל גרינבע־ג איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן. שלמה וואַלדמאַן, דער איידעם פון שלמה פעלדשער, און לעצטנס — פונעם בילגאָרייער ייד וואָס האָט זיך באַזעצט אין יוזעפאָוו און געעפנט אויפן שאָסיי אַ מאָדערן אויסגעשטאַטע ראַזורע.

אין די יאָ־ן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אלעמען געווען באקאנט דער יוזעפאָווער היטלמאַכער יוסף־זינדל הערמאַלין. ער איז געזעסן ביים אַריינפאַר אין שטעטל פון דער זייט פון פאָטדאַני, אַנטקעגן דעם פריזירער שמואל חסיד. דער היטלמאַכער איז געווען אַן אויסטערלישער טיפּ. אין די יאַריד־טעג פלעגט ער מיט זיין קרעמל היטלען זיך אַוועקשטעלן אויפן מאַרק און מעסטן יעדן פויער אַ הוט, דערביי שווער געסאָפּעט. אויך אבא גראַף, אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָט זיך באַשעפטיקט מיט היטלמאַכעריי און מיט פאַרקויפן זיין פראָדוקציע. נאָכן קריג האָבן די היטלמאַכערס באַקומען ערנסטע קאָנקורענטן: יוסף פאָזנאַנסקי־הערצמאַן, וואָס האָט געברענגט גרייטע סחורה פון זאַמאָשטש, און זי געלויבט אויף יעדן יאַריד: „טשאַפּקי, טשאַפּקי” (היטלען, היטלען!...).

די בעקעריי־אייגנטימערס האָבן טיילווייז זיך באַשעפטיקט מיט מלאכה — אויסאַרבעטן און אויסבאקן דאָס ברויט — אין טיילווייז מיט מסחר — פאַ־קויפן די פארטיקע פראָדוקציע. דער רוב בעקער־משפחות האָבן געהאט זייערע אונטער־נעמונגען אויף די הויפּט־גאַסן: פון יאַנקעלע וואַקס, ד. ש. לייטער, ראובן קאָרן, משהקע וואַרמשטיין, רחל (די שומלעכעס), פון ביידע זייטן גאַס. דאַקעגן די בע־קעריי פון יאַנקל צעבער האָט זיך געפונען אין אַ זייטיק געסל.

יעדע בעקעריי האָט געשמט מיט איר ספּעציפיש געבעקס. דאָס בעסטע ווייצן־ברויט איז געוואָרן אויסגעבאַקן ביי יאַנקל צעבער, בעת יאַנקעלע וואַקס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געבייטלט ברויט. ראובן בעקער האָט געשמט מיט זיינע בייגל, צו וועלכע אַ טייל איינוווינער פלעגן זיך אויפהייבן גאַנץ פרי, כדי ניט פאַרזוימען

דאָס געשמאַקע געבעקס, וועלכעס מען פּלעגט כאַפּן פון אויוון — אַ גלאַנציקס, וואַרעמס און קנאַקעדיק. רחל שומלעכעס און איר שוועסטער, די פרוי פון משהקע וואַרמשטיין, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע פּלעצלעך, באַשיטע מיט מאָן און ציבעלעס.

אויסער די אָפּיציעלע בעקערייען וואָס פלעגן טאָג־טעגלעך באַקן פאַר די באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך געפונען אין שטעטל היימישע בעקערייען וואָס זענען געווען טעטיק אין די יאַריד־טעג און אין די גרויסע רעליגיעזע יום־טובים („אָדפּוסטי”). זייערע געבעקסן פלעגן פאַרקויפט ווערן אויף טישן, בענקלעך און וועגעלעך, ווייל די אַלע האָבן ניט געהאַט קיין סטאַבילע געשעפטן.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען כלערליי באַשעפטיקונגען. איינעם פון זיי געדענק איך — קלמן־דוד אונטערבוך (מיין זיידע), וואָס פלעגט ביי די פּויערן און פּריצים קויפן די וואַקסענע פאָרמעס ווו די בינען האָבן געלייגט דעם האָניק. אַלס קינד פלעג איך באַוווּנדערן די סימעטרישע קעמערלעך וועלכע די בינען האָבן אַזוי מייסטערהאַפט אויסגעאַרבעט. אין גרויסע, 200־ליטערדיקע פּעסער פלעגט מען אַריינלייגן די דאָנגעס מיטן האָניק און נאָכן אָפּליגן דאָרט אַ געוויסע צייט, האָט דער האָניק זיך אָפּגעזעצט אונטן און די דאָנגעס פלעגן אַרויפשווימען אויבן. דערנאָך האָט מען אָפּגעטיילט דעם דאָנג פונעם האָניק. פונעם צעוואַרעמטן דאָנג האָט מען אויסגעאַרבעט לאַנגע וואַקסענע ליכט, וועלכע פרומע יידן פלעגן באַנוצן אַלס יום־כיפּור־ליכט און זיי אָנגעקשטעלן אויפן טיש ווו זיי האָבן געדאַוונט. אַ שבת־גוי פלעגט אַרומגיין פון איין בית תפילה אין צווייטן און דאָרט אַכטונג געבן, אַז אַן אויסגעטריפט אָדער אויסגעלאָשן ליכט זאָל ווייטער ברענען. אייך די קריסטן פלעגן ביי אים קויפן וואַקסענע ליכט און זיי מיטברענגען אין קלויסטער צו זייערע תפילות.

קלמן־דודס ברודער נתן אונטערבוך, מיין עלטער־פעטער, האָט געהאַט אַ קאַשע־מיל. די פּויערן פון דער געגנט האָבן צו אים געברענגט זון־באַרשטן, הירש, קאַשע, קוקורוזע און אויך גערשטן. ער פלעגט דאָס אַלץ צעמאָלן.

יעקב־משה שלייכער האָט געהאַט אַן אייל־פּרעסעריי („אָלעיאַרניע”), ווו־אַהין די פּויערן פון דער גאַנצער אומגעגנט האָבן געברענגט פּראָסע, קערנער פון זונרויזן, כדי אויסצוקוועטשן אייל. די דאָזיקע אונטערנעמונג האָט זיך גערעכנט צו דער „שווערער אינדוסטריע” אין שטעטל. איך פלעג שעהן שטיין און באַוווּנדערן, זייענדיק אַ קינד, ווי פון באַלקן האָט אַראָפּגעהאָנגען די שווערע ראָד און געמאָלן די קערנער. אַ סך מאָל פלעגט דאָס ראָד פאַרשטרייקן און איין פּויער האָט עס ניט געקענט לאָזן אין באַוועגונג.. דאַן האָבן זיך „איינגעשפּאַנט” אַ צוויי־דריי פּויערן אויף צו קלאַפּן מיטן שטויסער.

דאָס פאַבריקל פון סאָדע־וואַסער פון מיין פאָטער משה־נפתלי לעמער האָט שוין געהערט צו די מאָדערנע אונטערנעמונגען פון שטעטל. דאָס פאַבריקל איז אַנטשטאַנען נאָך אַ גזירה פון צאַר, אַז מען טאָר ניט פאַרקויפן קיין גאַזאַ, נאָר פון דעסטילירט וואַסער נאָכן אויספאַרעווען. געהאָלפן פּראָדוצירן דאָס סאָדע־וואַסער האָבן צוויי יידישע אַרבעטער: מאַטיסל ניסל האָט געברענגט וואַסער פון ברונעם און אָנגעפולט דעם גרויסן קעסל און דער הויכער נעטל („גלייכער" — זיין פאַמיליע־נאָמען ווייס איך ניט) פלעגט דרייען דאָס ראָד פון דער מאַשין. דאַקעגן משה־נפתלי איז געווען דער כימיקער, מאַשיניסט און אַכטונג געגעבן אויפן אויספאַרעווען פונעם וואַסער, מיט וועלכע ער פלעגט אָנפילן די סיפאָנען, אַריינ־געלאָזט אינעווייניק גאַז, כדי פאַרוואַנדלען עס אין סאָדע־וואַסער.

מיט פּראָדוצירן מילכיקס האָט זיך פאַרנומען איטע רעכילס (לערנער), די פרוי פון שלום לערנער. יעדן באַגינען פלעגט זי זיך אַוועקלאָזן אין די הייף פון פּאַטדאַני און בייזיין ביים מעלקן די קי, כדי זיין אָפּגעהיטן מיט כשרער מילך. דערנאָך האָט זי די מילך צעגאָסן אין ערדענע טעפּ זי זאָל זויער ווערן און פון דעם אַראָפּנעמען סמעטענע, פון וועלכער זי האָט אויסגעאַרבט פּוטער און פון דער זויערמילך — קעז.

איטע רעכילס איז געווען אַן אשת חייל פון שטעטל, געהאָלפן אַנדערע מיט הכנסת כלה, ביקור חולים און אַנדערע מצוות.

מיט דער מילך־פּראָדוקציע האָבן זיך אויך באַשעפטיקט: זעמע וואַרמשטיין, איטע, מאַלי, שרה דאָבריס וועלכע האָט געהאַלטן פאַכט אין איזשביצע. יעדן טאָג איז זי מיט איר צוויי־רעדערדיק וועגעלע געפאָרן אין פּריצישן הויף און געברענגט פון דאָרט מילך.

אלי־לייב שוואַרץ, אַ ייד אַ שווייגער, האָט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן באָרשט. מיין מאַמע האָט ניט איינמאָל מיך געשיקט קויפן ביי אים קוואַס. אין אַ ווינקל פון אַלקער איז געשטאַנען אַ גרויס פאַס מיט וואַסער און פון אויבן זענען אַרומ־געשווימען קלייען, וועלכע פלעגן פערמענטירן, זויערן און פאַרוואַנדלען דאָס וואַסער אין קוואַס.

מרדכילע יעקבס, ועמענס הויז איז געשטאַנען ממש אויף די זאַמדן אַנטקעגן פערדיסאָווקי, האָט אויסגעאַרבעט האָלץ־שינדלען צו דעקן דעכער. ווען איך האָב געלערנט אין חדר וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין הויז, פלעג איך שעהן זיך צוקוקן צו דער מייטערהאַפטער אַרבעט פון מרדכי יעקבס, וואָס האָט גראָבע שטיקער האָלץ פאַרוואַנדלט אין דינע, פיין אויסגעשטיצטע דאַך־שינדלען.
דאַקעגן יוסף פאָרטער האָט געדעקט דעכער מיט די דאַזיקע שינדלען.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ער האָט זיך באַנוצט גראָד מיט מרדכילע יעקבס פּראָדוקציע, אָבער אַ קינסטלער אין פאַך איז ער יאָ געווען.

כ׳וויל נאָך דערמאָנען אייניקע בעלי־מלאכות, ווי יאַנקל טקאַטש, וואָס האָט פונעם ליין און קאַנאָפּיע וועלכן די פויערן האָבן צוגעשטעלט, אויסגעאַרבעט אויף זיין נול לייוונט פאַר פאַרטשינקעס.

די ברידער פּייוול, יאַנקל און יידל־מאיר שלייכער האָבן אויף מצבות געקריצט פּירקאַנטיקע אותיות, אין דער טיף צי בולטע. נאָר תמיד האָט די ערשטע שורה זיך אָנגעהויבן מיטן פּ. נ.

אַן איבערבלייבעכץ פון דער תקופה פונעם יוזעפאָווער דרוקעריי־וועזן זענען געווען די איינבינדערס לייבעלע שטענדער. ער האָט מיט אַ סך ליבשאַפט געטאָן די דאָזיקע מלאכה און אינמיטן דער אַרבעט אַריינגעקוקט אינעם ספר וועלכן ער האָט איינגעבינדן.

מיין שטעטל יוזעפּאָוו

(אייניקע דערינערונגען)

בצלאל לעמער

די מלחמה אין יאָר 1920

אַ שיינער זומער־טאָג. אין גרויס בהלה האָט מען מיך גענומען אַ היים פון דודל מלמדס חדר. דאָס באָלשעוויסטישע מיליטער וואָס איז אַריינגעדרינגען קיין פוילן, דערנענטערט זיך פון מזרח־זייט. איילנדיק אין שטוב אַריין מיט מיין ברודער, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קאָלאָנע פון פּוילישן מיליטער וואָס האָט געכאַפּט קלעפּ און זיך צוריק געצויגן אויף מערב. די וועגענער זענען פיל מיט פאַרוווּנדעטע זעלנער און אַרום זיי — מידע און דערשלאָגענע סאָלדאַטן, אויף וועלכע עס זענען קענטיק די מלחמה־איבערלעבונגען. זיי ציען זיך איבערן שטעטל, פון מזרח אויף מערב, כמעט אין אן אומענדלעכן מאַרש. דאָס האָט אָנגעזאָגט די דערנענטערונג פון דער אָנגרייפערישער רוסישער אַרמיי. אַ שרעק איז באַפאַלן די קריסטלעכע איינוווינער אין שטעטל צוליב די פאַרשפּרייטע קלאַנגען וועגן דער אויפפירונג פון דער רויטער אַרמיי לגבי דער אָרטיקער פוילישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע מורא האָט באַוויגן די קריסטלעכע איינוווינערס, בראש מיטן גלח, צונויפצורייידן זיך מיט דער יידישער באַפעלקערונג וועגן פאַרמיידן אַן אומגליק מיטן אַריינמאַרש פון די אינוואַדאָרן.

פאַר דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָרטיקע מיליץ פון פּאָלאַקן און יידן. מ׳האָט זיי אויסגעשטאַט אין פאַרשידענע פאַרטיידיקונג־מיטלען, אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. אַ דאַנק דעם פּלוצומדיקן ריקצוג פון דער רויטער אַרמיי, ווייל עס האָבן זיך אַריינגעמישט אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן לטובת פוילן, איז פאַריבער די געפאַר פאַר יוזעפּאָוו און ס׳האָט אויפגעהערט די צוזאַמענאַרבעט צווישן ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

אונדזערע פוילישע שכנים האָבן ווידער אויסגעגלייכט זייערע רוקנס, פאַריסן די קעפּ אין דער הייך און צוריק געפילט זיך ווי די איינציקע בעלי־בתים פון לאַנד.

מען שטעלט זיך צוריק אויף די פיס

די געאָגראַפישע לאַגע פון יוזעפּאָוו און איר נאָענטקייט צו דער באַן־ליניע לעמבערג—לובלין האָט גורם געווען צו אַ שנעלער דערוואַכונג פון שטעטל אויפן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. ס׳האָט זיך געשטאַרקט דער האַנדל מיט געהילץ פון די אַרומיקע וועלדער, פונוואַנען די פויערן האָבן אויסגעהאַקט דיביימער און זיי פאַרקויפט צו האָלץ־סוחרים אין שטעטל. פון דאָרט האָבן זיי

שוין געוואַנדערט צו דער באַן־דירעקציע, צו סוחרים, אין לאַנד און אפילו — אויף עקספּאָרט. דער ווירטשאַפטלעכער אויפשטייג האָט געלאָזן קענטיקע שפּורן אין אַלע שטחים. דער לעבנס־ניוואָ איז באַדייטנדיק געשטיגן, אויך די אַרומיקע דערפער האָבן גענאָסן פון דער פּראָספּעריטי און די פּויערן פלעגן אָפט קומען אין שטעטל נאָך איינקויפונגען און במילא געהאָלפן אַנטוויקלען דעם האַנדל און מלאכה אין יוזעפאָוו.

די נאָענטקייט פון שטעטל צו אַ באַן־ליניע וואָס האָט אונדז פאַרבונדן מיט גרויסע שטעט, ווו ס'האָבן געלעבט אַ סך יידן, האָט געלייגט דעם חותם אויף דער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון יוזעפאָוו, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט און אויסגעטיילט אונדזער שטעטל פון אַנדערע יידישע ישובים אין דער סביבה, אפילו גרעסערע — און די לעצטע האָבן אפילו געשטוינט פון דער ראַשיקער און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון יוזעפאָוו.

מיר, די געבוירענע אין די מלחמה־יאָרן, האָבן געהאַט מער מזל ווי אונדזערע עלטערע ברידער און שוועסטער, וועמענס קינדער־פרייד איז ביי זיי צוגערויבט געוואָרן אין רעזולטאַט פון קריג, ווייל מיר האָבן שוין באַקומען נאָרמאַלע בילדונג אין דער אַלגעמיינער שול, אויך יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציונג און גלייכצייטיק גענאָסן פון אַ בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, וועלכע איז טאַקע דורך אונדז געוואָרן אויסגענוצט ווי אַמבעסטן.

אויפן שויס פון דער נאַטור

אין די זומער־טעג, באַזונדערס אין די חדשים יולי—אויגוסט, בעת די שול־פעריען, פלעגן מיר די מיינסטע צייט פאַרברענגען אויפן שויס פון דער נאַטור. דער טייך נאַפּרישקאַ, מערב־זייט פון שטעטל, וואָס איז געפלאָסן אין אַ שמאָלער קאָריטע צווישן באַוואַלדעטע בערגלעך און געדיכטע קוסטן אויף די ברעגעס, איז געווען דער צענטער פון טעטיקייט און פאַרגעניגן. אויף די ניט־טיפע ערטער האָבן מיר, דאָס קליינוואַרג, געבאָדן זיך און אפילו געפּרוּווט שווימען. שפּעטער איז דער טייך געוואָרן דאָס באָד־אָרט, דער עיקר פאַר דערוואַקסענע, ניט ווייט פון פאַטימאַס מיל, וועלכע איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דורך די וואַסערן פון טייך. מיט דער פאַרשטאַרקטער צאָל פון באָדנדיקע, האָבן די שטאָט־טאַטעס געזאָרגט איינצואָרדענען באַזונדערע באָד־ערטער פאַר מענער און באַזונדער פאַר פרויען. אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג איז פאַר אונדז געווען דער „טוש" אונטערן וואַסערפאַל ביי דער שלוזע, וואָס האָט באַוויגן די ראָד פון מיל.

אַן אָרט צו פאַרברענגען און אָפּרו איז אויך געווען אין זומער דער וואַלד פאַרדיסוווקאַ־פּרעדיווקאַ, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער מזרח זייט פונעם שטעטל ביזן דאָרף און ווייטער. שבת און יום־טוב נאָכמיטאָג פלעגט דאָס שטעטל כמעט זיך אויסליידיקן פון די איינוווינערס. אויף די סטעזשקעס פון די פעלדער

און וואַלד האָט מען געזען מאַסן שפּאַצירנדיקע מיט זייערע קינדער, באַלאָדנט מיט קאָלדרעס, עסנוואַרג און טרונקען. אַלע האָבן זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין, דאָס וואונדערבאַרע אָרט ווו מ׳האָט געקאָנט איינזאַפּן די לופט און ריח פון די סאָסנע־ביימער.

די גראָז־פּאַליאַנעס צופוסנס פון די בערגלעך זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטע קוסטן און דאָס אָרט האָט זיך פאַרפולט מיט מענטשן וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסציען — ווער אויפן רוקן, ווער אויפן בויך — און אָנהייבן אַריינכאַפּן די דערפרישנדיקע דופטן פון וואַלד. ס׳איז געווען אַ שאָד פאַרלירן אַ מינוט צייט. אייניקע האָבן זיך באַלד גענומען לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך, צי גאָר זיך אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך. אַרום זיי איז ארומגעלאָפן דאָס קליינוואַרג און יונגטלעכע, שפּרינגענדיק און טאַנצענדיק און שפּילענדיק זיך אין כלערליי שפּי־לערייען. נאָר דאָס וויכטיקסטע — מ׳האָט גענאָסן פון דער פרישער לופט אין וואַלד.

מיטן זון־פאַרגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג צוריק און מ׳האָט באַשיינ־פּערלעך געזען, אַז יעדער אַיינעם איז אַ שאָד צו פאַרלאָזן דאָס דאַזיקע אָרט. האָט מען זיך געזעגנט מיט אַ „צום ווידערזען איבעראַכטאָג שבת״. די סטעזשקעס און וועגן האָבן זיך ווידער פאַרפולט מיט שפּאַצירנדיקע, נאָר אין דער ריכטונג צום שטעטל. גרויס און קליין האָט זיך אומגעקערט אַ היים, צופרידענע און גליקלעכע.

מיט דעם צייט איז דער וואַלד געוואָרן אַ צוציונגס־אָרט פאַר דאַטשניקעס פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן געדונגען צימערן ביי די פּויערים און פאַרברענגט אויף דער פרישער לופט. אויף פרייטיק און שבת זענען געקומען צו פאָרן די מענער און טאַטעס — און ס׳איז געווען פריילעך. מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער צאָל דאַטשניקעס, האָבן יידן מיט אונטערנעמערישן גייסט אויפגע־שטעלט ספּעציעלע זומער־קאָלאָניעס וועלכע האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

דער וואַלד איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם וויכטיקסטן טרעפפּונקט פאַר די וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּזונדערן, צי פאַר ראָמאַנטישע פּאָרלעך. אַז דער זומער איז אַוועק און ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער, איז דער וואַלד געבליבן איינזאַם, ממש אַ פאַרגעסענער.

נאָר אויך דער טאַרנאָוואָלער וואַלד מיט זיינע דינע און הויכע סאָסנע־ביימער, האָט פאַרכאַפּט אונדזערע הערצער. דער וואַלד האָט זיך געצויגן מערב זייט פון שטעטל ביז צום דאָרף טאַרנאָוואָלע. דאָ האָבן מיר אויסגענוצט דעם שיפּועדיקן שטח מיט זיינע שיטערע ביימלעך — און נאָכן אַראָפּפאַלן פונעם ערשטן געדיכטן שניי אין די קריסטמענס־טעג, האָט מען זיך געלאָזט אַהין מיט שליטעלעך און איינציקווייז אָדער פּאָרלעך געגליטשט זיך באַרג אַראָפּ, צווישן די ביימער. דערנאָך האָט מען געשלעפּט די שליטעלעך באַרג־ארויף — און ווידער

געפלויגן אַראָפּ. ניט איינמאָל האָט דאָס שליטעלע זיך איבערגעקערט מיט די קינדער, נאָר תמיד האָט מען זיך אומגעקערט אַ היים מיט די בעסטע איינדרוקן און שטאַרקע איבערלעבונגען. אזוי האָבן מיר אויסגענוצט וואָס מערער טעג אין יאָר, כדי צו פאַרברענגען אויפן שויס פון דער נאַטור.

דער מאַרק־טאָג

אין מיין זכרון טויכט אויף איין פראַגמענט פונעם שטעטלדיקן לעבן — אַ רייכער, אַ פיל־פאַרביקער, אין וועלכן מיר, צען־יאָריקע קינדער, האָבן ניט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל, אָבער דאָך האָט ער אונדז פאַרשאַפן אַ סך פרייד און נחת. איך מיין — דעם מאַרק־טאָג וועלכער איז פאָרגעקומען יעדן מאָנטיק. גאַנץ באַגינען האָבן גענומען שטראָמען פויערישע וועגענער, באַלאָדענע מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן. ביים אַריינפאָר אין שטעטל האָבן זיי אָבער געמוזט זיך אָפּשטעלן ביים „שלאַבאַן", צי „ראָגאַטקע" און באַצאָלן איינטריט־געלט אויפן יאַריד, אין איינקלאַנג מיט דער צאָל פראָדוקטן וועלכע זיי האָבן דעקלאַרירט פאַר די וועכטער פון דער „ראָגאַטקע" — און דערנאָך אַוועק אין צענטער פון שטעטל, אויפן מאַרק־פּלאַץ.

די באַלאָדענע וועגענער האָבן אין רוב פאַלן געהאַט באַגלייטערס — פּירפּיסיקע בהמות צי קעלבלעך צום פאַרקויפן אָדער צו דער שחיטה, אויך ציגן און שעפסן. פאַרשטייט זיך, אז פאַר די בהמות איז געווען אויסגעטיילט אַ באַזונדער אָרט אויפן מאַרק, געווען אויך אַ פערד־מאַרק. דאָ האָבן די סוחרים געוואָלט באַווייזן די פלינקייט און כוח פונעם פערד און אים געטריבן אין אַ שנעלן געלויף, וואָס האָט איבערגעצייגט דעם קויפער אין די מעלות פונעם פערד. בעת דער סוחר איז געווען פאַרנומען מיט רימען דעם פערד, האָבן מיר, חברה קליינוואַרג, געוואָלט אַרויסצופן וואָס מערער האָר פונעם פערדס וויידל, כדי זיך אויסאַרבעטן דערפון פידעלעך. אויך די קי האָבן מיר ניט צורו געלאָזט — און דערנאָך אַוועק אין צענטער פון מאַרק.

נאָענט פון די געשעפטן וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם פּירעקיקן מאַרק־פּלאַץ, האָט מען אין יאַריד־טאָג צונויפגעקלאַפּט בוידן, טישן און פאַרשידענע געשטעלן מיט אַלערליי סחורות, דער עיקר — אויסאַרבייטונגען פון בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, רימערס און אַנדערע. אויפן הויכן קול האָבן זיי געלויבט זייערע סחורות און ס'איז זיי טאַקע געלונגען צוציען און איבערצייגן די קונים. אין אַ צווייטן קרייז, אין באַזונדערע פליגלען, האָבן זיך אויסגעשטעלט די בוידן מיט שפּייז־אַרטיקלען. איין פליגל איז געווען פון בלויז חזיר־פלייש און זיינע באַגלייט־פּראָדוקטן. אויף לאַנגע טישן ווידער — טעפּלעך און קענדלעך מיט חזיר־פעטס (סלאָנינע). פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער־אָ סחורה האָבן געהאַנדלט נאָר די קריסטן פון שטעטל צי פון די צוגעפאָרענע ערטער. אַנטקעגן זיי האָבן

זיך אויסגעשטעלט יידישע בעקערס מיט ברייטלעך, זעמל, קוילעטשן, בייגל און זיסוואַרט. אינעם דריטן קרייז האָבן זיך אויסגעזעצט פויערטעס אויף דער ערד און אויף אויסגעשפּרייטע זעק צי לײלעכער אויסגעשטעלט אָסעקעס פּוטער, קריגלעך סמעטענע, ווייסע קעזלעך אין לייוונטענע זעקלעך, טעפּ מיט זויערמילך.

אויף דעם אָרט האָבן זיך אויך באַוויזן כל מיני גרינוואַרג: רעטעך, רעטעכלעך, ציבעלעס, פּעטרושקע, מייערן, אוגערקעס און אַרבעס, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן אויף דער וואָג, צי אויפן מעסטל, צי גאָר אויפן בינטל. פאַרשטייט זיך, אַז די שטעטלדיקע יידן האָבן גענאָסן פון דער שפע פּראָדוקטן און באַזונדערס די אָרעמערע שיכטן האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט פאַר ביליק זיך איינצוקויפן די נייטיקע שפּייז.

דאָס אָרט פון גרינוואַרג האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרביקער טעפּיך וואָס האָט געקוויקט דאָס אויג. אגב, דאָס איז געווען די אויסשליסלעכע פּראָדוקציע פון די פויערטעס, ווייל מענערישע הענט האָבן זיך צו דעם ניט צוגערירט. אויך זריעות פון פאַרשידענע גרינסן און בלומען האָבן זיך דאָרט געפונען, אין זעקעלעך, פּאַפּיר־בייטעלעך, אָדער אין טעפּעלעך, שיין און ריין פאַרפּאַקט. קיין סך קונים האָבן זיי ניט געהאַט, אָבער די פויערטעס זענען ניט געוואָרן אנטוישט און אויפן צווייטן יאַריד ווידער זיך באַוויזן מיט זייער סחורה. ביי די דאָזיקע פויערטעס איז עס פּשוט געווען אַ מין שליחות צו באַזאָרגן מיט זריעות די שטעטלדיקע איינוואוינערס.

אינמיטן טאָג איז דער הו־האַ אויפן מאַרק שטילער געוואָרן און מ׳האָט שוין געזען ווי אַ סך פויערים לאָזן זיך אַוועק אין שענק צי אין די ספּעציעלע ביידלעך, כדי דאָרט צו מאַכן די אמתע כוסע און גוט זיך אָנטרונקען און אָנעסן. אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט אַ סך קוראַזש, האָט מען זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פונעם מאַרק־טאָג.

מיר איז שווער צו פאַרגעסן אויף די פּאַראַזיטן פון אַזאַ יאַריד, די אייגנטימערס פון פאַרשידענע מזל־טישלעך און שפּילערייען. מיט אַ באַזונדערער איבערצייגונגסקראַפט איז זיי געלונגען צוציען תמימותדיקע פויערים, שאַפן ביי זיי די אילוזיע פון אַ גרויס געווינס — ביז די האָבן איבערגעלאָזט באַדייטנדיקע סומען ביי די שאַרלאַטאַנען...

שבתים און יום־טובים אין שטעטל

אַ גאָר באַזונדערן אָרט אין מיין זכרון פאַרנעמען די דערינערונגען פון די שבתים און יום־טובים אין יוזעפאָוו. די מאַמע פלעגט נאָך דאָנערשטיק ביינאַכט צוגרייטן די ראָשטשינע אויף צו באַקן חלות לכבוד שבת צי אויף יום־טוב. אינמיטן נאַכט פלעגט זי אויפשטיין און זיך נעמען צום קנעטן און אריינלייגן דאָס טייג אין ספּעציעלע בעקעלעך־פאָרמען און זיי אריינרוקן אינעם גוט אָנגעהייצטן

אויוון, פון וועלכן זי האָט שפּעטער אַרויסגענומען געפּלאָכטענע קוילעטשן און אויף ברוין אויסגעבאַקענע חלות. דערביי האָט די מאַמע ניט פאַרגעסן אויך צוצוגרייטן קוכנס, קיכלעך און זיסוואַרג, מיט ראָזשינקעס און צימרינג — אַלץ טעם גן־עדן...

אין די זומער־טעג פלעגט זי פּאַר די קינדער אָפּקאָכן פּיראָזשקעס מיט יאַגע־דעס, און צום לעצט — אויך ניט פאַרגעסן אין די פּלעצלעך מיט מאָן און ציבע־לעס, וועמענס טעם ליגט מיר נאָך היינט אין מויל. פרייטיק פרי פלעגן מיר זיך אויפהייבן פון שלאָף און גלייך דערפילט די געשמאַקע ריחות וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם הייסן באַק־אויוון — און אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס טראָגט זיך פון דאָרט אַ רוף: „שטייט אויף, קינדערלעך, פאַרזוכט פון מיינע פרישע און באַטעמטע געבעקסן!"...

דערנאָך, אַ גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג, האָבן די טעכטער געהאָלפן רייניקן און פּוצן יעדעס ווינקל אין שטוב און די קיך. דער מיטאָג פרייטיק איז געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע טעג אין דער וואָך, נאָר צוליבן גרייטן זיך צום פייער־לעכן מאָלצייט פרייטיק־צו־נאַכטס.

דער טאַטע און די זין האָבן זיך באַמיט יעדן פרייטיק צו פאַרענדיקן וואָס פריער זייערע באַשעפטיקונגען כדי האָבן מערער צייט צו גרייטן זיך צו שבת. נאָכן קורצן אָפּרו נאָכן מיטאָג עסן פרייטיק, האָט מען זיך געלאָזט אין באָד אַריין, אויסגעשטאַט מיט הילצערנע שקאָפּקעס און בעזעמלעך. פון אַלע זייטן האָט מען געזען מענער גיין אין דער ריכטונג צום באָד, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער דרום־מערבדיקער זייט פון שטעטל. דאָס באָד איז געווען אַ לעבנס־וויכטיקע אינסטיטוציע אויף אָפּצוהיטן דאָס געזונט און היגיענע, באַזונדערס אין די ווינטער־טעג. אינעם גרויסן זאַל פון באָד זענען געשטאַנען ריזיקע וואַנעס, אין וועלכע עס האָט זיך געוואַשן און געפּליעסקעט די קינדער, אונטער דער השגחה פון די טאַטעס. דאַקעגן די אונטערוואַקסנדיקע יינגלעך זענען אין באַגליי־טונג פון די עלטערע ברידער געקראָכן אויף די העכערע באַנק, וועלכע זענען געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן דאַמף, דערפאַר האָט מען ניט געזען די תמיד פּייכטע און שיפּועדיקע אַרויפגענג און די מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען לעבן דיר. תמיד האָט געדראָט אַ געפאַר פון אויסגליטשן זיך.

די וואָס האָבן דערגרייכט די העכסטע באַנק, האָבן געבעטן דעם שכן צו שמייסן מיטן בעזעמל און דערנאָך אָפּגעגאָסן מיט הייס וואַסער, וואָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם נעפּל און דעם דאַמף און די אומזעעוודיקייט. דערנאָך זענען זיי צוריק אַראָפּ פון די בענק און אַריין אינעם רר־זאַל, ווו מ'איז געזעסן אויף בענק לענגויס די ווענט און דאָרט זיך אויסגעשמועסט געמיטלעך וועגן די געשעענישן אין שטעטל און אויף דער גרויסער וועלט.

מיטן אומקערן זיך פון די מענער פון באָד און אויסטרונקען אַ גלעזל טיי,

זענען די צוגרייטונגען צו שבת אַריבער אויף אַ העכערן עטאַפּ. פאַרנאַכט־צו האָט דאָס שטעטל ווי זיך אָנגעטאָן אין קדושה. די מענער אין פאַרשידענעם עלטער, אויסגעוואַשענע און אָנגעטונענע אין די שבתדיקע מלבושים האָבן פאַרפולט די גאַסן. זיי האָבן אויסגעזען ווי מ׳האָט פאַרגעסן אין אַלע וואָכנדיקע צרות און זענען איצט גרייט אויפצונעמען דעם שבת קודש. די שילן און שטיבלעך זענען פול געווען יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, יום־טוב ביינאַכט און צומאָרגנס — אַ שבת צי אַ יום־טוב. אויסער די מתפללים אין די שטיבלעך, זענען די וואָס האָבן געדאַוונט אין דער שיל און אין בית־המדרש, ניט געווען פון איין שניט. אַ טייל פון זיי האָבן אינעם בית התפילה געזען דאָס אָרט וווּ מ׳איז זיך מתייחד מיטן רבונו של עולם, דאַקעגן די אַנדערע, דער עיקר די יוגנט, וואָס האָבן באַגלייט די עלטערן צום דאַווענען, האָבן אויסער כיבוד אָב, געזען עס ווי אַן אָרט צו טרעפן זיך מיט אַ חבר און פריינד, הגם דער גרעסטער טייל האָט אָפּגעהיטן די מצוות און די טראַדיציע פון די עלטערן.

שבת אינמיטן טאָג, פלעגן די הייף און געסלעך לעבן די בתי־תפילה פאַר־פולן זיך פון מענטשן וואָס האָבן געענדיקט דאַווענען און רויק געגאַנגען אַ היים, יעדער זיין וועג. די פרייד פון יום־טוב האָט זיך געפילט אין צענטער פון שטעטל און אין די פאָרשטעט. די קריסטלעכע איינוווינערס האָבן זיך גערעכנט מיטן אָפּרו־טאָג פון זייערע יידישע שכנים און ניט געטאָן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל צעשטערן די דאָזיקע שטימונג.

✶

מעגלעך, אַז כ׳האָב אפשר איבערגעטריבן מיטן אונטערשטרייכן די גוטע באַציונג פון די פּאָלאַקן צו די שטעטלדיקע יידן, — אָבער דערפאַר, ווייל מיינע זכרונות באַציען זיך צום אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, אַ יאָר אַכט פאַרן גרויסן חורבן. פאַרשטייט זיך, אַז פון יאָר 1931 איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע ענ־דערונג צום שלעכטן. דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן האָט זיך פאַרשטאַרקט און אויך דערגרייכט יוזעפאָוו.

די געשילדערטע זכרונות זענען פון א ייִנגל וואָס האָט געלעבט אין שטעטל ביזן עלטער פון 16 יאָר און מיין כוונה איז צו שילדערן פאַרן „דור פון המשך" די איבערלעבונגען אינעם אָרט, ווו עס זענען געבוירן און אויפגעוואָקסן זייערע עלטערן.

אַזוי האָט געלעבט אונדזער שטעטל

נחום קאַפּענשטאַק

א

יוזעפאָוו איז געווען אַ קליין שטעטעלע מיט בערך דריטהאַלבן טויזנט יידישע איינוווינער.

איינשטאָקיקע, נידעריקע הייזלעך מיט דעכער באַשלאָגענע מיט שינדלען. געסלעך שמאָלע און געדרייטע האָבן זיך געשלענגלט לענגויס די הייזלעך אין אומאָרדענונג. אַ גרויסער רונדער מאַרק, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געפונען די יידישע הייזלעך, יידישע קראָמען, פון וועלכע די יידישע איינוווינער האָבן יאָרנלאַנג געצויגן זייער חיונה... מען איז מער ווייניקער דורכגעקומען און נישט געהאַט קיין טענות צום רבונו של עולם.

מאָנטיק, אין טאָג פון יאַריד, איז דער מאַרק פול געווען מיט פויערים, וואָס האָבן אויף זייערע וועגענער מיטגעבראַכט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן און די יידן האָבן עס ביי זיי איינגעהאַנדלט. אויפן מאַרק זענען געווען אויסגעשטעלט סטראַגאַנעס מיט פאַרשידענע סחורות נישט נאָר פון די יידן פון שטעטל, נאָר אויך פון די שכנותדיקע שטעטלעך.

פון מערב־זייט האָבן זיך מיטן מאַרק געגרענעצט די בתי־קודש. אַ שול־הויף מיט אַלטע, ברייט־צעצווייגטע טאָפּאָל־ביימער, וואָס אונטער זייער שאָטן האָבן יידן געפונען שוץ בעת די זומערדיקע היצן. די שול, אַוודאי אַ 7 צענדליק יאָר אַלט, איז געווען פיל העכער פון אַלע הייזלעך אין שטעטל. נעבן דער שול זענען געשטאַנען ווי צוויי וועכטערס — פון לינקס דאָס בית־המדרש און פון רעכטס צוויי שטיבלעך: פון די טריסקער און בעלזער חסידים. אַ פּאָר צענדליק מעטער ווייטער איז געווען די באָד, ווו יידן זענען אַלע פרייטיק און ערב יום־טוב געקומען זיך אויספּאַרען און צוזאַמען מיט דעם עול פון ימי חול אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שמוץ. קומענדיק אַהיים, האָבן די יידן באמת געפילט אַ דערלייכטערונג, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע משא און זענען ראוי אויפצונעמען די קדושה פון שבת אָדער יום־טוב.

עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער איז געווען דאָס בית־הקברות, וואָס אויך דאָס געהער צו דעם „רעקוויזיט", אָן וועלכן אַ יידישע קהילה קאָן זיך נישט באַגיין.

ב

מיין שטעטל האָב איך דערזען, גלויב איך, ווען כ'בין אַלט געוואָרן דריי יאָר. דאַן האָט מיין פאָטער ע"ה מיך געפירט אין חדר, וועלכער האָט זיך געפונען אין טריסקער שטיבל און דער מלמד איז געווען דודל (איך געדענק נישט זיין

פאַמיליע־נאָמען). אָבער ווער האָט זיך דען באַנוצט מיט אַזעלכעס ? גענוג געווען צו זאָגן: דודל מלמד, איטשע מלמד, לייזער קלמן־דודס, דער פ־ומער לייבוש אָדער הערשעלע אסתר־ברוכס — און מ׳האָט שוין געוווּסט ווו צו טרעפן... אָט אין דעם חדר האָט מען מיך אַריינגעפירט צו לערנען די וועגן פון יידישקייט און מיך צוגר־יטן צו זיין אַ ייד וואָס זאָל מיט ליבשאַפט טראָגן דעם עול פון די תרי״ג מצוות.

ר׳ דודל, אַ קליין מאָגער יידל מיט אַ גראָ בערדל אויף זיין באַשיידן פנים, האָט געהאט א פרוי, צוויי זין, פון וועלכע איינער לייבוש איז היינט אין אמעריקע, און א טאָכטער אסתר. געווינט האָט ער אין דעם שטיבל, ווו ס׳איז געווען דער חדר. אָבער דאָך איז ער שטענדיק געווען צופרידן און מיט גרויס מסירת נפש און ליבשאַפט אַריינגעקנעלט מיט די קינדער דעם אלף־בית. אַ קאַנטשיק האָט ער טאַקע געהאלטן ביים לערנען, אָבער געשלאָגן מיט אים האָט ער נישט. אנשטאָט דעם — אַ גוטמוטיקן קניפּ אין בעקל. אַז ס׳איז געקומען אַ יום־טוב, ספּעציעל שמחת־תורה — ווער האָט זיך געקאָנט גלייכן צו זיין פרייד וואָס ער איז א ייד... ששו ושמחו בשמחת תורה!

געווען אויך אנדערע חדרים, וועלכע מען איז שפּעטער, מיטן עלטער ווערן, בהדרגה דורכגעגאנגען. צווישן די בעסטע מלמדים האָט זיך גערעכנט דער רבי איטשע. א ייד מיט א ברייטער שווארצער באָרד, א הדרת פנים, שווארצע אויגן, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט חכמה. צו יעדער זאַך וואָס ער האָט מיט די קינדער געלערנט, האָט ער געהאט אן אנדערן נוסח, א ספּעציעלן ניגון, וואָס האָט צוגעגעבן דעם לערנען אַ מין פייערלעכקייט. ווער עס האָט ביי אים געלערנט, וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ניגון פון „איכה ישבה בדד העיר״, אָדער דעם „שירי השירים אשר לשלומו״. איך וויל פעסשטעלן, אז די ערשטע קערנדלעך פון ציוניזם זענען איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אונדז שוין דאַן, ווען ר׳ איטשע האָט מיט אזא התלהבות געלערנט דעם חומש.

א געוויסע צייט איז אין שטעטל געווען א ישיבה, ווו עס האָבן געלערנט בחורים פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן „געגעסן טעג״ ביי בעלי־בתים — און קיין „טעג״־געבערס האָבן נישט געפעלט. אפילו די וואָס האָבן נישט געהאט דע־צו קיין מעגלעכקייטן, האָבן אויך געוואלט געבן „טעג״ און זיך באַמיט וואָס בעסער צו באהאנדלען די ישיבה־בחורים.

ג

אונדער שטעטל מיט איר טעטיקייט אויפן רעליגיעזן, געזעלשאפטלעכן, פילאַנטראָפּישן און פּאָליטיש־פּאַרטייאישן געביט איז נישט אָפּגעשטאַנען, און אפשר גאָר איבערגעשטיגן אנדערע, גרעסערע מקומות, ספּעציעל אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. אז ס׳איז געקומען פאר א ציוניסטישן קאָנגרעס, איז דאָס גאנצע שטעטל

געווען אריינגעטאָן בלב ונפש אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. די פּאַרטיי־מענטשן האָבן ממש געפיבערט, אויסגעפירט פּאַ־שידענע אינסטרוקציעס פון זייערע צענטראַלע און אָרטיקע קאָמיטעטן. אויך סתם־מענטשן זענען געווען פאַרטאָן אין דיסקוסיעס, וועלכע זענען מיט טעמפּעראַמענט געפירט געוואָרן אין מיטן מאַרק און אויפן שול־הויף — אין די שבתים און יום־טובים. פול זענען געווען די זאַלן, ווען עס איז געקומען אַ רעדנער; אויך אַ בעל־דרשן אין בית־מדרש האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן.

אונדזער יוגנט האָט אויפגעפירט פאַרשידענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, איז געשטעלט געוואָרן „מכירת יוסף". די פּרויען־ראָל האָט דאַן אויפגעפירט יחזקאל וואַגמייסטער. צו יענער צייט האָט אַ מיידל זיך נאָך נישט דערלויבט אַזאַ „אפיקורסות". איך געדענק דעם ביטערן קאַמף וואָס די מיידלעך האָבן געהאַט מיט זייערע פרומע עלטערן צוליבן „שפּילן טעאַטער". ס'איז אויך געשפּילט געוואָרן „משה חייט". מיין ברודער יהושע האָט געהאַט די הויפּטראָל. עס איז אויסגעפירט געוואָרן „מאָטקע גנב", „די זיבן געהאָנגענע", „דער דאָרפס־יונג" (איך האָב געשפּילט די ראָל פון פּראָקאָפּ) — און פיל אַנדערע.

פון צייט צו צייט פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פאַרשידענע אימפּרעזעס — פּורים־בעלער, חנוכה־מסיבות און סתם פאַרוויילונגען. די הכנסות זענען באַשטימט געוואָרן אויף ציוניסטישע צוועקן.

מען פלעגט זיך אויך צוזאַמענקומען אין די „סאָדוווקעס" און דאָרט געפירט דיסקוסיעס, גערעדט פון פּאָליטיק, אויך רכילות האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט.

דאָס שטעטל האָט זיך מפרנס געווען פון קליין־מסחר אין די געוועלבן און סטראַגאַנעס. ספּעציעל איז ביי אונדז געווען אַנטוויקלט דער האָלץ־מסחר און פיל יידן האָבן פון דעם געהאַט זיין פּרנסה. געווען אויך, פאַרשטייט זיך, פאַרשידענע בעלי־מלאכות.

ד

אונדזער שטעטל האָט געהאַט אייניקע קונדסים און לצים. כדאי צו דערמאָנען, אַ שטייגער, אַזאַ לץ ווי יוסל פאַלקי, ווי ער האָט געפירט געשפּרעכן מיטן טויבן ישראל אין מיטן מאַרק און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך צוגעהערט ווי ער שרייט אים אַריין אין אויער. אויף שבת הגדול איז יוסל נישט געווען פויל און קאַרג און צוגעגרייט ספּעציעל געדרוקטע איינלאַדונגען אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגע־מאָלן אַ בילד ווי איינער צוואָגט אַ פערד, מיט אַ צושריפט: „פאַרד, לאָז דיך צוואָגן!", ווי אויך די שעה ווען דער צוג גייט אָפּ קיין מצרים, ער זאָל זיין גרייט צו דער נסיעה. די איינלאַדונג־קאַרטעס האָט ער צעשיקט מיט דער פּאָסט, צו פאַרשידענע מענטשן.

איך וויל אויך דערמאָנען אַזאַ טיפּישן לץ ווי ישראל־משה כהנס. מען פלעגט

זיך שטארק אָנלאכן פון זיינע שטיק און דערציילונגען. ער האָט גערעדט איינעם א שידוך און דערביי אויסגערעכנט אלע מעלות פון צווייטן צד — שיין, רייך, יחוס, קלוג און צוגעפּאַסט... צום סוף פלעגט ער נאָך צוגעבן, אַז ס'איז דאָ אַ שטיקל חסרון — ער איז אויך א יונג...

דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען ווי איין גרויסע פאַמיליע. בעת אַ חתונה האָט זיך באטייליקט דאָס גאנצע שטעטל אין דער שמחה, בעת א לוויה האָבן אלע געטרויערט, ווי איינער אַ נאָענטער פון דער משפחה וואָלט געשטאָרבן.

ה

קיינמאָל האָבן די יידן פון אונדזער שטעטל נישט גענאָסן פון קיין פריינדשאפט מצד אונדזערע שכנים — די פּאָלאקן. שטענדיק האָט אין זייי געברענט די קנאה צום ייד. ספּעציעל האָט זייער שנאה אָנגעהויבן בולט צו ווערן אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער היטלעריזם אין דייטשלאנד האָט זיך פארשפּרייט. נישט איין מאָל האָט דאָס שטעטל איבערגעלעבט פּאָגראָם־שרעק. די ענדעקעס האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די יידן. מצד דער רעגירונג — גזירות און געזעצן קעגן יידישער שחיטה, פון סיים האָבן זיך געהערט אנטיסעמיטישע לאָזונגען, פּיקעטן זענען צעשטעלט געוואָרן ביי די יידישע געשעפטן. מיט פרנסה איז געוואָרן אַלץ שווערער.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה — סעפּטעמבער 1939, ווען די היטלעריסטישע בעסטיע האָט אַקופּירט פּוילן, האָט אַ שוואַרצער וואָלקן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע יידישע ישובים. ווו נאַר עס האָט דערגרייכט די לאַפּע פון דער נאַצישער חיה, זענען אויף אַ שוידערלעכן אופן אויסגעמאָרדעט געוואָרן אַלטע לייט, מענער, פרויען און קינדער — אַ דריטל פון אונדזער פּאָלק — נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן צו שאַנדע די מערהייט פון פּוילישן פּאָלק, מיט קליינע אויסנאַמען, וואָס זענען געווען פּאַסיוו און מיט נאָך קלענערע אויסנאַמען — וואָס האָבן געהאָלפן ראַטעווען יידן. די מערהייט האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין העלפן אויסמאָרדן דאָס יידישע פּאָלק אין פּוילן, צורויבן זייער פאַרמעגן פון די פּוילישע בירגער — יידן, מיט וועמען זיי האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן און וועלכע האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון פּוילן.

אָט דעם דאָזיקן גורל האָבן אויך געטיילט די מערהייט פון אונדזערע טייערע יידן פון אונדזער שטעטל.

מיר וועלן דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן!

בעלי־עגלות

ע. א—ל.

יוזעפאָוו האָט זוכה געווען צו אַן אייגענער באַן־סטאַציע ערשט אין יאָר 1916. ביז דעמאָלט (און אויך אַ סך יאָרן נאָך דעם) איז די פאַרבינדונג פונעם שטעטל מיט דער גרויסער וועלט פאָרגעקומען אַ דאַנק וועגענער און בוידן. דער עיקר — אין צוויי ריכטונגען: קיין זאַמאָשטש פון צפון און קיין טאָמאַשאָוו פון דרום. בלויז יחידים פלעגן זיך לאָזן אין די ווייטערע לובלין און וואַרשע. די דאָזיקע נסיעה איז געמאַכט געוואָרן אין צוויי טיילן: מיט אַ פּע־ד־און־וואָגן איז מען געפאָרן ביז זאַמאָשטש, איבערגענעכטיקט אין ש. קליסקאָס „האָטעל" און פון דאָרט, ווידער אין אַ וואַגאָן, ביז דער ערשטער באַן־סטאַציע רייוויץ. צו דעם אָרט זענען געקומען וועגענער און בוידן מיט פּאַסאַזשירן פון גאַנצן לובלינער קרייז. די רייוויצער באַן־סטאַציע האָט געברויזט און געקאָכט מיט דער גרויסער צאָל אָנגעפאָרענע יידן און ניט־יידן און אויפן לשון פון סגי־נהור איז געבוירן געוואָרן דאָס ווערטל „שטיל ווי אין רייוויץ" — צוליבן גרויסן טומל וואָס האָט דאָרט געהערשט...

דער רוב נסיעות אויף וועגענער פון יוזעפּאָוו זענען צושטאַנד געקומען קיין דלוגי קאָנט און גורעצקי, דאַקעגן איינצלנע נסיעות אין משך פון דער וואָך — קיין זאַמאָשטש און טאָמאַשאָוו. נאָך אין די יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג איז געווען גוט באַקאַנט משה־מרדכי, פון די עלטסטע בעל־עגלהס, איינער פון די ארנטלעכסטע יידן, וועמען מ'האָט געמעגט אָנפאַרטרויען אַ פאַרמעגן אומגעציילט. אַ געלאַסענער, מיט אַ גראַער באָרד, אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט צו פירפיסיקע באַשעפעניש, אָפגעהיטן זיינע פערד ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, ניט געשלאָגן זיי און ניט אַרויפגעלייגט אַ צו שווערע משא. זיין צעצויגענער „וויאַ־אַ־אַ!" איז גענוג געווען, אַז די פערד זאָלן אָנהייבן גיין אַ גאַנג און ער זאָל רויק קענען איינדרימלען אויף דער קעלניע.

וואָלף־בעריש איז געווען אַ יינגערער פון אים אין יאָרן און אין פאַך. אַ הויכער, דאַרער, לייכט־באַוועגלעכער, באַזיצט אַ סך כוח. אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין בורקע, האָט מען אים כמעט ניט אַרויסגעזען. פאָרמעל איז ער געווען אַ בעל־עגלה, נאָר פאַקטיש — דער וואָיאַזשאָר פון שטעטל. געליפערט כמעט אין אַלע יידישע געשעפטן אין יוזעפאָוו פאַרשידענע סחורות און מאַטעריאַלן. דורך אים זענען געמאַכט געוואָרן באַשטעלונגען ביי די הורט־סוחרים און דורך אים האָט מען דערליידיקט די צאָלונגען.

צו דער סטאַציע דלוגי קאָנט פלעגן פאָרקומען רייזעס אַ 3־4 מאָל אין טאָג, ווי אויך ביינאַכט, נאָר צו דער ווייטערער סטאַציע, גורעצקי — וויינער. פאַר־שטייט זיך, אַז די רייזעס פלעגט מען צופּאַסן צו די שעהן פון די אָנקומענדיקע און אָוועקפאָרנדיקע באַנען קיין לעמבע־ג און וואַרשע. געווען אויך קירצערע

טראַסעס: זאַוואָדאַ־בעלזשעץ, דער עיקר אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען אַרבעטער האָבן באַדאַרפט פאָרן צו דער אַרבעט. דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז אָבער געווען אַ רייזע קיין לעמבערג און קיין וואַרשע. כדי אָנצוקומען קיין לעמבערג אין דערפרי, האָט זיך געפאָדערט אַרויסצופאָרן 12 ביינאַכט. דעסגלייכן — אַ רייזע קיין וואַרשע, הגם דאָס האָט געדויערט 12 שעה. די רייזע קיין לובלין האָט גע־דויערט 6 שעה, אַזוי פיל ווי קיין לעמבערג.

די בויד פון שלמה גורעצקער האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט. קיין מאָל ניט פאַרשפּעטיקט צום באַן, פּונקט ווי ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אויפצוּוועקן צו דער צייט זיינע פּאַסאַזשירן. פאַרנאַכט האָבן די פאַראינטערעסירטע אים צוּוויסן געגעבן ווו און ווען זיי דאַרפן זיך לאָזן אין וועג אַריין, ער האָט אַלעמען פאַר־שריבן (אַ סברה — אין קאָפּ, ווייל שרייבן האָט ער ניט געקענט) — און זיין זון, דער שטומער יאַנקל, האָט געקלאָפּט אין לאָדן פון אַזאַ ייד און געשריען: „נו, שטיי שוין אויף! יאַזדאַ!" דאָס געשעפט האָט טאַקע געפירט דער אלטער טאַטע, נאָר דער גאַנצער עול איז געלעגן אויף יאַנקעלעס פּלייצעס. אַ פינקטלעכער, העפלעכער, אַ שווייגער (ניט מחמת זיין פעלער), א צוגעלאָזענער, קיינמאָל ניט באַקלאָגט זיך אויף זיין גורל אַלס בעל־עגלה. בלויז איינמאָל האָב איך געזען ווי ער איז אַרויס פון די כלים. דער צווייטער בעל־עגלה וואָס האָט געפירט צום באַן, איז געווען דוד ספּאָדיק. נאָר צוליב דעם וואָס ער איז אין אַ געוויסן טאָג קראַנק געוואָרן, האָט די לייצעס אין האַנט גענומען זיין זון, וועמען מ'האָט גערופן „אינטעליגענט". עס פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז דער „אינטעליגענט" איז ניט געקומען מיט זיין וואָגן צו דער באַן־סטאַציע, פלעגן זיינע פּאַסאַזשירן זיך אַריינזעצן צו יאַנקעלען אין וואָגן, הגם די ענגשאַפט איז דאָרט געווען גרויס. איינמאָל, ווען זיין בויד איז שוין געווען פאַרפולט מיט פּאַסאַזשירן, האָט יאַנקעלע מיט כעס זיך געוואָנדן מיט זיינע שטאַמלדיקע רייד צו אַ סטאַבילן פּאַסאַזשיר פון „אינטע־ליגענט" אין אים באַפוילן צו פאַרלאָזן זיין „קאָטש". די אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַריינגעמישט, אינטערוועגירט, געבעטן איבערלאָזן דעם פּאַסאַזשיר — ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. יאַנקעלע האָט זיך איינגעעקשנט — און אויסגעפירט ס'זייניקע.

איך מיין, אַז דער „אינטעליגענט" וועט מיר מוחל זיין אויב כ'וועל שרייבן, אַז ער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט זיין בעל־עגלהישקייט. ניט אַרויסגעוויזן צופיל טאַלאַנט ביים ציען די לייצעס אָדער ביים קאָרמענען די פערד. ער האָט טאַקע דערנאָך געמוזט זוכן אַנדערע פרנסות.

אַז די פורמאַנעס דאַרף אויך פאַרעכנט ווער־ן בערעלע אַלתרס פּרוזער, וועמענס פאָר־ליניע איז געווען — קיין זאַמאָשטש און צוריק קיין יוזעפאָוו. פאַר־שטייט זיך, אַז נישט אַלע געשטאַלטן האָב איך דאָ אַרויסגעבראַכט, ווייל אַ סך פון זיי האָבן זיך אויסגעוועבט פון זכרון...

דער יידישער סאָלטיס

בן־ציון דיקשטיין

איך געדענק, ווען איך בין נאָך אַ קליין יינגל געווען און אין חדר געגאַנגען. אין יעדער ווינטער זענען מיר געקומען אין חדר. אַפילו ב־יינאַכט, אַז ס'איז געווען פינצטער, איז מען געגאַנגען מיט אַ ליכטל, צו מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, אַבי נישט דורכלאָזן קיין שיעורים.

שוין אַלס קינדער פלעגן מיר צוהעלפן די עלטערן אין פרנסה: געגאַנגען קלייבן יאַגדעס, שוועמלעך, פליקן פעדערן, אַפילו געהאָלפן סנאָפּעס אַראָפּנעמען פון די פעלדער אין דאָרף טאַרנאָוואָלע.

אין שטעטל איז געווען אַ סאָלטיס, אַ קריסט. ער האָט געהאַט צו זאָגן סיי ביי די קריסטן און סיי ביי די יידן. די יידן האָבן אָבער געוואָלט האָבן אַ יידישן סאָלטיס — די מערהייט פון שטעטל איז דאָך געווען יידן. און ס'איז געשען, אַז לאָזער דיקשטיין איז געוואָרן דער סאָלטיס. ער האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן דער יידישער באַפעלקערונג אין יוזעפאָוו, זיך משתדל געווען ווען מען האָט אַרעסטירט אַ יידן פאַר נישט קיין פיינע זאַכן. ווען מען האָט געדאַרפט צאָלן שטייערן און דער קאָמאָרניק איז אַרומגעגאַנגען זיי אויפמאָנען און קיין געלט צו באַצאָלן איז נישט געווען, האָט דער סאָלטיס אַרויסגעהאָלפן ביים איינקאַסירן די שטייערן. דאַן איז די יידן געווען פיל לייכטער, ווייל ווען מען האָט געהאַט געלט, האָט מען באַצאָלט דעם יידישן סאָלטיס לאָזער דיקשטיין — און אַלץ איז אַדורך בשלום.

קצבים, פי-סוחרים, פערד-הענדלערס

ע. א.

אויב דער גרעסטער טייל בעלי־מלאכות האָט געאַ־בעט פאַר די באַדערפעענישן פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג אין די ארומיקע דערפע־ און די יידישע בעקערס האָבן א קליינעם חלק פון זייער געבעקס פארקויפט אויך צו קריסטן, האָבן אָבער די קצבים מיט זייערע יאַטקעס באַדינט אויסשליסלעך די יידישע איינוווינערס און דעריבער זענען זיי געווען גלאַט כשר, אַפילו ווען עס האָט ניט געהאָנגען אין פראָנט אַ שילד צי אַן אויפשריפט וועגן דעם. פאַרשטייט זיך, אַז די שחיטה איז געווען אַ יידישע און איז לכתהילה געווען באַשטימט פאַר יידן. נאָכמער — אפילו די דאָזיקע ספעציפישע באדינגונגען, ווי באזונדערע יאטקעס און די שחיטה פון א כשרן שוחט, זענען נאָך אלץ ניט געווען א גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר שטרענג אַפגעהיטענע כשרות פאַר אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער יידישער באפעלקערונג. זיי האָבן פארלאנגט, אז דאָס פלייש פון דער בהמה זאָל פאַרקויפט ווערן דעם זעלבן טאָג פון דער שחיטה, און בנוגע דעם — געשאָנקען אבסאָלוטן צוטרוי דער יאטקע פון בייניש קצב, וואָס האָט דערפירט דערצו, אז דער רוב פרומע קונים האָבן געקויפט ביי אים. איז ער טאקע געווען דער רייכסטער קצב אין שטעטל. געווען אויך אַ תקופה, ווען דעם אויבנאָן ביי די קצבים האָט פאַרנומען זלמן קצב, פון די עלטסטע אין דער בראַנזשע. נאָר צוליב אַ קאָנפליקט וועלכער איז אויסגעבראָכן צווישן אים און דעם שוחט (און כ׳וויל ניט דערמאָנען, צי דאָס איז געווען פיניע, אדער איטשע שוחט) צוליב דער כשרות פון א געוויסער בהמה, אָדער אפשר האָט מען אים געכאפט ווי ער שווענקט דאָס פלייש צו כשרן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, וואָס איז שוין ניט גלאַט כשר — האָט מען זלמנען אַ־אָפּ גענומען די קרוין פון קאָפּ...

לייבעלע קצב, זלמנס שוואָגער, אַ גוטהאַרציקער און קינדיש־תמימותדיקער, וואָלט אוודאי זוכה געווען צו א הונדערט־פראָצענטיקן צוטרוי, ווען ניט זיין ליצנות און די אוממעגלעכקייט צו קויפן דורך אים אַ קו. ער האָט געמוזט זיך באַגנוגענען מיט אַ קעלבל אָדער אַ יאַלעווקע, וואָס האָט ניט געגעבן קיין גרויסע רווחים.

נאָך צוויי שוואָגערס האָבן זיך מפרנס געווען פון יאטקעס: יוקל און שימעלע קצב. נאָר ביידע האָבן געהאט גלייכצייטיק צוויי באשעפטיקונגען — געהאנדלט מיט פערד, ווייל די יאַטקעס האָבן ניט געגעבן גענוג פרנסה.

וויניק יידן אין יוזעפאָוו האָבן זיך פאַרנומען מיט פי־האַנדל, ווייל די וועכנטלעכע יאַרידן יעדן מאָנטיק האָבן געליפערט בהמות צום שעכטן דירעקט צו די קצבים. נאָך איינער וואָס האָט זיך יאָ פארנומען מיטן קויפן און פארקויפן פי, איז געווען פייוול מעכלס. אויך די יידישע דאָרפגייערס פלעגן ליפערן צו דער

שחיטה אַן 8־טאָגיק קעלבל. פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט אברמלע משה־עליס וואָס פלעגט אין א זאק אויף זיינע פלייצעס שלעפן דאָס קעלבל, ווען מען קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט אויף דער ליכטיקער וועלט. אויך לייביש־זישע און שמעון האָבן געצויגן זייער חיונה פון די דערפער גורניקי, סאַנדערקי און סירעדיק.

דערפאר זענען צו די יאַרידן געקומען גרויסע בהמות־סוחרים וואָס האָבן איינגעקויפט א סך בהמות און זיי געטריבן צופוס, דורך ספעציעלע אָנטרייבערס, אין די גרעסערע שטעט, ווי זאַמאָשטש, טאָמאַשאָוו — ביז לעמבערג, די הויפּט־שטאָט פון מזרח־גאַליציע.

הגם דער פערד־מסחר איז ניט באַטראַכט געוואָרן ווי א ריין־יידישע באשעפטיקונג, דאָך האָבר יידן זיך פארנומען מיט דעם האנדל. דאָס זענען געווען יידן (מען האָט זיי גערופן „קאָניאזשעס" אדער „קאָניוכעס") וואָס האָבן פאר קיינעם ניט מורא געהאט, געווען גאָר אנדערש ווי די געוויינלעכע יידן פון שטעטל. זיי האָבן געקענט אַרויפשפּרינגען אויפן פערד, רייטן אויף אים אָן אַ זאָטל, געוווסט צו אַנטפּלעקן אַלע שוואַכקייטן אָדער די מעלות טובות פונעם פערד. האָט דאָס פערד זיך געפרייט — איז אויך די שמחהביים קאָניוך געווען גרויס.

מ'האָט זיי תמיד געזען גרופּענווייז שטיין אויפן פּלאַץ, אנטקעגן אָפּענעם טויער פון משה מיידאנערס גרויסע שטאַל, וועלכע איז קיינמאָל ניט געווען ליידיק. דאָרט האָבן זיך געפונען די בעסטע פערד — צי פון דער פאַרם פון דייטש בערנארד, אָדער פון די ווייטע קאָזאַקישע שטאלן. די פערד האָט ער תמיד באפוילן צו גיין אין א קרייז, כדי אויספּרוון זייער כוח און פעיקייט. נאָר בדרך כלל האָבן זיי די געשעפטן געפירט אויף אַ בשותפותדיקן אופן מיט דעם קרעפטיקן טעוול יעקב איטשעס.

דערפאַר אָבער איז אפרים „קראַמער" תמיד געבליבן אויסער דעם קרייז, הגם ער איז געווען אַ געניטער קאָניוך. ער האָט ניט געוווסט וואָס הייסט מורא האָבן, טאָג און נאכט פארברענגט אין פעלד און אין וואַלד — דאָך האָט ער ניט אָנגעהערט צו דער חברותא פערד־הענדלערס.

צו די קאָניוכעס האָבן נאָך געהערט די פאָלגנדיקע איינוווינערס פון שטעטל: ברוך יעקב־איטשעס, מעכל פוכטעל, וואָס האָט זיך געשמדט. ער איז געשטאָרבן אין יוזעפאָוו שוין נאָך דער מלחמה, ווען אין שטעטל האָבן זיך ניט געפונען קיין יידן.

מיין אַלטע היים, יוזעפאָוו

אליעזר ל.

מיט א הארץ פול מיט בענקשאפט און טרערן וואָס שטיקן, נעם איך זיך צום שרייבן וועגן מיין שטעטל יוזעפאָוו, ווו כ׳בין געבוירן און פארברענגט מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן; ווו ס׳האָבן זיך געוועבט אַלע מיינע שיינע חלומות און פלענער; דאָס אָרט ווו כ׳האָב איבערגעלאָזט מיינע טייערסטע און נאָענטסטע.

פאַרלאָזנדיק יוזעפאָוו, איז עס געווען אַ שטעטל פול מיט עכט־יידישן חן — און איצט איז געבליבן דערפון איינס: צו שרייבן זכרונות... איז דען אַ וווּנדער וואָס דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט און די נשמה איז פאַרצאַנקט, ווייל די זכרונות ווערן דאָך געשריבן מיט בלוט און מיט טרערן...

אין צענטער פון שטעטל איז געשטאנען די גרויסע שיל — די העכסטע געביידע פון אַלע הייזער אין יוזעפאָוו. די ווענט — דיקע, פון שטיין, האַלב־רונדיקע, איינדרוקספולע פענצטער און איר פראָנט — ווי אן אלטע פעסטונג. אינעווייניק איז די שיל געווען איינגעאָרדנט מיט אַ סך געשמאַק, דער ארון הקודש — אַ פראַכט, שיין באַפוצט און באַצירט. אויך דער גרויסער און רחבותדיקער בעלעמער איז געווען שיין באמאָלן. אין דער שיל האָט געדאווענט דער רב און די אנגעזעענסטע בעלי־הבתים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אָרט ביי דער מזרח־וואַנט, לעבן ארון הקודש האָט פארנומען דער רב.

אין דער גרויסער שיל האָט זיך געפונען די קליינע שיל, ווו ס׳האָבן געדאַוונט עמך, בעלי־מלאכות און די אלע וואָס זענען ניט געווען אזוי בקי אין די קליינע אותיות, אפילו די פון סידור. ס׳איז אויך געווען א בית־המדרש, ווו עס זענען געזעסן בחורים לערנערס (און איך צווישן זיי) און סתם בעלי־הבתים און געלערנט תורה ביז די שפעטע נאכט־שעהן. דעם ניגון כון לערנען האָט מען געהערט אין די ארומיקע גאסן און געסלעך.

חסידים־שטיבלעך

געווען אין שטעטל צוויי חסידים־שטיבלעך, אָבער אָן דער בולטער צעשיידונג און אונטערשיידן ווי אין אַנדערע ערטער. בדרך כלל האָט געהערשט צווישן די פארשידענע אָנהענגערס פון רביים א ליבעראלער גייסט און גוטע באציונגען. אויך אין בית־המדרש האָבן געדאַוונט חסידים, אָנהענגערס פון פאַרשידענע רבנישע דינאסטיעס. ניט אלע האָבן געוואָלט זיך צעטיילן אויף באזונדערע שטיבלעך, מאכן שבת פאר זיך, דעריבער האָט מען אין דער ארומיקער געגנט געשמועסט, אז יוזעפאָוו איז א מאָדערן שטעטל, נישטאָ דאָרט קיין חסידים. נאָר ווי געזאָגט, זענען חסידים יאָ געווען, אָבער ניט אזעלכע עקסטרעמע וואָס זאָלן דערפירן צו שפאַלטונגען און רייסערייען.

אויך אין די שטיבלעך זענען געזעסן בחורים און יומם ולילה געלערנט תורה.

ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, איז אויך יוזעפאָוו געווען אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה וואָס האָט אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן בכלל און מיטן רעליגיעזן — בפרט. די קהילה איז געווען אנערקענט פון די פוילישע מאכט־אָרגאַנען ווי די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אין מיין צייט האָבן עטלעכע מאָל זיך געטוישט די עלטסטע פון די קהילות. איינער פון זיי, ר׳ אפרים ווארמשטיין, געפינט זיך אין לאנד.

די קהילה האָט אויסגעהאלטן א שעכטהויז, דאָס שטאָטישע באָד און מקווה. ווען דער רב האָט געוואָלט אויפשטעלן א מער מאָדערנע מקווה, האָבן זיך גלייך באַוויזן שטאַרקע קעגנערס פון דער מאָדערניזאַציע, אַפילו ווען דער רב האָט באוויזן אז דאָס איז ניט קעגן דער הלכה. בלית ברירה האָט דער רב פארבעטן א ספעציאליסט פון וואָלין וואָס איז געווען א מומחה אין אויפשטעלן נייע, מאָדערנע מקוות און דערביי ניט אָנרירן די רעליגיעזע תקנות. דער רב האָט מיך געשיקט צו אים דערלערנען די פראגע און טראָץ דער קעגנערשאפט פון די עקסטרעמע פרומע יידן, איז די מקווה יאָ געוואָרן אויפגעשטעלט.

אין שטעטל איז אויך געווען א הכנסת אורחים, ווו דורכגייערס און דורכרייזערס האָבן געהאַט ווו איבערצונעכטיקן.

חדרים און שולן

געווען אין שטעטל עטלעכע חדרים, ווו יידישע קינדער האָבן געלערנט תורה, לויט זייער עלטער. צומערשט — ביים דרדקי־מלמד, ווו ר׳האָט אָנגעהויבן דעם א״ב און דערגאנגען ביזן לערנען גמרא. דערנאָך איז דאָס קינד אריבער אין א צווייט חדר, ווו מ׳האָט געלע־נט אויפן זמן ביי ר׳ איטשע מלמד, א שארפער למדן און בקי אין לערנען תורה. אז דאָס יינגל האָט געהאט חשק ווייטער צו לערנען, איז שוין זיין אָרט געווען אין בית־המדרש, ביי ר׳ לייביש מאָטעלעס און נאָכן דערגיין צום זעלבשטענדיקן לערנען, האָט דער בחור גענאָסן פון דער הילף פון הערשעלע שלייכער. ביי אים האָבן מיר שוין געלערנט גמרא מיט תוספות און די ערשטע און לעצטע פוסקים.

געווען אויך אין שטעטל א העברעישע שול „תרבות״, ווו די שילערס זענען דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט. דערנאָך איז געשאפן געוואָרן די נאציאָנאל־רעליגיעזע שול „יבנה״. איך בין געווען איינער פון די גרינדערס פון דער דאָזיקער שול. אין דער תרבות־שול זענען אלע לימודים געפירט געוואָרן אין דער העברעישער שפראך, נאָר וואָס שייך יודאַיסטיק, האָבן א טייל שילערס נאָך געלערנט ביי מלמדים אין שטעטל. דאַקעגן אין דער יבנה־שול האָט דער לערן־

פראָגראַם ארומגענומען אַלע קעגנשטאַנדן. די יבנה־שול האָט זיך שיין אנטוויקלט — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די ביבליאָטעק

די ביבליאָטעק א. נ. „תרבות" האָט אַנטהאַלטן אַ באַדייטנדיקע צאָל ביכער אין העברעיש און אין יידיש. ארום דער ביבליאָטעק האָט זיך קאָנצענטרירט די ציוניסטישע טעטיקייט, ווי אויך די אקטיוויטעטן פאַרן קרן קיימת, קרן היסוד און אנדערע. די ביבליאָטעק איז געווען דער בשותפותדיקער אויפטו פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: החלוץ, בית"ר און אנדערע.

די לייטונג פון דער ביבליאָטעק האָט אויך געפירט אַן אַלזייטיקע קולטור־טעטיקייט: לעקציעס פאַר העברעיש, תנ"ך־קורסן, פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס, רעציטאַציע־אָוונטן און אַנדערע אונטערנעמונגען.

ציוניסטישע טעטיקייט

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אין יוזעפאָוו אנטשטאַנען לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, החלוץ, פועלי־ציון און דערנאָך — די רעוויזיאָניסטן. מיטן פּראָקלאַמירן אַן אַקציע פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן, זענען געקומען שליחים פון ארץ־ישראל, וואָס האָט ארויסגערופן גרויס אינטערעס און ענטוזיאַזם ביי די איינוווינער פון שטעטל. אויך די אָרטיקע טוערס זענען געוואָרן אַקטיווער. פון די שליחים וואָס האָבן באַזוכט אונדזער שטעטל, געדענק איך דעם הרב בערג ז"ל, הרב יצחק דינעס, הרב יעקב מלמד און אנדערע. זייערע רעדעס האָבן באַגייסטערט די צוהערערס און בכלל האָבן זייערע באַזוכן גורם געווען צו אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג ביי די שטעטלדיקע יידן. מיט דער צייט איז דאָס שטעטל באַצייכנט געוואָרן אַלס „די ציוניסטישע יוזעפאָוו". בכלל זענען ביי אונדז געווען טעטיק אַלע אָן אויסנאַם ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין יענער תקופה עקזיסטירט אין פוילן.

אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס

אויסער די ציוניסטישע גרופּירונגען, האָט אין שטעטל געווירקט דער „בונד", ווי אויך די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, הגם יעדער האָט געוווסט ווער עס געהערט צו איר. געווען אויך אַ האַנטווערקער־פּאַריין, אָרגאַניזירט פון אפרים וואַרמשטיין. דער פאַריין האָט ביי א וואַל־אַקציע צו דער קהילה אָפּגעהאלטן א גרויסן נצחון און ר' אפרים איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראש הקהל. אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, זענען אויך דורך די ציוניסטן געגרינדעט געוואָרן האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס.

מיט דער צייט האָט אויך אגודת ישראל געפּרוּווט אויפשטעלן אירס אַן אָרגאַניזאַציע, אָבער אָן דערפאָלג, הגם זי האָט געהאַט געניג אָנהענגערס. אין די אַלע פאַריינען, געזעלשאַפטן און פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, זענען געווען טעטיק טרייע, איבערגעגעבענע חברים וואָס האָבן געטאָן זייער אַרבעט פרייוויליק, מיט אַ סך מסירת־נפש.

מיטן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז אויך אין יוזעפאָוו פאַרגעקומען אַ גרויסע דערוואַכונג און ענדערונג ביים יונגן דור. די באַלפור־דעקלאַראַציע, די גרינדונג פונעם יידישן לעגיאָן און דער שטורעם און דראַנג־פּעריאָד אינעם אומאָפּהענגיקן פוילן, האָט אויך דערגרייכט אין אונדזער שטעטל. עס האָבן זיך געשאַפן יוגנט־גרופּעס וואָס האָבן דורכגעמאַכט אייגענע מיליטערישע איַבונגען, כדי זיך גרייטן צו אַ זעלבשוץ קעגן די פּוילישע און אוקראַינישע פּאָגראָמשטשיקעס אין דער סביבה.

טעג און יאָרן זענען פאַרלאָפן פון יענע צייטן, אַ סך טראַגישע געעשעענישן טיילן אונדז אָפּ פון יענער תקופה — אָבער תמיד באַגלייט דיך דאָס בילד פונעם שטעטל, די טייערע יידן, ווען ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן...

אונדזערע טרעגערס

ע. ל.

די סאָסנע־וועלדער אַרום יוזעפאָוו זענען געווען דער עיקרדיקער פּרנסה־קוואַל פאַר די איינוווינער פון שטעטל, באַגלייט אויך מיט אַ ריי צוגאָב־באַשעפטיקונגען אַרום דער וואַלד־אינדוסטריע. דאָס ערשטע אָרט אין דעם פאַל האָט פאַרנומען דאָס אויפלאָדענען די ביימער אויף די וואַגאָנען־פּלאַטפאָרמעס. צום כבוד פון אונדזערע יידישע איינוווינערס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע פיזיש־שווערע און פּשוטע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פון אחינו בני־ישראל מיט אַ סך כוח, פלינקייט און חכמה, איבערשטייגנדיק אַפילו די פּאָלאַקן אויף דעם געביט. דאָס וויכטיקסטע — די דאָזיקע יידן האָבן זיך מפרנס געווען בכבוד פון דער באַשעפטיקונג. ביי אַ טייל איז עס אַפילו געווען אַן ענין פאַר נאַציאָנאַלן שטאָלץ, באַזונדערס ביי יענע יוגנטלעכע פון החלוץ, וואָס האָבן דורך דער הכשרה (צוגרייטונג) געוואָלט זיך לערנען אַ פאַך און איבערפּראָדוקטיוויזירן, כדי אין ארץ־ישראל זיין נוצלעך ביים בויען דאָס לאַנד. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער רוב יוגנטלעכע האָבן געשטאַמט פון בעל־הביתישע היימען, ווו לערנען אַ פאַך איז געווען אַ בושה...

אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט ביי דער סטאַציע אַלס בראַקירער, איז מיר אויסגעקומען פון דער נאָענט צו אָבסערווירן דעם לעבנסשטייגער פון די יידן וואָס האָבן געאַרבעט ביים לאָדענען צום אַוועקשיקן. זיי האָבן ניט צו קיינעמען געטראָגן קיין שנאה — ניט צו זייערע מיטאַרבעטער יידן און גויים, אויך ניט צו די אונטערנעמערס און בראַקירערס. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן מיט הנאה, לויטן ווערטל „ס'האָט זיך געגליטשט, ס'האָט זיך געקייקלט" — ווייל אַ דאַנק זייער געשיקטקייט, האָבן די קלעצער שנעל און לייכט זיך אַריינגעקייקלט אין די וואַגאָנען.

דאָס איז געווען „שטיק־אַרבעט", לויט אַ טאָג־נאָרמע און פאַר פעיקע אַרבעטער זענען געווען גענוג 4־ג שעה אין טאָג, כדי אויספילן די נאָרמע. אַן אויפלאָדענער האָט פאַרדינט 5 מאָל אַזוי פיל (10 זלאָטעס אַ טאָג) ווי אַ טאַרטאַק־אַרבעטער (2 זל.). איך האַלט פאַר מיין חוב צו דערמאָנען אייניקע אַזעלכע אַרבעטער וואָס האָבן מיט זייערע געזונטע אַקסלען און מוסקולירטע הענט אַדורכגעפירט די דאָזיקע אַרבעט: מאיר פרינץ (איצט אין ישראל), זיין יונגערער ברודער משה ז"ל, זייער פאָטער ר' לייביש טשאַרנעס וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, יצחק גראָסהיים ז"ל, דער זון פון ר' ברוך דער קאַלך־ברענער. נאָך זיין טויט האָט דער עלטסטער זון יקותיאל, איינער פון די אַקטיוויסטע ציוניסטן אין שטעטל, איבערגענומען דעם קאַלך־אויוון. זייער ברודער יצחק איז אַוועק צו דער באַן־סטאַציע אַרבעטן ביים אויפלאָדענען ביימער און געווען פון די פלינקסטע יידישע אַרבעטער, זיך מפרנס געווען בכבוד און דערמיט „ניט פאַרשעמט דעם יחוס"... אויך אין חיפה,

ווו ער האָט געוווינט אין די לעצטע יאָרן, האָט ער געפירט אַ לעבן פון אַן אַר־בעטער; לייביש קעלנער, פון די יוגנטלעכע ציוניסטן אין שטעטל, דער זון פון ר׳ דודל דרדקי־מלמד, אַ גוטער דערציער. געווען אַ געבוירענער שוישפּילער. איך האָב אַמאָל געזען זיינע אַ פאָרשטעלונג „דער ייד און דער פּריץ״ וועלכער ער האָט צוזאַמען מיט אליעזר מערמלשטיין פאָרגעשטעלט ביים רב אין שמחת תורה. זיין טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער האָט ער בירושה איבערגעוויזן זיין זון לייביש און ער איז טאַקע געווען דער הויפּט־אַרטיסט פון אַלע פאָרשטעלונגען אין דער תרבות־שול, אין פאָלקס־הויז („דאָם לודאָווי״), צי אין דער פייערלעשער־רעמיזע.

אויך די משפּחה יאָסקע בוימפעלד — דער טאַטע און די זון ישראלקע און אש־האָבן פאַרלאָזט די בעקעריי און דעם אויבסט־האַנדל און אַוועק אַרבעטן צו דער באַן־סטאַציע. דער עלטערער זון ישראלקע איז גאָר געווען אַ וואַזשנע לאָדענער פון די ביימער. צווישן יאָ און ניין האָט ער אָנגעלאָדן אַ וואַגאָן מיט שפּאַלעס און תמיד אויסגעזען פריש און מונטער, אַפילו נאָכן אָנלאָדן אַ גרויסן וואַגאָן. אויך הערש פעלץ האָט אַרויסגעוויזן אומגעווייגלעכן כוח און געשיקטקייט ביי דער דאָזיקער שווערער אַרבעט. ער האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע.

איך דערמאָן די אַלע יונגעלייט צום גוטן. נישט איינמאָל האָבן זיי מיר אַרויס־געהאָלפן, ווען שמוקלערס צי אַנדערע קאָמבינאַטאָרן האָבן מיך געוואָלט אָפּנאַרן. אין דער קאַנטינע פלעגן מיר עסן צוזאַמען און ס׳איז געווען נאַטירלעך אַז איך, דער בראַקירער און זון פונעם עקספּאָרטער — זאָל זיך לאָזן קאָסטן און צאָלן. כ׳האָב אָבער קיינמאָל נישט געגעבן צו פילן די דאָזיקע מענטשן אַז זיי עסן אויף מיין חשבון.

חדרים און מלמדים אין שטעטל

ע. בן משה

יוזעפאָוו איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ סך מלמדים — סיי אָרטיקגעבוירענע, אין שטעטל גופא, סיי צוגעקומענע פון די אַרומיקע שטעטלעך צו לערנען דאָ אַ „זמן", צי עטלעכע „זמנים". איך וועל ארויסרעכענען אייניקע פון זיי:

דודל, דער דרדקי־מלמד.
לייבעלע דער דרדקי־מלמד.
דער טאָלסטאָיאַנער פון שעברעשין, אַ בעלזער חסיד.
דער קאָמאָראָווער.
דער „קפדן", אַ חומר מלמד.
איטשע מלמד.
הערשעלע, דער רש"י מלמד.
לייביש מאָטלס, דער גמרא מלמד.
משה אהרון.
נפתלי מלמד.
עזריאל שדכן, דער מלמד פון מיידלעך.
יוסף הערשעלע מיימאָן.
די דריי לעצטע — מלמדים אין חדר מתוקן.
מאָטי (מרדכי פערשטמאַן).

איך בין 3 יאָר אלט. די יום־טובים האָבן זיך געענדיקט, אויך שמחת־תורה איז אדורך. מ'האָט איינגעוויקלט די פאָן און זי אַוועקגעלייגט אויפן ספרים־שאַנק, אויף איבעראַיאָר. מען האָט מיך ניט אויפגעהויבן פיר מאָל, ווי עס פּירט זיך היינט, נאָר אַזוי ווי שמחת־תורה איז דער געבורטס־טאָג, אין וועלכן כ'בין אַלט געוואָרן 3 יאָר — האָט די געשעעניש זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון. מיין פאָטער ע"ה האָט זיך צו מיר געווענדעט:

— היינט וועסטו שוין גיין אין חדר, דו ביסט אַ יינגל, אַ גרויסער בחור... (יאָ, אַ גרויסער בחור, עפּעס אַ קלייניקייט — 3 יאָר!).

דער טאַטע האָט מיך איינגעוויקלט אין זיין גרויסן טלית, גענומען מיך אויף די הענט און אַוועק געטראָגן אין דודלס חדר (שפּעטער איז מיר באַוווסט געוואָרן, אַז יעדער קינד אין דעם עלטער מאַכט עס אַדורך און אַז איך בין ניט געווען קיין יחסן אויף דעם געביט). דער טאַטע איז צוריק אַוועק אַ היים און מיך געלאָזן אליין אין חדר. נאָר איך גדענק, אַז אַנשטאָט צעוויינען זיך און נאָך איידער איך האָב זיך אויסגעלערנט פון רבין וואָס ס'איז אַזוינס אַן „א", בין איך אַנטלאָפן פון חדר דורך דער הינטער־טיר וואָס האָט געפירט אין גאָרטן

און אַרויס אין הויף. דודל האָט אויף דעם ניט רעאַגירט. אין הויף האָט מיך דערוואַרט אַן אַנגענעמע איבעראַשונג: דאָ זענען געוואַקסן גרויסעביימער פול מיט באַרנעס, אויף וועלכע עטלעכע תלמידים האָבן געקלעטערט. מיר שיינט, אַז צום ערשטן מאָל וואָס כ׳האָב געזען אַ בוים, ווייל ניט ביי אונדזער הויז און ניט אויף אונדזער גאס וואָס איז געווען די וויכטיקסטע האַנדלס־גאַס, זענען געוואַקסן ביימער. ס׳איז געווען אָסיען־צייט און אַז די קינדער זענען געשפּרונגען פון די ביימער אויף דער ערד, איז זי געווען אויסגעבעט מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. דעם צווייטן זומער האָבן מיר שוין געגאָסן פון די זאַפטיקע פרוכטן פון די דאָזיקע ביימער.

דער גוטהאַרציקער דודל, וואָס האָט מיט זיינע קינדערישע אויגן ווי געגלעט די קינדערס קעפּלעך, האָט מיך ניט אומגעקערט אין חדר מיט כוח. מיט זיין זינגעוודיקן קול האָט ער זיך געווענדעט צו די קינדער:

„ארונטער,

איידער ס׳ווערט ווינטער!״

און אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. מיר האָבן טאַקע אויפגעהערט זיך שפּילן אויף די ביימער און אַריין אינעווייניק אין חדר, אַרומגעזעצט זיך אַרום דעם אויסגעריבענעם טיש. דודל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויבנאָן, מיטן לאַנגן עלאַסטישן טייטל אין האַנט און אָנגעהויבן לערנען אל״ף־בית.

זיין ווייב חיה, וועלכע מיר האָבן גערופן חיה דודלס, האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען מיט אַ סך ליבשאַפט, ווי מיט אייגענע קינדער. זי האָט געהאָלפן דודלען וואָס האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל, אַז ער שלאָגט ניט קיין קינדער.

מיר איז טיף איינגעקריצט אין זכרון דאָס זינגעוודיקע קול פון זיין עלטסטן זון משה, וואָס האָט זיך געהערט הינטער דער וואַנט פונעם דערבייאיקן צימער, ווען ער איז געזעסן איבער אַ בלאַט גמרא.

(פון דער פריסטער קינדהייט זענען מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן סענטימענ־טאַלע ניגונים, דורכגענומען מיט טרויער און בענקשאַפט — און אַזאַ איז געווען משה׳ס קול).

בן־ציון דיקשטיין איז געווען בעלפער אין דודלס חדר. אין אַ קאַסטן, צעטיילט אויף אויבערשטע און אונטערשטע פּאָליצעס, וועלכע זענען ספּעציעל איינגע־אָרדנט געוואָרן פאַר דעם צוועק, פלעגט ער ברענגען פאַר יעדער קינד פון חדר זיין „וואַרמעס״. יעדן אין דער פרי איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, צונויפ־געזאַמלט די קינדער און זיי געברענגט אין חדר. איך געדענק אים אַלס האַרציקן בחור, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. (מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער באַזוכט ישראל, ער לעבט אין די פאַר. שטאַטן).

לייבאַלעס חדר

וועגן דעם חדר האָב איך ניט קיין מעגלעכקייט צופיל צו שרייבן, ווייל כ'האָב דאָרט ניט געלערנט. דודל און לייבאַלע זענען געווען דרדקי־מלמדים — און דאָס שטעטל איז געווען איינגעטיילט אויף צוויי ראַיאָנען: דודלס ראַיאָן און לייבאלעס ראַיאָן. מיין ראַיאָן האָט באַלאַנגט צום תחום פון דודלס חדר.

אַ סברה, אַז אין דודלס חדר האָב איך געלערנט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין יאָר 1914. איך געדענק, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אין חדר מיין טאַטע ע"ה און מיך גענומען אַ היים. אַז מיר זענען אַרויס פונעם חדר־געסל אויף דער הויפּט־גאַס, האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן, מיר האָבן ניט געקענט גיין ווייטער. אַ מיליטערישע קאָלאָנע פון רוסישן מיליטער, אַ גאנצער „אָבוז" איז געפאָרן אָן אויפהער, פון צפון אויף דרום, צו דער עסטרייכישער גרענעץ. דער גערויש פון די רעדער און פלאַטפאָרמעס האָט זיך געטראָגן לענגויס דעם שאָסיי און אַרויסגערופן ביי אַלעמען שרעק. מיר האָבן געוווּסט אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה און פון דעם טאָג אָן און ווייטער בין איך פריי געווען פון צו גיין אין חדר. מען האָט ניט געוווּסט וואָס דער טאָג וועט ברענגען און דער טאטע האָט געוואָלט, אַז די גאנצע משפחה זאָל זיין צוזאַמען און גרייט אויף יעדער צרה וואָס וועט קומען.

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך צוריק געצויגן, האָט מען באַפוילן צו עוואַקוירן די איינוווינערס פון שטעטל. אַלע זענען אַוועק קיין זאַמאָשטש. דאָרט האָבן מיר „געמאַכט אַ לעבן", באַזונדערס דאָס קליינוואַרג אין מיין עלטער. פריי פון לערנען און פון דער שרעק פאַרן רבין, ווי אויך פון דעם טאַטן, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרנומען, האָבן מיר געוואָלט אויפנעמען די שטאַרקע איינדרוקן פון דער גרויסער שטאָט, ווייל אַנטקעגן יוזעפאָוו איז זאַמאָשטש טאַקע געווען אַ גרויסע שטאָט.

אָנהויב זומער 1915 האָבן מיר פון זאַמאָשטש זיך אומגעקערט אַ היים און געפונען, אַז אַ העלפט הייזער אין שטעטל זענען אַוועק מיטן פייער און צווישן זיי, אויב כ'מאַך ניט קיין טעות, אויך דודלס הויז.

דער טאָלסטויאַנער

אין איינעם פון יענע טעג האָט אין שטעטל זיך באַוויזן עפּעס אַן אויסטער־לישער ייד פונעם דערבייאיקן שעברעשין און צוליב זיין אויסזען און קליידונג האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן טאָלסטאָיאנער. מ'האָט אים צוגענומען אַלס מלמד פון חומש און רש"י פאַר קינדער אין מיין עלטער. דאָס חדר זיינס האָט זיך געפונען ביי מרדכילע ברוך יעקבס דער שינדלמאַכער, וועמענס הויז איז געשטאַנען אויף די זאַמדן אויפן וועג קיין פאַרדיסאָווקע. דער טאָלסטאָיאַנער האָט, פאַרשטייט זיך, „געגעסן טעג" ביי די עלטערן פון די קינדער. הגם ער איז געווען אַ בעלזער

חסיד, האָט ער זיך געפירט ווי אַ מאָנאַך. געגעסן ווינציק און בכלל ניט פאַרזוכט קיין פלייש. נאָר לכבוד שבת האָט ער זיך פאַרגינען צו עסן פלייש־מאכלים און פיש, כדי ניט מבטל צו מאַכן דאָס זינגען זמירות.

דער קאָמאַראָווער

נאָך אים איז געקומען דער קאָמאַראָווער און אויף זומער איז דאָס חדר איבערגעפירט געוואָרן אין דער ווייבער־שיל, דאַקעגן אויף האַרבסט און ווינטער — אין קוזמירער שטיבל.

בעת דער שעברעשינער מלמד איז געווען אַ שטילער מאַן, וועמענס פּנים האָט קיינמאָל ניט אויסגעדריקט זאָרג — איז דער געווען איינגעדאַרט, פאַרצוקט און איז אָפטמאָל אומגעפאַלן פון שוואַכקייט. די תלמידים האָבן אים געמאַכט אָפּגעהאַקטע יאָרן. נאָר פון דער צווייטער זייט האָט ער שטאַרק הנאה געהאַט פון אַ שיסל הייסע געקעכטס. פאַר אַלע זיינע בעלי־בתים פלעגט ער שטאָלצירן מיטן בעסטן וואַרמעס וועלכן ר'האָט באַקומען דווקא ביי „קראמערען" (בערטשע איז געווען איינער פון זיינע תלמידים).

פון קאָמאַראָווערס חדר האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון איניקע פּאַסי־רונגען: אין דער ווייבער־שול זענען געווען קליינע פענצטערלעך נאָענט צום סופיט, דאָך איז געווען אַ טונקלקייט, אַפילו אין ליכטיקע זומער־טעג. צוליב דער שוואַכער ליכט, זענען די קינדער שנעל מיד געוואָרן פון לערנען און געוואָלט וואָס פריער זיך באַפרייען אַ היים. דער רבי האָט אָבער דערקלערט, אַז פאַר צוועלף וועט קיין שום קינד ניט פאַרלאָזן דאָס חדר. וואָס האָט ער געטאָן? דערפילנדיק וואָס עס קומט פאָר ביי די קינדער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, אָנגע־שפאַרט זיך אויף איר מיטן רוקן און מיטן פּנים — צו דער ווייבער־שיל. די קינדער זענען צוגעלאָפן צו דער טיר, פרובירט אַפילו זי אַ שטופּ געבן, צוזאַמען מיטן מלמד. אין אַזאַ קריטישן מאָמענט איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה און גענומען דערציילן מעשיות פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער, שמחה פלאַכטע און זייערס גלייכן. די פריילעכע געשיכטעס האָבן פאַרווײלט די קינדער און פאַרטריבן זייער מידקייט.

דאָך איז ער געווען אַ פאַרביטערטער און גרויסער אָרעמאַן. אין קאָמאַראָוו האָט ער איבערגעלאָזט אַ קראַנקע ווייב מיט אַ טוץ קינדערלעך. איינמאָל אין חודש, צי אין צוויי חדשים, אַז אין אַ מאַרק־טאָג האָט זיך באַוויזן אין שטעטל דער טאַנדייטשיק, פלעגט ער מיט אים שיקן אַ היים עטלעכע באַנקנאָטן, איינגעוויקלט אין אַ טיכל. דאָס איז געווען שכר־לימוד וועלכן ער האָט באַקומען פון די בעלי־בתים אויפן חשבון פון „זמן". אין די ווינטער־נעכט, ווען מיר האָבן געלערנט אין שטיבל צוליב די קורצע טעג, זענען די תלמידים שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן דעם מלמד, אַז ניט איינמאָל האָט ער דערפון אַוועקגעחלשט. אַ סברה, אַז ער איז געווען אַ האַרץ־קראַנ־קער, אָדער געהאַט אַ געבוירענעם פעלער.

משה־לייב

די אַלע מלמדים האָבן שוין ניט געטויגט פאַר מיר און כ׳בין אַוועק לערנען צו אַ גרעסערן פון זיי — משה לייב. אַ בייזער, צאַרנדיקער ייד וואָס האָט תמיד אַליין זיך געגעסן. ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין כעס — פלעגט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. אויך דער קאָמאַראָווער, אַז ער איז געוואָרן פאַרביטערט, פלעגט ער איינבייסן די ציין אינעם חומש, וועלכן ער האָט געהאַלטן. דאַקעגן משה־לייב האָט זיך ניט באַגנוגנט מיטן ספר אין האַנט, נאָר פאַרבייסן מיט די ציין אין יעדער קעגנשטאַנד וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין האַנט: צי דאָס הענטל פון קאַנטשיק, אָדער דער בלאַט פון טיש, (צי — דאָס קושן כון זיין צוקאַפּנס). ער האָט אַ סך געהוסט, האָט מען אים אונטערגעלייגט אַ קישעלע הינטער דער פּלייצע, עס זאָל אים זיין וואַרעם...

אַז עס זענען געקומען די טיפע ווינטער־נעכט, צו דער פרשה „ויחי יעקב״, איז דאָס שמאָלע חדר געווען באַלויכטן מיט אַ העליש־היימלעך ליכט. דער רבי האָט מיט אַ טרויעריקן און פאַרבענקטן ניגון געצויגן: „ואני... אני יעקב... יעקב... בבואי, בבואי מפדן...״ די תלמידים זענען געוואָרן באַגייסטערט פון זיין געזאַנג און מיר האָבן געזען ווי פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן אויף די באַקן צוליבן טויט פון דער באַליבטער רחל וואָס ליגט ביי יעקבס פיס... און מיר האָבן אים מוחל געווען זיין כעס און צאָרן און בייזקייט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

אָבער משה לייב מלמד האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם, ער האָט פאַרלאַנגט פון יעדן איינעם פון אונדז, אַז אויך מיר זאָלן אונטערזינגען ווי ער...

נפתלי מלמד

איך האָב אויך געלערנט ביי נפתלי מלמד, נאָר ווייזט אויס, אַז אַ קורצע צייט, ווייל עס זענען מיר ניט פאַרבליבן דערינערונגען פון יענע טעג. און אפשר זענען זיי אַרויסגעפלויגן פון געדאַנק?

איטשע מלמד

איטשע מלמד איז געווען דער עלטערער ברודער פון הערשעלען, פון די בעסערע מלמדים אין שטעטל. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיטן זון אין וואַלד. ווען כ׳האָב באַדאַרפט אָנהייבן לערנען ביי אים אין חדר, בין איך שוין געהאַט אַרויס פון די לימודי קודש און געווען פאַרטאָן אין דאגות פרנסה. אין דער פרייער צייט האָב איך געלערנט וועלטלעכע לימודים, אויסער דעם בין איך געווען אַריינגעטאָן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאַציאָנאַלע פאָנדן אדג״ל.

נאָך איין חדר איז געווען אין שטעטל אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן. אַ מאָדערנער חדר, אַ חדר מתוקן וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יסודי התורה״, ווו עס האָבן געלערנט מיט די קינדער איטשע (מלמד) שלייכער, יוסף הערשעלע מיימאָן און מאָטי (מרדכי) פערשטמאַן ז״ל.

ה ש ו א ה

דער אומקום

אויף די בלוטיקע וועגן פון די יוזעפאָווער יידן, אין די יאָרן פון אומקום

עזריאל אמר־לעמער

די נאַצישע פאַרניכטונג־מאַשין האָט געאַרבעט לויט די בעסטע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און פאָרגעשריטענע פּסיכאָ־אַנאַליזע. די „ענטגילטיקע לייזונג" פונעם יידן־פּראָבלעם — אומברענגען מיליאָנען יידן — וועט ניט קענען רעאַליזירט ווערן, אויב מ'וועט ניט אָנווענדן דעם „מאַסן־פּסיכאָז". די אַרכיטעקטן פון די קרע־מאַטאָריעס אין בעלזשעץ, בערגען־בעלזען, דאַכאַו אאנ"ד האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט נעמען מענטשן, געזונטע פיזיש און גייסטיש, אַפילו ווען זיי זענען יידן, און זיי אַוועקפירן גלייך פון שטוב אין די גאַז־קאַמערן. פריער דאַרף מען זיי אויסוואָרצלען פון זייערע היימען ווו זיי זענען אויסגעוואָקסן, אונטערדריקן, איינ־ברעכן זייער מאָראַל.

וועגן דעם סיסטעם זאָגט עדות דער פאַקט, אַז דעם 10טן מערץ 1941 האָט מען געברענגט קיין יוזעפאָוו 500 יידן פון קוזמיר און מיט אַ טאָג שפּעטער — 592 יידן פון קאָנין, דערוויטערט פון יוזעפאָוו הונדערטער קילאָמעטע־ (ציטירט פונעם „ביו־לעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע"). דאַקעגן די יידן פון יוזעפאָוו זענען איבערגעפירט געוואָרן אין געטאָ פון לובלין און אָדזשאָרני (לויט די עדות פון ישראל שלייכער און סימא האָניגספעלד־ספּאָדעק). דער דאָזיקער סיסטעם פון אַוועקנעמען ביי די קרבנות דעם ווילן זיך קעגנצושטעלן, איז אָנגעווענדעט געוואָ־ן פאַר יעטוועדער אויסזידלונג־אַקציע. לויט דער עדות־דערקלערונג פון דערמאָנטן י. שלייכער, האָט מען באַפוילן די יידן אין יוזעפאָוו זיי זאָלן אָפּרייניקן די בוידע־מער, פאַרבן די דרויסנדיקע ווענט פון די הייזער, כדי זיי באַשעפטיקן, ניט געבן די מעגלעכקייט צו טראַכטן, באַראָטן זיך, צוגרייטן — נאָר תמיד זיי איבערראַשן, ווען זיי זענען באַשעפטיקט.

באַזאַמען מיט דער טעטיקייט, האָבן די נאַציס באַנוצט זיך מיט אַנדערע שווינד־לערייען, כדי שאַפן ביי די יידן אילוזיעס פון אויטאָנאָמיע, אַליין־הערשאַפט — און געגרינדעט די יודענראַטן. אויסער דער אילוזיע, וועלכע זיי האָבן דערמיט געשאַפן ביי די יידן, האָבן די דייטשן דערגרייכט אייניקע צילן פאַר זיך גופא: דער יודענ־ראַט האָט זיי צוגעגרייט ליסטעס פון די יידישע איינוווינערס און אויך — טראַנס־פּאָרטן. ביי די יודענראַטן האָט אויך עקזיסטירט אַ יידישע פּאָליציי, וואָס האַט

געטאָן די מלאכה פון דייטשן און אַזוי אַרום אַ טייל פון זיי געקענט באַפרייען פאַר דער מיליטערישער מאַשין פון דריטן רייך. צום באַדויערן, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן געטאָן זייער אַרבעט ניט ערגער פון דעם דייטש צי פּאָלאַק. דערציילט רחל לוכטפעלד־פראָזער, אַז דאָס האָט אַ יידישער פּאָליציאַנט אַנטדעקט דאָס באַהעלטעניש פון אירע עלטערן און די דייטשן האָבן זיי דערהרגעט.

דער סיסטעם פון טראַנספּאָרטירן יידן פון אָרט צו אָרט איז ניט געווען קיין איינמאָליקע אַקציע. סימא האָניגספעלד־ספּאָדיק דערציילט, אַז פון אָדזשאַרני האָט מען זיי געטריבן צופוס קיין זשאַוואָראָוו. דער קדוש און היסטאָריקער פון געטאָ, ד״ר עמנואל רינגעלבלום דערציילט אין זיינע „באָטיצן פון געטאָ״, אַז אין יוזעפאָווער לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה פון דיזענטעריע צוליב די האַרבע סאַניטאַרע באַדינגונגען, שלעכטער דערנערונג און דעם פעלן פון מעדיצינישער הילף און מעדיקאַמענטן. ט. ברוסטין־בערנשטיין שרייבט אין דערמאָנטן „ביולעטין״, אַז דעם 13טן יולי 1942 האָבן די דייטשן דערשאָסן הינטער דער שטאָט 1,500 יידן. פון די אַנדערע דערציילונגען ווייזט זיך אַרויס, אַז די דייטשן האָבן מורא געהאַט אַז די מגיפה פון לאַגער וועט זיך איבערטראָגן אין שטעטל גופא. אויסער דעם זענען די יידן אין יוזעפאָוו געווען קראַנק, דערשעפּט — האָבן די רוצחים באַשלאָסן זיי אומצוברענגען אויפן אָרט. יוסף קאַמינסקי, אַ יידישער סאָלדאַט אין דער דריטער דיוויזיע פון דער פּוילישער אַרמיי וואָס איז געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט צוזאַמען מיט זיין אייני׳הייט באַזוכט יוזעפאָוו און אין וואַלד הינטערן שטעטל, ווייזט אויס אַז לעבן די וואָפּניאַקעס, האָט ער געפונען אַ מאַסן־קבר פון דערשאָסענע יידן.

פאַראַן אויך אַנדערע דערציילונגען וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יידן אין יוזעפאָוו:

דאָס קינד ישראל שלייכער אַנטלויפט מיט זיין פאָטער און נאָך יידן פון לובלינער געטאָ וואָס דאַרף ליקווידירט ווערן און די איינוווינערס שיקן אין די טויט־לאַגערן — און זיי לאָזן זיך צופוס קיין יוזעפאָוו. אויפן וועג, ניט ווייט פון שטעטל זשילקעווקע, שטויסן זיי זיך אָן אויף דייטשן וועלכע שיסן אין די מענער. אורי שלייכער באַווייזט פאַרן טויט צו זאָגן ישראלן: „זע צו בלייבן לעבן״. דאָס איז דער לעצטער פאַרלאַנג פון אַ פאָטער וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה און ער וויל אַז כאָטש איינער זאָל איבערבלייבן. דאָס דאָזיקע יינגל, פאַר וועמענס אויגן מ׳האָט אומגעבּרענגט דעם טאַטן, בלייבט איצט אַ קיילעכיקער יתום, ווייל פריער נאָך איז אומגעקומען זיין מאַמע. אַן עלנט יידיש קינד, בלייבט איצט אַליין און ווײנט אויפן ביטערן גורל. אַפילו אַ באַהאַלטענער ייד אויפן דאָרף וועט אים ניט וועלן צונעמען, אויסבאַהאַלטן, ווייל ער ריזיקירט מיטן אייגינעם לעבן... אַ ניט קלענערע טראַגעדיע לעבט איבער אַ יידיש מיידל, אויך אַ קיילעכיקע יתומה, וואָס וואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, פאַרפאָלגט פון דייטשן מיליטער, פּוילישע באַנדעס און

רוסישע פּאַרטיזאַנער, ווי ס'איז צו זען פון דער דערציילונג פון רחל לוכטפעלד־פּראָזער. ווען דער סכראָן ווערט אַנטדעקט דורך די דייטשן, אַנטלויפן פון דאָרט די אויסבאַהאַלטענע יידן אין וואַלד און מיט איר — שיינדל (ווייזט אויס, די עלטסטע טאָכטער פון יעקב אונטערבוך), וואָס שפּאַנט אַ באָרוועסע אויפן שניי און אַלעמאָל זעצן זיי זיך צו כדי צו כאַפּן דעם אָטעם און זיך איינרייבן מיט שניי מען זאָל ניט פאַרשטאַרט ווערן פון קעלט. דאָ דערוווסט זי זיך, אַז איר שוועסטער גאָלדע איז פאַרשוווּנדן, אָדער אַנטלאָפן אין אַן אַנדערער ריכטונג. אָבער דאָס האַרץ זאָגט אונטער, אַז די שוועסטער האָט געהאַט אַ ביטערן סוף. שיינדל שווייגט, ווייל זיי אַליין איז דאָך גאָר שלעכט — טאָ ווי זאָל מען זאָרגן פאַר אַנדערע? מען בלאָנדזשעט אין וואַלד אין פראָסט, שניי, ניט וויסנדיק צוריק דעם וועג צום סכראָן. פון זייערע הערצער רייסט זיך אַרויס אַ יאָמערלעכער געוויין פון פאַריתומטע מיידלעך וואָס וואַנדערן אינעם וויסטן וואַלד, וועלכער גיט בלויז אָפּ דעם ווידערקול פון זייער געוויין. מ'וויל צוריק אָנקומען אין דער באַהעלטעניש, צום סכראָן וואָס אין יענע צייטן איז עס געווען דער גן־עדן אויף דער ערד פאַר יידישע קינדער, אונטער דער נאַצישער הערשאַפט. אַז אָך־און־ווי וואָס פאַר גן עדן דאָס איז שוין געווען.

אין סכראָן איז קאַלט, זייער קאַלט און זי מיט דער שוועסטער דערנעענטערן זיך, טוליען זיך צו אַן אַנדער מיידל פון דאָרף, כדי דערוואַרעמען די קערפּערס. נאָר דער אויסגעדאַרטער גוף פונעם אויסגעהונגערטן קינד באַשענקט זיי גאָר מיט אַן אַנדערע „מתנה" — לייז. צו דעם קומט שפּעטער צו נאָך א מכה — סוועזשבע. נאָר די צוויי פּלאָגן האָבן אויך אַ מעלה: די פּאַרטיזאַנער האָבן מורא צו דערנענטערן זיך צו די מיידלעך, קוים וועט מען זיך אָנשטעקן... נאָר דאָס מיידל איז ניט אינגאַנצן זיכער צי די פּאַרטיזאַנער וועלן זי צורו לאָזן — און זי בעט דעם אַלטן שמואל מיידאַנער ער זאָל זיך אָנגעבן אַלס איר פאָטער, אפשר וועט די אויטאָריטעט פון אַן אַלטן ייד אָפּהאַלטן די פּאַרטיזאַנער פונעם טשעפּען זיך צום מיידל.

נאָר די רוסישע פּאַרטיזאַנער פירן אויך „חשבונות" מיט זייערע יידישע קאַמפּס־חברים, יוזעפאָווער יידן און דערשיסן דריי — גאָט די נשמה שולדיקע קעמפערס, פאָרוואַרפנדיק זיי פּאַראַט, ווי עס ווערט דערציילט אין די זכרונות פון ישראל שלייכער. און ווער וועט אין יענער צייט כאַפּן זיך אויף דעם אַבסורד פון באַשולדיקן דריי יידן אין צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן? נאָר ס'איז דאָך די צייט פון „כל דאלים גבר". און אַזוי האָבן די רוסישע פּאַרטיזאַנער אומגעבראַכט אַברהם פיינגאָלד, אַביגדור שור און שיקע שלייכער. ווען דער קאָמענדאַנט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, ברוך שלייכער, אויך אַ יוזעפאָווער ייד, לאָזט זיך אַוועק אינעם לאַגער פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער, כדי אָפּצושרייען די גזירה — באַצאָלט אויך ער מיטן לעבן.

אָבער די זעלבע פּאַרטיזאַנער האָבן אויך געוווסט צו ברענגען ברויט די אויס־

באַהאַלטענע אין וואַלד יידן, אַפילו אין פסח. „מיר האָבן געגעסן דאָס ברויט. נאָך אַ לאַנגע צייט וואָס מיר האָבן ניט פאַרזוכט קיין ברויט, איז מיט יעדער ביס איז די סלינע ממש געראָנען איבערן מויל" — דערציילט רחל לוכטפעלד. דאַקעגן איר שוועסטער גאָלדע האָט ניט פאַרזוכט פונעם ברויט, ניט ווילנדיק עסן חמץ אין פסח.

אויפן שוועל פון דער באַפרייונג, ווען אַלע וואַרטן דעם מאָרגנדיקן טאָג, אַ בעסערן, וואָס וועט ברענגען אַ פרייע וועלט און יעדן ניצול געוואָרענעם ייד אויפ־נעמען מיט אָפענע אָרעמס, באַווייזט זיך אַ יידישער קאָמאַנדיר פון די רוסישע פאַר־טיזאַנער און ער נעמט צו ביי דער דערמאָנטער רחל לוכטפעלד אַלע אילוזיעס, מיטן זאָג: „איר זאָלט ניט מיינען, אַז עמעץ וואַרט אויף אייך, אַז עמעץ וויל אייך"...

דער יידישער אָפיציר אין אַ פרעמדער אַרמיי האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן איין פונקט אין דער דאָזיקער אַכזריותדיקער וועלט וואָס וואַרט אויף דער שארית הפליטה, די אַנטרונענע פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע — ארץ־ישראל!

אין דער תקופה פון חורבן (1945—1939)

(פון דאָקומענטן)

די יידישע באַפעלקערונג אין יוזעפאָוו פאַרן קריג — קרוב 1700 נפשות. אין יאָר 1940 — 1050. אין יאָר 1941 — 2147 (צוגעקומען 1092: פון קוזמיר — 500 אויסגעזידלטע יידן, פון קאָנינער קרייז (וואַרטעגעאו) — 592 אויסגעזידלטע יידן). דעם 13טן יולי 1942 זענען הינטערן שטאָט דערשאָסן געוואָרן 1500 יידן. דעם 21סטן סעפטעמבער 1942 — דערשאָסן איבער 70 יידן. די פאַרבליבענע אַוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ דעם 2טן נאָוועמבער 1942.

(בלעטער פאַר געשיכטע, וואַרשע, יאַנואַר־יוני 1950. יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט; רינגענבלום־אַרכיוו; „נייע פרייע פרעסע", פאַריז 1946).

*

נאָך דער אויסזידלונג־אַקציע פון מזרח־פּרייסן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1טן פעברואַר 1941, האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנקומען אין גענעראַל־גוווער־נעמענט באַנען מיט פּאָלאַקן און יידן, הויפּטזעכלעך פון וואַרטעגאו. אין שייכות מיטן אויפשטעלן איבונג־פעלדער פאַר דער ווערמאַכט אין קאָנינער פּאָוויאַט, האָט מען פון דאָרט אַרויסגעפירט 2140 יידן אין לובלינער דיסטריקט און זיי אַריינגעפירט אין איזביצע און יוזעפאָוו־בילגאָרייסקי.

אין יענער תקופה, דעם 13טן יולי 1943, האָט מען אין לובלינער דיסטריקט אַדורכגעפירט צוויי אַקציעס: אַ מאַסן־עקזעקוציע איבער בערך 1500 יידן אין יוזעפאָוו־בילגאָרייסקי.

די צאָל יידישע יישובים האָט זיך געוואַלטיק פאַרקלענערט. אין נאָוועמבער 1942 זענען אין די אַמיינסטן אַרויסגערוקטע אויף דרום פּאָוויאַטן, ד. ה. אין הרוביעשאָווער, זאַמאָשטשער און בילגאָרייער, ליקווידירט געוואָרן אַלע יידישע יישובים.

אין די בילגאָרייער וועלדער האָבן די פּאַרטיזאַנער געפירט פאַרביסענע קאַמפן מיטן שונא. אין דער העלפט פאַברואַר 1944, אין דרום־מזרחדיקן טייל פונעם בילגאָרייער וואַלד, האָבן אַן ערך 2000 פּאַרטיזאַנער געפירט שלאַכטן מיט די היטלעריסטן.

(ט. בערנשטיין: מאַרטיראָלאָגיע, ווידערשטאַנד און אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג. ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט, וואַרשע. יאַנואַר־מערץ 1957, נר. 21).

*

...פון די אַרבעט־לאַגערן קאָן מען זיך אָפיציעל אויסקויפן פאַר 10־25 זלאָטעס אויף באַקליידונג פאַר אַן אָרעמאַן. פאַקטיש גייען בלויז אָרעמע. מען זאָגט, אַז ביי אַ מאַכער קאָסט עס ביליקער. די גרוסן — טרויעריקע פון די לאַגערן. אַמערגסטן איז אין בעלזשעץ. פיזיאָלאָגישע באַדע־פּענישן ווערן רעגולירט מיט אַ זייגער. יעדער שעה קענען 12 מענטשן אַרויסגיין. געווען פאַלן פון שיסן שוואַכע. געשען מיט אַן אַלטן, איבער 60־יאָריקן זקן. פון 600 אין יוזעפאָוו זענען 400 קראַנק געוואָרן אויף טשערוואָנקע, האָט מען זיי קראַנקערהייט אַוועקגעשיקט. יונגע בחורים פון 13־14 יאָר ווערן צוריק געשיקט אָן פאַפּירן, אָן אַ בילעט אויפן וועג. זיי גייען צופוס ביז דער נאָענטער קהילה. עס זענען נישטאָ קיין געהעריקע צאָל בעקערייען. עס פעלט קיך־געשיר, קעסלען. עס קומט אויס צו עסן זייער שפּעט, ווייל די ריי איז אַ לאַנגע...

געלייענט אַ בריוו פון אַ לאַגער אין לובלין, ווי ער שרייבט, אַז „איידער צו גיין אין לאַגער, טאָ וואַרף זיך בעסער אין דער ווייסל". פון 800 אַרבעטער זענען 20 געשטאָרבן. זיי אַרבעטן אין יוזעפאָוו לובעלסקי אין די שטיינער־גרובן. די ווונדן היילן זיך ניט, ווייל זיי זענען שלעכט דערנערט. עס זענען נישטאָ דאָרט קיין באַנדאַזשן און מעדיצינען. געקאַטעוועט שטענדיק. ווייניק עס־מכשירים. געהאַט היינט אַ שמועס מיט דרייהאָרנען (די כוונה — צי איינהאָרן, באַקאַנטער וואַר־שעווער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פון „היינט"). ער האַלט, אַז מען דאַרף זיך גייסטיק צוגרייטן צום נצחון פון די אשכנזים, און אַז מען וויל פון אונדז מאַכן אַ פאָלק פון שואבי מים און חוטבי עצים. מען דאַרף צוגרייטן דערצו דעם עולם און אָנהייבן שמועסן ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָס יידישע לעבן לויט דער דאָזיקער הנחה...

(עמנואל רינגעלבלום: **כתבים פון געטאָ**)

קדיש נאָכן שטעטל

אליעזר בן־שלום

דאָס יאָרצייט־ליכט, אין וועמענס פלאַם עס קלאַמערן זיך די נשמות פון די קדושים וואָס ס׳איז זיי ניט געגעבן געוואָרן צו פאַרענדיקן זייער לעבן אויף אַ נאָרמאַלן אופן און זיי זענען אומגעקומען אין בלוטיקן שטורעם — ווערט יעדעס יאָר אָנגעצינדן אין די היימען פון די יוזעפאָווער יידן, אַ ווו זיי געפינען זיך.

די יידישע יוזעפאָוו איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, איינע פון די פוילישע שטעטלעך ווו יידיש לעבן און יידישער שטייגער האָבן פאַר־פולט אַלע ווינקעלעך. אויך דער מאַרק־פלאַץ אין שטעטל האָט געאָטעמט מיט עכטער יידישקייט.

דער ניגון פון תורה האָט זיך געטראָגן פון די פאַרשידענע שטיבלעך און בית־המדרש און דאָס הדרתדיקע פנים פונעם רב דעם גאון האָט פון זיך אויסגע־שטראַלט וויסן און חריפות, בעת די בעלי־בתים פון שטעטל האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט יראת שמים און אהבת ישראל.

די יוגנט האָט געלעכצט נאָך וויסן, געשלונגען ביכער, געגרייט זיך מיט יוגנטלעכער פרייד צום לעבן, געלאָפן אין די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס און געזוכט אידעאַלן און אינהאַלט אין לעבן. די תפילות וועלכע האָבן זיך געלאָזט הערן פון דער שיל און בית־המדרש, האָבן געשוועבט אין דער לופט און געגעבן די יידן בטחון, געשטאַרקט זייער אמונה, באַזונדערס ווען די שבת־מלכה האָט נאָך די וואָכנס־טעג זיך באַוויזן אין איר גאַנצער פראַכט און יידן האָבן זיך געלאָזן איר מקבל־פנים זיין אין שיל און אין בית־המדרש.

די באַשיידענע יידישע טעכטער, מיט פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און שבתדיקע קליידער, שפּאַצירן זיך נחתדיק איבערן שטעטל מיט די צוגעמאַכטע געשעפטן. די קליינע קינדער, אין זייערע אויסגעפּוצטע בגדים, גיבן צו דעם שטעטל אַ סך פרייד.

נאָר חרוב איז געוואָרן אונדזער קהילה, אירע יידן זענען אומגעברענגט גע־וואָרן פון אכזריותדיקע דייטשע רוצחים און זייערע מיטהעלפערס. אונדזערע יידן האָט מען קובר געווען אין מאַסן־גריבער.

שטילערהייט שעפּטשען מיר אַ תפילה צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים — יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

23 חדשים אין וואַלד

שיינדל אונטערבוך־קאָזלאָוויטש

...אין יאָר 1941 האָבן מיר אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער שטיינהאַקעריי אין דאָרף נאָוויני, ווו עס זענען שוין געווען באַשעפטיקט ביי שקלאַפן־אַרבעט אַ 500 יידן, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון קאָנין און מ׳האָט זיי איבערגעזידלט אין אונדזער שטעטל, ווי אויך פון די אַרומיקע ישובים. אַנדערע האָבן געאַרבעט אין די טאַרטאַקן אין גורעצקי און אין דלוגיקאָנט. אַ גרעסערע גרופּע יידן איז געווען באַשעפטיקטביים אָפּרוימען די חורבות פון די צעשטערטע הייזער, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך דער גרויסער שריפה אין יוזעפאָוו, נאָכן באָמבאַרדירן דאָס שטעטל דורך די דייטשן. מיט די ציגל און שטיינער פון די חורבות האָט מען געפלאַסטערט שאָסייען אין שטעטל און אין דער סביבה.

די באַדינגונגען אין דער שטיינהאַקעריי, ווי אין אַלע נאַצישע אַרבעט־לאַגערן, זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע. אין זומער 1942 האָט מען פון דאָרט צוגענומען אַ באַדייטנדיקן טייל אַרבעטער, דער עיקר — די מיידלעך און פרויען און זיי געשיקט אין וואַלד קלויבן יאַגעדעס, באָרוווקעס און שוואָמען — לויט די סעזאָנען.

אין וואַלד פלעגן מיר גיין אונטער דער אָנפירונג פון פּאָלאַק זשמודאַ. ער איז געווען דער הויפּט־צושטעלער פון די אַרטיקלען, פון וועלכע מ׳האָט אויס־געאַרבעט קאָנפיטורן פאַר דער דייטשער אַרמיי. אַ געוויסן טאָג, זייענדיק באַשעפּ־טיקט ביים קלויבן שוואָמען, איז אונדז באַפאַלן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון די אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע און פאַרגוואַלטיקט די מיידלעך, צווישן זיי — יוזעפאָווער טעכטער.

אונדזער לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. עס ווערן כסדר אדורכגעפירט מאַסן־הריגות. אין דער ערשטער אַקציע זענען דורך די דייטשע רוצחים דערשאָסן געוואָרן 25 יידן און אין אַ קורצער צייט אַרום — 56 יידן. אין חודש יולי (תמוז) האָבן די מערדערס אומגעבראַכט אין איין טאָג די גרעסטע צאָל יידן — 1,800. מ׳האָט זיי דערשאָסן אין וואַלד טאַרנאָוואָלי, אויף יענער זייט מיל פּוטימי.

אין סוף פון חודש אָקטאָבער דעם זעלבן יאָר, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז מען גרייט זיך אינגאַנצן צו ליקווידירן דעם אַרבעט־לאַגער און די קליינע צאָל לעבן געבליבענע יידן וועט מען טראַנספּאָרטירן אינעם טויטן־לאַגער בעלזשעץ. דערפאַר בין איך אין אָנהייב נאָוועמבער 1942 אנטלאָפן אין וואַלד, צוזאַמען מיט מיין מוטער.

אין וואלד האָבן מיר געטראָפן יידן פון טאַרנאָגראָד, דער עיקר — פון די דערפער ארום דעם שטעטל, אויך יידן פון יוזעפאָוו: גאָלדע און רחל, די טעכטער פון בצלאל פראזער. מיר זענען צוגעשטאַנען צו זיי, געווען צוזאַמען און געמיינ־

זאַם אויסגעטראָגן אַלע ליידן און פּיין. יעדן טאָג האָבן מיר געמוזט טוישן דאָס אָרט. דאָרט ווו מיר האָבן גענעכטיקט, איז מען צומאָרגנס שוין ניט געבליבן אויף דעם אָרט. אין וואַלד איז ניט געווען קיין וואַסער, קיין שפּייז, קיין בגד אויפן גוף. ווינטער און אין די רעגנדיקע טעג האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט באָרוועסע, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.

מיין יונגערער ברודער אברהם איז אַ סך פריער געהאַט אַנטלאָפן אין וואַלד, נאָר ווען מיר זענען אָנגעקומען, איז ער שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. מען האָט אים דערהרגעט.

די פּאַרטיזאַנער (רוסן און פּאָלאַקן) האָבן זיך מיט אונדז פאַרנומען, אפילו אָפּט באַזוכט און געפאָדערט אַז מיר זאָלן זיך באַטייליקן אין די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשן. מיר האָבן אָנגענומען זייער ווענדונג. איך מוז אונטערשטרייכן, אַז דער אלטיטשקער שמואל שעכטר (שמואל מיידאנער) האָט זיך אויסגעצייכנט אין די דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע אַקציעס, צעשטערנדיק 18 טעלעפאָנישע סלופּעס אויפן וועג קיין אַלעקסאַנדראָוו.

טראָץ דעם וואָס מיר האָבן אָפּגעהיטן די גרעסטע פאָרזיכטיקייט, פלעגן די דייטשן אונדז אויסגעפונען פון צייט צו צייט און דורכפירן איבערפאַלן און שיסן. איינמאָל האָב איך באַקומען אַ קויל פון אַ דייטשן לויער, נאָר צום גליק אָפּגעקומען מיט אַ לייכטע ווונד אין פוס. דאַקעגן גאָלדע פראַזער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. מיר זענען אין איילעניש אַנטלאָפן פון דעם אָרט, נאָר ווייזט אויס, אז איר ווונד איז געווען אַ שווערע.

וואָכן און חדשים האָבן מיר געליטן הונגער, ביז מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער קראַנקייט און אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן. מיר זענען געוואָרן ענלעך צו פעסלעך אויף קלעצלדיקע פיס. מיר פלעגן שטיין אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים שעהן לאַנג און געבעטן אויפן טויט. מיר האָבן פשוט ניט געקענט זיך רירן פון אָרט. דער געדאַנק איז געוואָרן פאַרנעפּלט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט שטייט לעבן מיר מיין פאָטער, לייגט מיר צו אַ נאַסע שמאַטע צום צעהיצטן שטערן און גלעט מיך איבערן קאָפּ... ער קוקט אויף מיר מיט זיינע גוטע אויגן. מיט אמאָל דוכט זיך מיר אויס, אז מען רופט מיךביים נאָמען. איך מאַך דעם גרעסטן אָנשטרענג צו עפענען די אויגן, כ'וויל זיך אויך איינהערן ווער עס רופט מיך. צום גרויסן שטוינונג דערזע איך פאַר זיך אַ באקאנטן ייד, ברוך געלער פון דאַרף זאַמאַך. ער דערציילט מיר, אַז שוין צוויי וואָכן ווי ער זוכט מיך אין וואַלד, ער האָט מיר געברענגט אַ ביסל קאַרטאָפל. די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך דערוווּסט פון מיין טרויעריקער לאַגע און זייער קאָמאַנדיר (אפשר איז ער געווען אַ ייד) האָט באַפוילן, אַז ווער עס וועט מיך געפונען, זאָל מיר געבן צו עסן.

דערנאָך האָבן די פּאַרטיזאַנער אַנטדעקט ביי אַ פויער אַ קו פאַרן קעלבן זיך. זיי האָבן די קו געשאָכטן און פון אינגעווייד אַרויס גענומען אַ קעלבל און מיר

עס געבראַכט צום עסן. כ׳האָב עס בלויז אויסגעבריט אין געקאָכט וואַסער און כמעט אינגאנצן אויפגעגעסן מיט איינמאָל.

אין יאָר 1944 איז געקומען די באַפרייונג. כ׳בין אַוועק אין דאָרף לוקאָוו איינצואָטעמען פרייע לופט. אָבער ניט לאַנג זיך פאַרהאַלטן דאָרט. מיר זענען אַוועק קיין יוזעפאָוו, נאָר ניט געטראָפן אין שטעטל קיין איין ייד. כ׳בין געבליבן איינע אליין. די שכנטע קולשינסקי האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, ווו כ׳האָב געאַרבעט כדי זיך אויסצוהאַלטן. בסך־הכל איין וואָך בין איך געווען אין יוזעפאָוו און דערוווסט זיך, אַז די פּאָלאַקן גרייטן זיך מיך אומצוברענגען. האָבנ־דיק די דערפארונג פון וואַלד, האָב איך זיך אויפגעהויבן אינמיטן נאַכט און אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון זוויעזשיניעץ. אויפן וועג ניט ווייט פון שטעטל, האָט אַ רוסישער מיליטערישער אויטאָ מיך אויפגענומען און געברענגט קיין בילגאָריי. אויך דאָ האָב איך ניט געפונען קיין ייד. בין איך פון דאָרט אַוועק קיין זאַמאָשטש, דערנאָך קיין לובלין און צום סוף אַלץ געטאָן, כדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל.

אַ געבליבענע פון יוזעפאָוו

רחל לוכטפעלד / מאָנטרעאַל

1

ווען מ׳האָט אין יאָר 1939 אָנגעהויבן באָמבאַרדירן אונדזער קליין שטעטעלע, האָט אַ שוידער אַרומגענומען יעדן איינעם, ספּעציעל די יידן, ווי מען וואָלט געוווסט, אַז מען מיינט נאָר אונדז. דאָס פּוילישע מיליטער האָט זיך צוריק געצויגן, די קריג איז פאַר פּוילן געווען פאַרשפּילט.

פּיל זענען געלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד, דער עיקר די יונגע. פאַר די עלטערע מענטשן איז עס געווען שווער צו שיידן זיך פון דער אייגענער היים און זיך לאָזן אין דער פרעמד. אַזוי אויך פאַר מיינע עלטערן. די באָמבעס האָבן פאַרברענט דעם גרעסטן טייל פון שטעטל. אונדזער משפּחה איז געווען פון די גליקלעכסטע, ווייל אונדזער געשעפט האָט מיין ברודער באַוויזן צו ראַטעווען, און מיר האָבן נאָך געהאַט אונדזער היים. אַפילו אַריינגענומען אַנדערע, וואָס זענען אָפּגעברענט געוואָרן.

דער רב האָט צוגערעדט צו בלייבן אין שטעטל און די עלטערע מענטשן האָבן אים געפאָלגט און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט זיך נאָך ענדערן די לאַגע. מען האָט געוואַרט אויף הילף און געבעטן, אַז זי זאָל קומען נישט צו שפּעט, נאָך ביי אונדזער לעבן.

איך בין געווען די יינגסטע טאָכטער און איינע געבליבן לעבן פון דער גרויסער משפּחה. צוזאַמען מיט די עלטערן זענען מיר געווען צען נפשות. פיר — פאַרהייראַט. דריי ברידער מיט זייערע פרויען זענען אַוועק קיין רוסלאַנד. די רעשט איז אומגעקומען. צוויי האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד, ווייל מען האָט זיי פאַרשיקט קיין סיביר. מיין ברודער טעוול איז קראַנק געוואָרן ביים ראַטעווען דאָס אָרעמע שטעטל — ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ דאַך.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיינע עלטערן דערהאַלטן בריוו פון די עלטערע פאַרהייראַטע קינדער, אַז מען זאָל מיך אַ־וויסשיקן מיט אַ ביסל לעדער (מיין טאַטע האָט מיט דעם געהאַנדלט), אָבער די לעדער איז געווען פאַרגראָבן. די ברידער האָבן געשיקט אַ שליח, וואָס זאָל מיר נעמען מיט זיך און מען האָט שוין צוגעגרייט אַ ביסל צירונג. אויך אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וואָס דער טאַטע האָט געהאַט. מיין האַרץ איז אָבער געווען פאַרביטערט און מיר האָט אויסגעוויזן, אַז איך וועל באַגיין אַ פאַרברעכן, איבערלאָזנדיק די קראַנקע טאַטע־מאַמע, מיין שוואַכע שוועסטער גאָלדע, אַ קראַנקן ברודער דערצו. דערצו נאָך נעמען פון זיי דאָס לעצטע און לאָזן זיך אין וועג — אפשר וועלן מיר זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען... איך

האָב כסדר געוויינט און געזאָגט מיין מוטער, אַז איך קאָן זיי נישט פאַרלאָזן, וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט מיר.

שפּעטער האָבן מיר געטאָן דאָס זעלבע וואָס אַלע. איך מיט מיין שוועסטער זענען געגאַנגען קלייבן יאַגעדעס פאַרן מיליטער. עס האָט זיך אַלץ געדאַכט, אפשר וועט מען אונדז לאָזן לעבן. דערווייל האָט מען עפּעס פאַרדינט מען זאָל קענען קויפן אַ ברויטל, וואָס איז דעמלט געווען אַזוי טייער. די לעדער האָבן מיר מורא געהאַט צו פאַרקויפן, ווייל די דייטשן האָבן עס באַלד קאָנפיסקירט. לעדער, פוטערס האָט מען געדאַרפט איבערגעבן די דייטשן, ווייל אויב נישט האָט דערפאַר געדראָט טויטשטראָף.

2

איין מאָל אין יאָר 1942, האָט מען געכאַפּט אין וואַלד צוויי רוסישע מיידלעך. פאַרטיזאַנער האָבן זיי באַהאַלטן. דאָס זענען געווען אַנטלאָפענע געפאַנגענע. די דייטשן האָבן זיך נוקם געווען אין די צוויי מיידלעך. ווען מיר זענען אַהיים געקומען פון וואַלד, צוזאַמען מיט אַנדערע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אויך געקליבן יאַגדעס, האָבן אונדזערע עלטערן נישט דערלויבט מער די דאָזיקע אַרבעט. דערווייל האָבן די פאָלאַקן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יידישע מיידלעך גיבן איבער די רוסישע פאַרטיזאַנער אַלע נייעסן. האָט מען אַלע יידן געהייסן צושטעלן זיך אין מאַרק. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז צום שיסן, אָדער צו שיקן אין אַ לאַגער, ווייל די דייטשן האָבן שוין געהאַט פיל יוגנטלעכע אַרויסגעשיקט.

מיר זענען צום מאַרק נישט אַרויס. מיר האָבן געהאַט אַ קאַמער מיט שיך און לעדער, וואָס די יידן האָבן געוווּסט פון דעם, אָבער די פאָלאַקן — נישט. חוץ דעם האָבן מיר צוגעגרייט אַ צווייטע קאַמער מיט אַ דאָפּלטער וואַנט. ווען מען פלעגט כאַפּן מענער, אָדער, למשל די יידן, אַרויסגעשיקטע פון מערב־פוילן, פלעגן זיי זיך דאָרט באַהאַלטן, ווי צ. ב. בעסטערמאַן, אַ שוחט, פיינע מענטשן. מיינע עלטערן וואָלטן זיך אַליין נישט דעצידירט צו באַהאַלטן אין דער קאַמער ביי דער טיר. פון דער קאַמער איז געווען צוגעשטעלט אַ שאַנק און אַריינגעגאַנגען איז מען דורכן בוידעם. איך מיט מיין ברודער און שוועסטער זענען אַריין מיט די צוויי קינדער פונעם פאָרפאָלק. אין דער וואַנט האָט זיך געעפנט אַ ברעט. דורך די שפּאַרעס פון די ברעטער האָבן מיר געקאָנט אַלץ זען און הערן — די געוויינען און געשרייען פון די מענטשן; די פאָלאַקן, ווי זיי זענען מיט דער יידישער פאָליציי געלאָפן זוכן די וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט. דעמאָלט האָט מען אויסגעגעבן מיינע עלטערנס באַהעלטעניש; דאָס האָט געטאָן אַ יידישער פאָליציאַנט, ווייל קיין שום קריסט האָט נישט געוווּסט פון דעם. מיין מוטער איז אַרויס די לעצטע, ווייל זי האָט געהאַט געשוואָלענע פיס. די מוטער איז צוגעקומען צו דער וואַנט, ווו מיר האָבן זיך געפונען. איך האָב געוואָלט עפענען די ברעט, נאָר מיין עלטערע

שוועסטער, וועלכע האָט פון גאָרנישט געוווּסט, האָט ניט געלאָזן דאָס טאָן.

מען האָט אַרומגערינגלט אונדזער הויז, אַריין אין דער קאַמער — מער האָבן מיר שוין אונדזערע עלטערן נישט געזען. מען האָט זיי דערשאָסן ביי אונדז אין הויז. אויך די בעסטערמאַנס. די פּאָלאַקן האָבן גענומען ראַבעווען. איך האָב מורא געהאַט מען זאָל אונדז נישט אַנטדעקן. איינער פון די קריסטן האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז עס פילט זיך עפּעס, דאָ מוזן זיין נאָך מענטשן. איך האָב שוין געוואָלט נעמען שרייען, נאָר מיין שוועסטער האָט מיר צוגעהאַלטן דאָס מויל. אַ צווייטער פּאָלאַק האָט געזאָגט, אַז מ'האָט שוין אַרויסגענומען די מענטשן.

מיר זענען געזעסן די גאַנצע נאַכט און געטראַכט: וואָס טוט מען ווייטער? מיר האָבן געוווּסט, אַז פון שטאָט האָט מען די מענטשן אָרויסגעפירט. אָבער נעבן יוזעפּאָוו איז געווען אַ טאַרטאַק, ווו יידן האָבן נאָך געאַרבעט און מיר האָבן געהאָפּט ביינאַכט דאָרט צוצוגיין. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן אין דער מעלינע נאָך אַ טאָג, ביז עס וועט זיך איינשטילן דאָס כאַפּן און ס'וועט זיין לייכטער אַרויסצוגיין. אויפן צווייטן טאָג זענען פיל קריסטלעכע שכנים געקומען אין אונדזער שטוב און גענומען וואָס עס האָט זיך געלאָזט. איך האָב געזען ווי איינער האָט גענומען מיין טאַטנס מאַנטל און געהערט קולות פון אַ קריסטין, אַז קיינער פון די יידן טאָר נישט בלייבן.

דעם צווייטן טאָג, שפּעט אין דער נאַכט, האָבן מיר באַשטימט אַרויסצוגיין. דערווייל האָבן מיר איבערגעלאָזן מיין קראַנקן ברודער טעוול און איך מיט מיין שוועסטער גאָלדע און איין זון פון די אַרויסגעשיקטע בעסטערמאַנס, ווי אויך דאָס שוועסטערל זיינס — זענען פאַרבליבן. מיר זענען געגאַנגען מיט זייטיקע וועגן, אַריין אין קאָרן. די תבואה איז געווען זייער הויך, ווייל ס'איז געווען 28 טעג אין תמוז. איך האָב דערווייל פאַרלוירן מיין שוועסטער. מען האָט אונדז נאָכגעיאָגט. דעם זון פון די בעסטערמאַנס האָבן זיי געכאַפּט. איך בין געלאָפן זוכן מיין שוועסטער און זי געפונען אין קאָרן.

אין דער פרי זענען מיר מיט טיכלעך אויף די קעפּ, מען זאָל אונדז נישט דערקענען, אָנגעקומען אין טאַרטאַק. מיר האָבן געטראָפן אַ ייד און ער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיר האָבן זיך געראַטעוועט, ווייל זיי האָבן דאָ געהערט וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטעטל. אין טאַרטאַק האָט מען די יידן נישט גערירט.

מיר זענען אַריין אין אַ שטיבל, ווו עס זענען געשלאָפן די יידישע אַרבעטער. איך מיט מיין שוועסטער האָבן זיך געוואָלט פאַרשרייבן צו דער אַרבעט. מיר האָבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם קריסט ער זאָל אונדז אָננעמען. אָבער ער האָט דערקלערט, אַז איצט וועט מען זיכער נעמען די יידן פון טאַרטאַק, טאָ צו וואָס זיך מאַטערן און אַרבעטן? ער איז דווקא געווען אַ פיינער קריסט. מיר האָבן געזען, אַז ער איז גערעכט.

3

דערווייל האָבן שוין יידן אָנגעהויבן צו גיין אין שטאָט און מיר האָבן אָפּגע־נומען גרוסן, אַז עס לעבן אַ פּאָר פון די באַהאַלטענע שכנים. מיר האָבן דאָך איבערגעלאָזן דעם ברודער אינעם אויסגעראַבירטן הויז — אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען אונדזער היים. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אומקערן אַהיים און אָנגעהויבן צו פאַרקויפן די פויערים פון די באַהאַלטענע זאַכן. דערפאַר האָבן מיר געהאַט קאַרטאָפל, אַ ביסל מעל, אַ ברייטל.

מיין ברודער, נאָך דעם וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. מען איז אים מקנא געווען וואָס ער איז געשטאָרבן אין דער אייגענער בעט און מיר האָבן אים געבראַכט צו קבר ישראל.

פון דאַן אָן איז נישט געווען קיין שטילע נאַכט, מען האָט כסדר געקלאַפּט אין די טירן. מיר זענען געלעגן אין דער ברייט פון בעט און מורא געהאַט זיך אויסצוטאָן, געציטערט פאַר יעדן שאָרך.

אַן ע״ך פינף חדשים זענען מיר נאָך געווען אין יוזעפּאָוו. מען האָט כסדר געבראַכט יידן פון די אַרומיקע דערפער. מיר האָבן ווידער אַריינגענומען צו זיך מענטשן, כדי נישט צו זיין אַליין און אויך זיי העלפן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויך געהאַט דעם בטחון — ווי אַלע, פריער אומגעקומענע — אַז זיי וועלן איבער־לעבן. זיי זענען געלאָפן אין די דערפער נאָך עסנוואַרג. אַ סך זענען פאַרבליבן אין די וועלדער.

עס האָבן זיך אונטערגערוקט די יום־טובים. עס זענען נאָך פאַרבליבן אַ קליין ביסל יוזעפּאָווער און יידן פון די דערפער. יום־כפור האָט יעדער געדאַווענט אין דער היים, אָבער אין איין שטוב איז געווען אַ מנין. האָבן די דייטשן אַרומגע־רינגלט די דאָזיקע שטוב, אַראָפּגעריסן פון די מתפללים די טליתים, דערנאָך אַלעמען אויסגעשאָסן אויפן באַרג.

ביי אונדז האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָס פאָרפאָלק נעכע מיט איר מאַן. (די פרוי לעבט היינט אין ישראל און הייסט נעכע גאָלדשטיין). זיי זענען געווען פון דאָרף באַביטץ.

פון אָקטאָבער (חשון) 1942 האָבן מיר געלעבט אין כסדרדיקער שרעק, ממש מיט די מינוטן. די שטאָט איז געוואָרן „יודען־ריין". אויך אונדזער טאָפּלטע וואַנט קאָן שוין נישט העלפן. אַ קריסט, וואָס מיין טאַטע האָט מיט אים געהאַנדלט, האָט געוואָלט נעמען נאָר מיך צו באַהאַלטן, איך בין אויף דעם נישט מסכים געווען, ווייל כ'האָב נישט געוואָלט לאָזן גאָלדען אַליין. מיר האָבן גענומען אַ קליין פּעקעלע — דאָס נייטיקסטע — און געלאָפן אין וואַלד. נאָכן דורכשלאָפן זיך דאָרט, האָבן מיר געוואָלט לויפן אַ היים עפּעס אָפּקאָכן. מיר האָבן נאָך געלאָזן אַ שטיקל ברויט אויך. און ביינאַכט — ווידער קומען אין וואַלד.

ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן פון באַרג, האָבן מיר דערזען אַז מען פירט מענטשן צום באַרג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען כאַפּט ווידער ייִדן און מיר זענען צוריק געלאָפן אין וואַלד. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט דאָרפישע מענטשן און צוויי יוזעפּאָווער. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס אין וואַלד העכער אַ חודש און איצט געוואָלט גיין אין שטאָט איינקויפן עפּעס עסן, צוגרייטן אויף ווינטער. די מענטשן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, האָבן זיך נישט שטאַרק דערפרייט מיט אונדז, ווייל וואָס ווייניקער ייִדן — איז לייכטער זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער מיר זענען שוין דאָרט פאַרבליבן. די ביימער זענען געווען געדיכט צעשטעלט און מיר האָבן געדאַרפט ברעכן די צווייגן, כדי דורכצוגיין. דערנאָך זענען אַלע אַריין אין „סכראָן" — אַ מין באַהעלטעניש, אַ לעבעדיקער קבר איז עס געווען. כמעט אַלע זענען געלעגן ווייט פון טיר — נישט ביים אַריינגאַנג. איך און מיין שוועסטער און נאָך אַ מיידל פון אַ דאָרף זענען געלעגן זייער נאָענט פון דער טיר. מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס זיך צוצו־דעקן, סיידן מיט דער קורטקע וועלכע מיין שוועסטער האָט געהאַט, און איך — אַ מאַנטל. מיט דעם האָבן מיר געמוזט זיך צודעקן און בייטאָג גיין אין דעם. די פיס האָבן מיר ניט געקענט אויסציען. דער עיקר אין דער פרי איז געווען זייער קאַלט. מיר האָבן זיך צוגערוקט צו דעם מיידל עס זאָל זיין וואַרעמער, און דאָ האָבן מיר באַקומען אַ „מתנה" — לייז. די לייז זענען געווען אַ פּלאָג פאַר אַלעמען. אַז מיר האָבן געוואָלט אָפּקאָכן אַ ביסל טיי, האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן ביז אַלע האָבן דאָס געטאָן. שפּעטער האָבן מיר געקויפט קאַרטאָפל, איינגעניית אַ ביסל געלט און געוואַרט פון איין טאָג אויפן צווייטן. ווען מען האָט זיך פאַרקילט און געהוסט, האָט מען זיך געשטיקט, ווייל מ'האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט דערהערן אין דרויסן. דאָס בעסטע איז געווען אָפּהוסטן אין דער ערד אַריין — דאַן האָט זיך דער ווידערקול פאַרהילכט. פאַר יעדן שאָקל פון אַ בוים האָט מען מורא געהאַט.

אַזוי האָט מען אָנגעהויבן צו ציילן די טעג, דערנאָך וואָכן. בייטאָג האָבן מיר געמאַכט אַ פייער און זיך געוואַרעמט. מען האָט אָבער געדאַרפט באַזאָרגן זיך מיט האָלץ. בין איך געגאַנגען מיט נאָך עטלעכע, ווייל גראָד זענען געווען אין וואַלד בינטלעך האָלץ, וועלכע די פויערים האָבן צוגעגרייט פאַר זיך. עס איז געווען שווער צו שלעפּן די קלעצער. אָבער מיט יעדן טאָג איז געוואָרן ווייניקער. עמעצער האָט אונדז אויסגעגעבן און אין מיטן העלן טאָג — איך מיט מיין שוועסטער זענען גראָד געווען ביים פייער — האָט מען אַריינגעשאָסן אין „סכראָן". מען האָט דערשאָסן אַ קליין ייִנגעלע מיט זיין פאָטער און ברודער. מיר מיט נאָך צוויי פרויען זענען אַוועק טיף אין וואַלד און אונדזערע טריט אויפן שניי אויסגע־גלייכט מיט אַ צווייג, כדי מען זאָל נישט לאָזן קיין שפּורן. קאַלט איז געווען און מיר זענען געזעסן דערפרוירענע. מיין שוועסטער האָט אויסגעטאָן אירע שיך און

איך האָב איר געריבן די פּיס — זיי זאָלן נישט אָפּפרירן. מיט אונדז איז געווען אַ מיידל, שיינדל האָט זי געהייסן, איז זי געווען באָרוועס, ווייל זי האָט נישט באַוויזן צו נעמען די שיך.

פאַרנאַכט זענען מיר צוריק געקומען אין „סכראָן”. עס האָבן געפעלט אַ פּאָר מענטשן. מיר האָבן איינגעזען אַז מען מוז בייטן דאָס אָרט. ווי ביטער עס איז געווען צו זיצן אין „סכראָן”, ווייל דאָס זאַמד האָט זיך געשאָטן אויף אונדז, איז עס פּאָרט געווען אַן אָרט צום שלאָפן מיט וואַרעם וואַסער...

מיר זענען אַוועק אונטער דריי גרויסע ביימער. מיר האָבן געהאַט אַ ביסל מעל, כאָטש אָן זאַלץ — און עפּעס אָפּגעקאָכט. אַמווייניקסטן האָט זיך געשראָקן שׂרה (אַ דאָרפישע) און שמואל מיידענער (פון זעלבן דאָרף), ווייל זיי האָבן געקענט דעם וואַלד. אַ גוי פון זייער דאָרף פלעגט זיי ברענגען עסן אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט. מיר האָבן גענומען אַ פּאָר קאַרטאָפל, צעשניטן אויף שטיקלעך מיט אַ ביסל וואַסער — און דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ גאַנצער מאַכל. איצט, אונטער די ביימער, האָבן מיר אַנשטאָט וואַסער גענומען שניי. דריי וואָכן זענען מיר געזעסן אויף דעם דאָזיקן אָרט, זיך געטיילט מיט די צוויי קילאָ מעל...

דערנאָך זענען מיר אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט. דאָס איז שוין געווען נאָך די קריסטלעכע חגאות, די ווייַנאַכט פון יאָר 1943. דאָרט האָבן זיך געפונען אַנטלאָפענע רוסישע קריגס־געפאַנגענע. אַ סך פון זיי לעטישע — און פאַר זיי האָבן מיר זיך געשראָקן. מיר פלעגן זיך באַהאַלטן מיט מיין שוועסטער. דאָרט איז געווען אַ קריסט אַנטאָן, וועלכער האָט אונדז געהאָלפן מיט אַ גוט וואָרט, מיט נייעס. ער האָט זיך אויך באַהאַלטן מיט אַ גרופּע. לאַנג האָט געדויערט, ביז וואַנען איך האָב זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז ס׳איז דאָ אַ פּאָלאַק, וועמען מען קען גלויבן אַז ער וועט אונדז נישט אַרויסגעבן. אויף דעם אָרט איז צוגעקומען אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט אונדז געקענט און אויף אונדז רחמנות געהאַט. מיר, די פרויען, האָבן אַליין געשלעפּט דאָס האָלץ. מען האָט אונדז גערופן „ביעדנע וויסקאָ” („אָרעם מיליטער”). ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו ברענגען פלייש און טאַקע געבראַכט פערד־פלייש, וואָס האָט אונדז זייער געשמעקט. דער קריסט האָט נישט געוווּסט פון אונדזער באַהעלטעניש און עס איז געוואָרן אַלץ שווערער צו גיין נאָכן עסן. מען האָט אָנגעהויבן נעמען פּאָלאַקן צו דער אַרבעט, האָבן מיר מורא געהאַט צו זיין נאָענט פון דאָרף.

5

עס איז געקומען ערב פּסח. דער קריסט אַנטאָן האָט דערציילט, אַז ער וועט ברענגען צו אונדז לובאַוויטשער יידן. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז עס לעבן נאָך ערגעץ יידן. זיי זענען געווען — דאַכט זיך מיר — צוועלף מענער מיט איין פרוי. די גרופּע האָט געבראַכט אַ „פּעפּעשע” און אונדזער לאַגע האָט זיך פאַר־

לייכטערס. מען האָט אָנגעהויבן גיין אַרבעטן. ברענגען עסן. די גאַנצע צייט האָבן מיר קיין שטיקל ברויט נישט געזען פאַר די אויגן. גראָד אויף פסח האָבן זיי געבראַכט ברויט. מען האָט געגעסן און די סלינע איז גערונען פון מויל. אָבער מיין שוועסטער האָט נישט געגעסן. איך באַוווּנדער נאָך היינט איר שטאַרקן כאַראַקטער.

ביינאַכט פלעגן מיר זינגען, די שטימונג איז געוואָרן אַ מער הייטערע. מען האָט זיך פריילעך געמאַכט און געחלומט פון בעסערע צייטן.

אָבער די רוסן איז געפעלן געוואָרן די „פעפעשע" און זיי האָבן זי אויסגעטוישט אויף ביקסן. די מענער האָט מען אָפּגעטיילט און מיר האָבן זיך דאָך דערפילט שטאַרקער. עס האָבן זיך נאָך געפונען יידן פון וועלכע מיר האָבן געוווּסט, אָבער מיר האָבן זיי נאָך נישט געזען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס, אויך אויף פּאָלאַקן — זענען זיי געקומען אין וואַלד מיט זייערע בהמות. דאָס איז געווען געפערלעך, ווייל מען האָט געהערט דאָס ריטשן פון די קי. פיל מאָל האָט מען אונדז אַרומגערינגלט, אַ סך פון די פריש־געקומענע האָט מען באַלד דערהרגעט, אָדער זיי זענען געפאַלן ווי העלדן, מיט געווער אין האַנט. ווען איך פלעג נאָך יעדער אָבלאַווע געפינען מיין שוועסטער, בין איך געווען גליקלעך, ווייל זי איז געווען די איינציקע פון דער משפחה וואָס איך האָב געהאַט.

6

ס'איז שוין געווען די ערשטע יאָרצייט נאָכן טויט פון אונדזערע עלטערן. איך מיט דער שוועסטער האָבן געהאַט הינטער זיך נאָך איין געשענקט יאָר. מיר זענען כמעט דאַן אַרויס פון וואַלד און זיך באַהאַלטן אין אַ גרויס הויז. דאָרט פלעגן מיר שלאָפן. אָבער מיר האָבן געהערט זייער נאָענט די דייטשן. מיר האָבן דאַן מורא געהאַט צו שלאָפן און אַפילו צו אָטעמען. ערשט אין דער פרי האָבן מיר באַמערקט ווי נאָענט די דייטשן זענען געווען פון אונדז. אונדזער פרייד איז געווען גרויס — ווידער ניצול געוואָרן פון טויט.

אָבער אונדזער גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיר זענען ווייטער געקומען אויף דעם זעלבן אָרט. ווידער אַן אָבלאַווע. מיר זענען אַוועק אויף אַ ניי אָרט און מען האָט אָנגעהויבן צו שיסן בעת מיר האָבן געמאַכט אַ פייער. מיר האָבן פאַרשאָטן דאָס פייער מיט מעל, באַהאַלטן די פעקלעך און אַוועק נעבן וואַסער. איך האָב זיך דאָרט אַוועקגעלייגט נעבן מיין שוועסטער, מיין קאָפּ אויף אירע פיס. מיט אונדז איז געווען דער ייד שמואל מיידענער און שיינדל־שרה. עס האָבן זיך דערהערט טריט. באַלד האָט מען געגעבן אַ שאָס. מיין האַנט איז געווען פאַרשפריצט מיט בלוט, אָבער די קויל איז אַריין אין מיין שוועסטערס פוס. מיר זענען זיך צעלאָפן. איך האָב געמיינט, אַז איך לויף נאָך מיין שוועסטער, אָבער דאָס איז גאָר געווען שיינדל. מיר זענען געלאָפן ווי ווילדע, מורא געהאַט זיך צוזעצן.

אַ זייגער דריי האָבן מיר געטראָפֿן צוויי קריסטינס מיט צוויי קינדער, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד, ווייל מען האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר די פּאָלאַקן, די כלומרשטע גוטע פֿריינד. מיר זענען געגאַנגען לויט דער זון, ווייל ס'איז שוין געווען שפּעט. מיר איז געווען אַן אינטערשייד ווו מיר גייען — איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דעם, אַז איך זאָל נישט בלייבן אַליין. אָבער אַנשטאָט צוריקגיין און אויסמיידן דאָס פֿייער, זענען מיר געגאַנגען אין פֿייער אַריין. מיר זענען גאָר אַרויס פֿון וואַלד. דאָרט זענען געווען האָלץ־סלופּעס מיט פֿרישע צווייגן, האָבן מיר זיך צוגעלייגט, פֿאַ־דעקט מיט די צווייגן. ביינאַכט האָבן די דייטשן געהאַקט דאָס האָלץ נעבן אונדז און זיי זענען געגאַנגען איבער אונדז. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן דערהערט אַ שאָס. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט מען געשאָסן מיין שוועסטער גאָלדע. שיינדל האָט פֿון מיר געלאַכט. נאָר איך האָב געפֿילט עפּעס שרעקלעכעס. אַלץ איז ביי אונדז געשען מאָנטיק. מיר פֿלעגן מיט דער שוועסטער זיך שטענדיק שרעקן פֿאַרן מאָנטיקדיקן טאָג. נאָך אַ דורכגעלעבטער אַקציע, האָבן מיר אַפֿילו געפֿאַסט.

איך מיט שיינדלען זענען אַוועק פֿון דאָרט פֿאַרנאַכט. די גויים זענען געבליבן און געגעסן פֿון זייער ברויט וואָס זיי האָבן געהאַט — נאָר אונדז אַפֿילו נישט פֿאָר־געלייגט. אָבער דער עיקר האָבן מיר געפֿילט דורשט. מיר זענען מיט שיינדלען אַוועק און מיר קוקן זיך אַרום — עס גייען פֿיל דאָרפֿישע מענטשן — אין אַלע דערפֿער האָט מען געמאַכט אָבלאַוועס. צווישן זיי זענען געווען פּאָלאַקן פֿון די נאָווינעס. איך האָב דאָרט אייניקע געקענט, זיין פֿלעגן קויפֿן ביי מיינע עלטערן און אַ טייל זענען אונדז שולדיק געווען געלט. אָבער זיי וואָלטן מיך נישט דערקענט און איך האָב נישט געוואָלט זיך ווייזן פֿאַר זיי. ווען די פּאָלאַקן זענען צוגעגאַנגען, האָבן זיי געגעבן מילך און איך האָב מורא געהאַט זיי זאָלן נישט דערציילן, אַז זיי זענען געווען אין וואַלד מיט יידן. איך האָב געהאַט פֿאַרוואָס מורא צו האָבן. די דייטשן האָבן זיי אָנגעשראָקן — אויב מען וועט זיי אַליין כאַפּן, וועט מען זיי נאָר אַריינזעצן אין תפֿיסה. אויב אָבער מען וועט זיי כאַפּן מיט יידן — וועט מען זיי שניידן אויף שטיקלעך און איינזאַלצן זייער פֿלייש. זיי זענען געווען גלויביקע קאַטאָליקן.

איך מיט שיינדלען זענען ווייטער געגאַנגען, נישט וויסנדיק דעם וועג. מיר האָבן געוויינט אויפֿן קול און אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר הערן אַ ווידערקול. איך בין ווייטער געלאָפֿן און געוויינט און געבעטן, אַז גאָט זאָל מיר עמעצן צושיקן. פּלוצלונג זע איך אַ יידיש מיידל פֿון לוקיף — בלומע. איך האָב זי אָנגערופֿן ביים נאָמען און געגלויבט, אַז גאָט האָט זי טאַקע צוגעשיקט, ווייל זי קען דעם וואַלד. זי האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און געפֿרעגט אַ פּויער דעם וועג. אָבער זי האָט אים נישט געגלויבט און זיך צענויפֿגעטראָפֿן מיט אונדז. מיר זענען שוין געגאַנגען צוזאַמען, ביז מ'איז צוגעקומען צו דעם גרוב. קודם האָב איך באַמערקט שמואלן און אים

געפרעגט וועגן מיין שוועסטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד אויף אַן אָרט האָט מען זי פאַרוואונדעט — דאָס איז טאַקע געווען מאָנטיק — און דאָס בלוט אירס האָט פאַרשמירט מיין האַנט. זי האָט מער נישט געקענט לויפן. איך בין איר מקנא געווען וואָס זי גייט מיט שמואלן — ער קען דאָך דעם וואַלד... מיין עלטערע שוועסטער איז פאַר מיר געווען ווי אַ מאַמע. אויך זי האָב איך פאַרלוירן, ווייל מען האָט איר נאָכן פאַרוואונדן דערשאָסן.

7

פון אונדזער גרופּע זענען נאָר געבליבן שמואל שרהס מאַן, שיינדל און איך. מיר זענען געשטאַנען מיט די לאַמערמאַנס. ער איז געווען מיט אַ פאַמיליע, און ערנע מיט דער מוטערס שוועסטער. פיל זענען דעמאָלט געפאַלן. מיר איז שווער געווען אויפן האַרצן — איך האָב מיט זיי אַלע געלעבט אַ גאַנצן זומער.

פיל פאַרטיזאַנער פלעגן קומען זוכן מיידלעך. איך פלעג פון זיי אַנטלויפן. דערצו האָב איך באַקומען אַ בייסעניש (שוויעזשבאַ). פון איין זייט איז עס געווען אַן אויסרייד, פון דער צווייטער זייט — טאַקע אָנשטעקנדיק. האָבן זיי מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו מיר. שפּעטער איז צו מיר געקומען אפרים לאַמערמאַן און מיר געראָטן איך זאָל גיין אין אַן אַנדער גרופּע. דאָרט זענען נישט לאַנג צוריק געקומען יוזעפּאָווער איינוווינער — יאָסל לוכטפעלד, סענדער בראָנשטיין, טאַניש דאַך און דער עיקר — דאָרט געפינט זיך דער אַלטער שמואל. איך האָב די רוסישע פאַרטיזאַנער געזאָגט, אַז ער איז מיין טאַטע, כדי זיי זאָלן האָבן אַ ביסל דרך־ארץ.

אין דער צייט האָבן שוין אַלע מענער־פאַרטיזאַנער געהאַט ביקסן, קיין עסן האָט נישט געפעלט. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן פילן די זיך דערנענטערנדיקע באַפרייונג. אָבער דאָך איז דער טויט געווען נאָענט, ווייל בעתן אָפּטרעטן פון די דייטשן האָבן זיי געקענט אונדז אומברענגען, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז עס זענען דאָ טויזנטער פאַרטיזאַנער און זיי האָבן זיך פאַר זיי געשראָקן.

דער ווינטער איז אַדורך. עס האָט זיך אונטערגערוקט פּסח. איצט, דעם צווייטן פּסח, האָבן מיר, יידן, שוין געהאַט מעל צו באַקן מצות. האָבן מיר געפייערט דעם יום־טוב אין וואַלד. אַ געוויסער אברהם האָט אין קאָפּ געהאַט אַ גענויעם קאַלענדאַר פון אַלע יום־טובים.

פאַר דער באַפרייונג האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע כמאַרע. די דייטשן האָבן געפילט די מפּלה און זענען געגאַנגען אָפּרייניקן אַלע פאַרדעכטיקטע ערטער. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרויסן „סכראָן". עס איז דאַן צו אונדז צוגעקומען אַ יידיש מיידל ברכהקע. זי איז געווען באַהאַלטן ביי פּאָלאַקן. זי האָט זיך איצט צוזאַמען מיט אונדז באהאלטן. דאָס טירל האָבן מיר מיט אַ בוים צוגעהאַלטן — אויפן טירל איז געשטאַנען אַ בוים און עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעזען. די דייטשן

זענען ממש געקראָכן אויף אונדזערע קעפּ און גאָרנישט באַמערקט. מיר האָבן געהאַט גראַנאַטן און קיין לעבעדיקע וואָלטן זיי אונדז נישט גענומען. מיר האָבן דאָרט געהאַט פּלייש — און ווי איך געדענק — האָבן מיר מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן עס נישט פאַרסמען.

8

אַ געוויסן שבת האָט מען אָנגעהויבן שיסן. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז פון רוסיש געווער. די פרויען האָבן זיך באַהאַלטן און די מענער זענען אַרויס זען וואָס עס טוט זיך. זיי האָבן געבראַכט דעם פרידן אין וואַלד אַריין. איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט. פאַרוואָס זענען זיי נישט געקומען אַ ביסל פריער? עס וואָלטן פיל מער געבליבן לעבן...

מיר האָבן געמיינט אַז מיר וועלן אַרויס פון וואַלד, וועט מען זיין מיוחסים, איבערגעלעבט אַזאַ שווערע צייט... אַ יידישער מאַיאָר האָט אונדז גלייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די וועלט פרייט זיך נישט צו שטאַרק מיט אונדז...

פון וואַלד זענען מיר געפאָרן קיין יוזעפאָוו. אָבער איך האָב נישט געוואָלט דאָרט אַריינפאָרן און בין אַוועק קיין טאָמאַשאָוו־לובעלסקי. ס'איז טאַקע געווען געזאָגט, אַז איך זע אויס ווי איך וואָלט געקומען פון אַ קוראָרט... עסן האָבן מיר געהאַט, יונג איז מען געווען, אָבער דאָס וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין דער נשמה, האָבן זיי נישט געזען...

מיינע צוויי ברידער זענען געווען פאַרשיקט אין סיביר. איינעם, ישראלקע מיט דער פאַמיליע, האָבן די דייטשן דערהרגעט.

ביים שרייבן די זכרונות דערוועקן זיך דערינערונגען, עס עפענען זיך די אומפאַרהיילטע ווונדן. מיר האָבן געהאָפט, אַז מען וועט זיך נוקם זיין...

איך שרייב עס פאַר די קינדער, כדי זיי זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טראַגעדיע פון די פוילישע יידן. די מיטעלע טאָכטער מיט מיין עלטערן זון געפינען זיך אין ישראל, זיי לערנען אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

איך מיט מיין מאַן, יוסל לוכטפעלד, וווינען אין מאָנטרעאַל. מיין נאָמען פון דער היים איז פראַזער רחל. מיר האָבן אין ניו־יאָרק געשטעלט אַ מצבה, אָבער די נעמען זעט מען נישט. פון מיין פעטער גאָלדגרעבערס משפחה איז קיינער נישט פאַרבליבן.

איך בין געבליבן אַליין...

סימע האַניקספעלד (ספּאַדיק)

עס איז געווען מיטוואָך פּאַרנאַכט, אין חודש תמוז, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל אדזערנע.

פרייטיק אין דער פרי איז פאָרגעקומען אַן אָבלאַווע אויף מענער. עס זענען אַריינגעקומען צוויי דייטשן און צוגענומען מיין מאַן, אפרים פוקס. ווען איך האָב געפרעגט וווּ אַהין זיי נעמען אים, האָבן זיי געזאָגט, אַז צו וואַשן אויטאָמאָבילן.

שבת בין איך אַרויס פרעגן ביי מענטשן, צי זיי ווייסן וווּ מיין מאַן געפינט זיך. אָבער דערוווּסט האָב איך זיך, אַז פיל מענער זענען געוואָרן צוגענומען און אויך זייערע פרויען ווייסן נישט וווּ זיי געפינען זיך. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון די קריסטן, אַז מען האָט געשאָסן יידן אין פּאָלוואָרק, אַ צוויי אָדער דריי ווי־אָרסט פון שטעטל. ווען מיר זענען געקומען אַהין, האָבן מיר געטראָפן צונויפגעלייגטע בערגלעך געשאָסענע יידן. איך האָב געזוכט מיין מאַן צווישן די דערשאָסענע און אים נישט געפונען. ווען די קינדער האָבן געפרעגט: „וווּ איז דער טאַטע?" — האָב איך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן. זונטיק האָבן די פּאָלאַקן דערציילט, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ גרוב מיט דערשאָסענע יידן.

יענעם זונטיק האָט מען געשאַפן דעם יודענראַט און מאָנטיק פרי האָט ער באַפוילן אויסצוגראָבן די דערשאָסענע און יעדער זאָל דערקענען זיינע נאָענטע. ווען מ'איז צוגעקומען צום גרוב — האָט עס אויסגעזען ווי אַ שעכט־הויז. מיט פערד־און־וואָגן האָט מען די דערשאָסענע אַוועקגעפירט אויפן הייליקן אָרט. מיין מאַן האָב איך צוזאַמען מיט מיין מאַמען דערקענט ערשט דינסטיק און מיר האָבן זיי געבראַכט צו קבר ישראל. די אַנדערע האָט מען באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר. שפּעטער האָב איך דערציילט די קינדער, אַז די דייטשע מערדער האָבן דעם טאַטן דערשאָסן.

מיט דער צייט האָט דער יודענראַט מיך געשיקט צו דער אַרבעט. דאַן זענען מיינע צוויי קינדער — אברהם, 6 יאָר און דוד, 3 יאָר — געווען מיט מיין מאַמען. ווען איך בין איין מאָל נאָך דער אַרבעט, ווי אַלע מאָל, געגאַנגען אָפּנעמען מיינע קינדער, זענען אין מיין מאַמעס הויז אַלע טירן געווען אָפן, כ'האָב דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. מען האָט מיר דערציילט, אַז אין דער־ביי־איקן שטעטל זבאַראַוו איז געווען אַן אַקציע און אַזוי ווי די מערדער האָט אויסגעפעלט צום „קאָנטיגענט" נאָך 250 מענטשן, זענען זיי געקומען זיי נעמען אין אדזערנע. צווישן די דאָזיקע קרבנות האָבן זיך געפונען מיינע ליבע קינדער און מיין טייערע מאַמע. איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן אַטאַק פון היסטעריע. עס האָט לאַנג געדויערט ביז איך האָב זיך באַרויקט.

נישט ווייט פון מיין מאַמען האָבן געוווינט מיינע צוויי ברידער — הערש און נחמן. בין איך אַוועק וווינען צו זיי.

אַ צייט שפּעטער האָט מען אונדז אַרויסגעיאָגט קיין זבאַראָוו. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ. פון געטאָ בין איך מיט מיינע ברידער אַנטלאָפן אין וואַלד, ווו מיר זענען געווען ביז צו דער באַפרייונג.

די איבערלעבענישן אין וואַלד זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך, ווייל אויך דאָרטן האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ גיהנום. די פּאַלאַקן האָבן אונדז נישט געלאָזט רויק לעבן. חנוכה־צייט איז מיין ברודער הערש געגאַנגען זוכן ברויט, האָבן אים די פּאָלאַקן דערשאָסן. ווען אין אַ צייט שפּעטער איז מיין צווייטער ברודער נחמן געגאַנגען נאָך עפּעס עסן, האָבן אויך אים די פּאָלאַקן דערשאָסן. איך בין גע־בליבן אַליין.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן אונדז די דייטשן אַרומגערינגלט און געשאָסן. אַ סך זענען געפאַלן פון די קוילן. מיר האָט אַ קויל געטראָפן אין דער לינקער האַנט. איך בין געלאָפן מיט דער בלוטיקנדיקער האַנט ערגעץ זיך אויסבאַהאַלטן, געלאָפן איבער די פעלדער עטלעכע טעג. נישט ווייט איז געווען אַ דאָרף. אין דאָזיקן דאָרף האָב איך געטראָפן מיין שוועסטער רייזל מיט איר מאַן שמחה. אויף דער פראַגע פון מיין שוועסטער, ווו איז דער מאַן מיט די קינדער, ווו איז די מאַמע און די ברידער — האָב איך נישט געקענט ענטפערן, ווייל עס האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון. מיר האָבן באַוויינט אונדזערע קרבנות און מיט צעבראָכענע הערצער געטרויערט אויפן חורבן...

די פּאָלאַקן האָבן געהאָלפן מאָרדן די יידן

יוסף לוכטפעלד

1

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען עס זענען געווען פאַרשידענע מעגלעכקייטן פאַר יידן צו אַנטלויפן קיין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אָבער אַ גאַנצע ריי שיינע יידן מיטן רב בראש געזאָגט, אַז מען זאָל בלייבן. די סיבה דערפון איז נישט געווען אין גאַנצן קלאָר. פיל האָבן נישט געהערט און זענען טאַקע געראַטעוועט געוואָרן.

אין יוזעפאָוו האָט עס זיך אָנגעהויבן מיטן יודענראַט. צומערשט האָט קיינער נישט געוואָלט געהערן צום יודענראַט. האָט מען צו דעם געצוווּנגען דעם ה׳ גאָלדשטיין. אָבער ווען די לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער, האָט מען זיך שוין געשטופּט צו זיין אין יודענראַט אָדער אין דער פּאָליציי, כדי ראַטעווען זיך און די פאַמיליעס. אַפילו דער רב איז אַריין אין יודענראַט. נאָר דעם אמת געזאָגט, האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ גורל דערוואַרט אים. די יידישע פּאָליציי האָט געשלעפּט די מענטשן און איינער איז נישט געווען בעסער פונעם צווייטן.

געווען אין שטעטל אַ בכבודיקע פאַמיליע מיט זין, איידעם און איניקלעך. האָט מען געכאַפּט צום טויט איין איניקל. זאָגט דער טאַטע פונעם קינד צום זיידן, אַז ער איז דאָך פיל עלטער, זאָל ער גיין אויפן אָרט פון איניקל. אין דער זעלבער צייט האָט מען געכאַפּט דעם איידעם — אַ טאַטן פון צוויי זין. האָט דער זיידע געזאָגט, אַז ער וועט גיין אַנשטאָט דעם איידעם. האָט דער זון גענומען דעם טאַטן ביי דער האַנט און אים געפירט אויף צו טוישן... דאַמאָלט זענען געהרגעט געוואָרן 150 יידן, צווישן זיי — אויך מיין טאַטע ע״ה.

אַז די יידישע פּאָליציי האָט נישט געטראָפן דעם וועלכן זי האָט באַדאַרפט, האָט זי גענומען עמעצן אַנדערש. אַז איך בין געווען באַהאַלטן, האָבן זיי גענומען מיין פרוי. איך האָב זיך דערנאָך באַמיט מען זאָל מיין פרוי אַרויסלאָזן, ווייל מיר האָבן געהאַט צוויי קליינע קינדער: איטע־לאה און מינקע. עס איז דאַן געלונגען מיין פרוי — און זי איז באַפרייט געוואָרן. איך האָב געמוזט באַצאָלן מען זאָל דעם טאַטן אַרויסלאָזן, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

2

דאָס איז געשען אין אָנהייב 1941. מענדל דער שוחט, געווען אויך בעל־תפילה אין די ימים נוראים, איז צוגענומען געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, ביי דער מיט־הילף פון די פּאָלאַקן. ביינאַכט האָט מען אים דערשאָסן. די זעלבע נאַכט האָט מען מיין טאַטן אַרויסגענומען פון אַרעסט און געהייסן ער זאָל דעם קערפּער פונעם שוחט איבערפירן אויפן גוטן אָרט און דערביי אים אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל

דערפון נישט וויסן, אויב נישט — ווערט ער געטויט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע.

דערנאָך זענען געקומען מוראדיקע צייטן פון הונגער און שרעק. פאַר פסח האָט מען שוין נישט געדאַרפט הייצן. מען האָט געאַרבעט אין די וועלדער און געווען אין גאַנצן הפקר. די דייטשן האָבן געטראָפן פינף יידן גיין פון וואַלד, נעבן זאָשקעס מיל — האָט מען זיי אַלע געשאָסן. צווישן זיי איז געווען דוד בערגער. די אַנדערע זענען געווען ניט קיין יוזעפאָווער. אין זעלבן טאָג קומען אַריין אין פאָטערס שטוב אַ פאָלאַק און צוויי געסטאַפּאָווצעס. זיי נעמען צו מיין ברודער אלחנן, אים אַרויסגעפירט אויפן וועג קיין אַלעקסאַנדראָוו און דערשאָסן. אַ לעבעדיקער עדות דערפון איז געווען מאיר הערצבערגס זון. דאָס האָט זייער שלעכט געווירקט אויף מיין טאַטן. ער האָט שוין נישט געוואָלט לעבן און צוזען ווי מען מאָרדעט די קינדער. ווען מען האָט אים געפירט מיט אַלע יידישע קרבנות, איז ער אַרויף אויפן קבר פון מיין ברודער. דאָרטן האָט מען דעם טאַטן געשאָסן און דערנאָך אים צוגעטראָגן צום אָרט, ווו אַלע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן — אין מאַסן־קבר אין וואַלד אויפן וועג קיין אַלעקסאַנדראָוו — דאָרט, ווו דער וואַלד הויבט זיך אָן. דעם טאַטן האָט מען דערהרגעט דעם 24סטן טאָג אין אייר. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מיין שוועסטער שרה־בײלע איז געווען פאַרהייראַט צו אפרים גראָסער פון שעברעשין. זי האָט געהאַט זעקס קינדער. געווען אויך אַ שוועסטער חנה האָניקפעלד מיט דריי קליינע טעכטער; אַ שוועסטער מירל און בראָניע; אַ זייער גוטע שטיפמוטער מלכה שוועצער; מיין פרוי און מיינע צוויי קינדער — מינקע איין יאָר אַלט און איטע־לאה — פינף. זיי אַלע זענען אומגעקומען.

3

מען האָט געזאָגט, אַז ווער עס אַרבעט אויף אַ גוטער שטעלע, איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן. איך מיטן שוואָגער האָניקפעלד האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַק. ווען ס'איז געקומען דער שוואַרצער טאָג — 28 טאָג אין תמוז — האָט מען אַרומגערינגלט די שטאָט און געהייסן אַלע יידן אַרויסגיין. פיל האָבן זיך געמאַכט באַהעלטענישן און דאָרט זיך פאַרשטעקט. אָבער די פאָלאַקן האָבן געהאָלפן זיי אויפזוכן. מען האָט די יידן אַרויסגעשלעפּט פון די לעכער. אויף אַ קורצער צייט איז אַ טייל געבליבן לעבן.

מיין פרוי מיט די קינדער און איר שוועסטער מלכה מיט דער פאַמיליע האָבן זיך באַהאַלטן בעת מיינע שוועסטערן מיט מיר זענען אַרויס אין גאַס. מען האָט זיי פון מיר צוגענומען און אַוועקגעפירט מיט אַלע יידן, אויף דעם זעלבן אָרט — דאָרט ווו מיין טאַטן — און זיי אויסגעשאָסן. מיך מיט מיין שוואָגער און נאָך 20 יידן האָט מען אַוועקגעפירט צו דער אַרבעט. צו מאָרגנס האָבן די מענטשן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די באַהעלטענישן, אַזוי אויך מיין פרוי. זי איז געקומען

צו מיר אין טאַרטאַק, מיט די קינדער. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ באַראַק און אַלע זענען פאַרבליבן ביז דעם 29 טאָג אין חשון 1942. יענעם טאָג האָט מען אַרומגערינגלט דעם טאַרטאַק און צוגענומען אַלע יידן. מיין פרוי מיט דער יינגערער טאָכטער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּאָלאַק אויפן בוידעם. די עלטערע — 7 יאָר אַלט איז געווען פאַרווונדעט פונעם נאָכשיסן. אויף דער נאַכט, ווען זי האָט נישט געוווּסט וווּ מיר זענען, איז זי אַליין געגאַנגען, כדי מען זאָל זי דערשיסן. דאָס האָט געטאָן דער קאָמענדאַנט — ער האָט אַלע פאַרבליבענע דערשאָסן.

מיין פרוי מיט דער יינגערער טאָכטער זענען געווען ביים קריסט פינף טעג. אָבער דאָס קינד האָט זייער געהוסט, ווייל ס'איז געווען קאַלט.. האָט די פרוי נישט געקאָנט דאָס אויסהאַלטן — און זיך צוגעשטעלט צום טויט.

אונדז אַלע, וועלכע מען האָט געכאַפּט, האָט מען געפירט אין שטאָט אַריין און אַריינגעזעצט אין דער רעמיזע. די פרייד פון די פּאָלאַקן איז געווען גרויס, זיי האָבן חוזק געמאַכט פון די אומגליקלעכע יידן. זיי זענען אויך געקומען אין דער רעמיזע אויסנאַרן ביי די יידן געלט, צוזאָגנדיק זייער הילף.

ס'איז געקומען אַ פרוי, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין וואַלד מיט אַ קינד. איר מאַן האָט נאָך געלעבט. זי האָט דערציילט, אַז אין וואַלד זענען דאָ יידן און רוסן, זיי האָבן געווער. די דאָזיקע פרוי האָט מיר צוגעגעבן פיל מוט צום לעבן.

4

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז אויסגעשטעלט, אַלץ צוגענומען וואָס איינער האָט געהאַט און אַוועקגעפירט צו דער סטאַציע דלוגיקאָנט. אַרום אונדז זענען געגאַנגען דריי דייטשן און אַ צוואַנציק פּאָלאַקן און געהיט מיר זאָלן ניט אַנטלויפן. אויפן וועג האָט מען דערשאָסן יעקב־משה דאַך און יהושע טייער. אויף דער סטאַציע האָבן די פּאָלאַקן אונדז געזאָגט: „איר, זשידעס, גייט דאָך צום טויט, אי־דאַרפט שוין גאָרנישט”. דערנאָך האָט מען גענומען לייזער קעלנער און אים דערשאָסן.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל, איז אָנגעקומען אַ לאַסט־צוג מיט יידן פון בילגאָריי און טאַרנאָגראָד און מען האָט אונדז פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען. מיט אונדז זענען אַריין אויך דייטשן. מען האָט אונדז געפירט קיין בעלזשעץ. מיר זענען געווען אין איין וואַגאָן 12 מענער. מיר האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף די דייטשן און אַרויסשפּרינגען פון וואַגאָן, ווייל ס'איז געווען נאָר פון איין זייט פאַרמאַכט. אַ פרוי, וועלכע האָט וועגן דעם געהערט, האָט עס דערציילט די דייטשן. האָט מען די מענער געשטעלט באַזונדער און ספּעציעל געהיטן. נאָר ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו בעלזשעץ, האָט אַ געסטאַפּאָוויעץ געעפנט די טיר, כדי צו זען ווי ווייט מיר זענען פון באַשטימטן אָרט. איך בין געשטאַנען הינטער אים און מיר איז איינגעפאַלן דער געדאַנק אים אַ שטופּ טאָן. איך האָב אַזוי געטאָן און בין

אַרויסגעשפּרונגען. עס איז נאָך געווען אַ 5 קילאָמעטער צום טויטן־לאַגער. איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן. די וועגן האָב איך דאָך געקענט. אָבער אַלע וועגן זענען געווען באַוואַכט פון פּאָליציי. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוואַנדערט דורך וואַסערן און זומפּן. געוויינט און באַדויערט מיין לאַגע: עס וואָלט דאָך שוין איצט געווען נאָך אַלעמען, וואָס איז דען דאָס לעבן? אָבער גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך בין געקומען צום פּונקט וווהין איך האָב געצילט — צו טרעפן פּאַרטיזאַנער און אויסבאַהאַלטענע יידן. עס האָט גערעגנט, איך בין געווען כמעט נאַקעט, מיר איז געווען קאַלט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז וווּ איך גיי, זענען דאָ דייטשן אָדער פּאָליאַקן. איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין דער ריכטונג פון באַקאַנטע פּויערים און געהאָפט, אַז זיי וועלן מיר העלפן. איך האָב געוווסט, אַז פּאָליאַקן האָבן גע־כאַפּט יידן, כדי צו באַקומען אַ קילאָ צוקער. נאַקליצקי וואָס האָט געוווינט אויף די מאָרגעס, האָט געכאַפּט וואַלפּישן מיט דער פאַמיליע און זיי איבערגעגעבן די דייטשן. דערפאַר האָט ער באַקומען 5 קילאָ צוקער.

גייענדיק אַזוי אין דעם רעגן, בין איך געקומען צו דעם פּאָדלעשני. ער איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער. מען האָט מיך דאָרט נישט אַריינגעלאָזט. בין איך געגאַנגען קיין פּאַרדיסאָווקע. דאָס איז געווען אין מיטן טאָג. אַלע האָבן מיר דאָרט דערקענט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ משוגענעם. אָבער קיינער האָט מיך נישט פאַרהאַלטן, נאָר אויך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. אין עק דאָרף האָב איך באַקומען עפּעס עסן ביי אַ פּויערטע וואָס האָט געבעטן כ׳זאָל רחמנות האָבן אויף איר און איר פאַמיליע און אַוועקגיין, ווייל זי האָט מורא. בין איך אַוועק צו אַ צווייטן פּויער. ער איז נישט געווען אין דער היים. זיין פרוי האָט זיך צע־וויינט און מיך אַריינגעלאָזט. זי האָט אַלץ פאַרמאַכט, כדי מען זאָל נישט זען אין מיך געלאָזט אָפּטרוקענען די זאַכן און זיך אָנוואַרעמען. ווען דער מאַן איז געקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קאָן מיר נישט העלפן און מיך געשיקט צו זיינעם אַ חבר, אויך מיינער אַ באַקאַנטער. ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט 12 אַ זייגער ביינאַכט און מיר געווונטשן גליק און אָנגעזאָגט, אַז ווען איך וועל זיין אין אַ נויט, זאָל איך צו אים קומען. נאָך פופצן מינוט גיין האָב איך דערפילט, אַז מען יאָגט מיך נאָך. אַזוי האָט עס געדויערט ביז אַ האַלבע שעה. אָבער צו מיין גליק איז דער הימל געווען פאַרוואָלקנט — און זיי האָבן מיך פאַרלוירן... נישט באַקומען דעם קילאָ צוקער!

צוליב דעם האָב איך שוין נישט געטראָפן מיין פרוי און מיין קינד...

5

איך בין געגאַנגען צוריק אין וואַלד און דאָרט זיך איבערגעשלאָפן. אין דער פרי ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ קליין יינגעלע פון די ספּוכעס. ער האָט מיר דערציילט ווער עס איז נאָך דאָ אין וואַלד,

נאָר ער איז באַלד פאַרשוווּנדן, נישט געוואָלט מיר ווייזן ווו די יידן געפינען זיך. איך האָב געהאַט פיל באַקאַנטע פּאָלאַקן פון די דערפער. זיי זענען נישט געווען אַזוי בלוטדו־שטיק ווי די פּאָלאַקן פון שטאָט. איך בין אַריין צום גאַיאָווי אין וואַלד, ער האָט מיר געגעבן אַ פּאָר אַלטע שיך און אַן אַלטן צעריסענעם בגד און אויך עפּעס צו עסן. ער האָט מיר געוויזן, ווו איך וועל טרעפן יידן. בין איך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעקראָכן, אָבער קיינעם נישט געטראָפן, הגם איך בין געווען באַקאַנט אין דער געגנט. פאַרנאַכט האָב איך שוין געוואָלט גיין צוריק צום גאַיאָווי, אָבער צוקומענדיק צום בריק, זענען פּלוצום אָנגעפאָרן פורן. איך האָב געוואַרט זיי זאָלן אָפּפאָרן. דערווייל איז אָנגעקומען ישראל שלייכער. ער האָט געמיינט, אַז איך בין אומגעקומען אין בעלזשעץ.

מיר באַשליסן צו באַהאַלטן זיך אין וואַלד. מ׳האָט אויסגעגראָבן „קברים" צום שלאָפן. אַזוי זענען מיר געווען דאָרט אַ פּאָר טעג. דערנאָך זענען געקומען די יינגערע חברה מיט ביקסן און מען האָט געהיטן. ס׳איז געווען זייער טרויעריק צו קוקן אויף די מענטשן און די קליינע קינדער. זייענדיק פינף טעג מיט די יידן, איז פון וואלד נעבן טאַרטאַק אָנגעקומען קסילס ווייב מיט די קינדער. זי האָט געזאָגט, אַז מיין פרוי לעבט. קיווע ראַפּאַפּאָרט איז מיט מיר געגאַנגען זוכן מיין פרוי. קיווע איז געווען מיט זיין פאָטער.

צו מאָרגנס האָבן מיר זיך צעשיידט — און מער האָב איך אים נישט געזען. ווען איך בין אָנגעקומען צום אָרט ווו מיין פרוי האָט געלעבט, איז שוין געווען צו שפּעט. די פרוי מיטן קינד האָבן זיך זונטיק צוגעשטעלט צום טויט. מען האָט זיי קובר געווען אין אַ קלאָזעט־גרוב. דאָס האָט אַלץ געטאָן טערנוס, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

איך בין ווידער אַוועק זוכן יידן. איך האָב זיי געפונען אויפן באַרג. זיי זענען געווען אַ 30 מאַן — יוסף־הערש זילבערשטיין, אברהם זילבערשטיין, דעם פעטער שלומס זין; סענדער בראָנשטיין, חיים דאך מיט דער פאַמיליע, ישעיה דאך מיט דער פרוי, און אויך מאָניש, מיין שוועסטער־קינד. ווען דער פעטער יוסף־הערש האָט מיך דערזען, האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט צי זאָל ער זיך פרייען וואָס איך בין געראַטעוועט, אָדער מיר וועלן נאָך באַדויערן און מקנא זיין די טויטע... ער איז אַוועק צו אַ באַקאַנטן פויער און דאָרט געווען באַהאַלטן מיט דער גאַנצער פאַמיליע. אָבער ער איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען. מער האָב איך נישט געהערט פון די אַלע מענטשן.

6

אין איינער אַ נאַכט בין איך, סענדער און מיין שוועסטערס מיידעלע און נאָך איינער געגאַנגען צום פּאָדלעשני. יעדער איז געגאַנגען באַזונדער קריגן עסן. איך און סענדער זענען צוגעקומען צו אַן אָרט און געטראָפן אויסגעהרגעטע

יידן. די פּאָלאַקן אַליין האָבן דאָס געטאָן. איך האָב נאָך דאָרט געטראָפן מיין שוועסטערס טאָכטער. אַ צווייט מאָל איז מען ווידער געגאַנגען נאָך עסן, האָט מען שוין געוואַרט אויף אונדז און געכאַפּט מיין שוועסטערס טאָכטער און נאָך צוויי יידן. איך בין דאַן געגאַנגען צו מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט, האָבן זיי געזאָגט, אַז דער וואָס האָט זיי געכאַפּט האָט זייער אַ סך זאַכן פון יידן. זייענדיק אין טאַרטאַק האָבן פיל יידן ביי אים באַהאַלטן זייערע ווערטפולע זאַכן.

נאָך דעם האָבן מיר געמאַכט אַ „מעלינע" אויף אַ צווייט אָרט. דאָרטן זענען מיר געווען 16 מאַן. אַ געוויסן טאָג קומט איינער און רופט מיך אַוועקצוגיין פון דאַנען, ווייל אַ סך ווייסן אַז דאָ זענען פאַראַן יידן און מען קאָן אונדז ביינאַכט אויסהרגענען. דאָס איז געווען אַ וואָרענינג. אין צווישן איז יהושע דאך מיט זיין פרוי געגאַנגען נאָך עסן קיין גורניק. זיי זענען אָבער שוין נישט צוריק־געקומען. ווען מאָניש איז געגאַנגען זיי זוכן, האָט מען אים דערציילט, אַז די פויערים האָבן זיי ביידע באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

שפּעטער האָבן מיר זיך צעטיילט אויף צוויי גרופּן. מיט מיר איז געגאַנגען סענדער בראָנשטיין, משה, יעקב וואַקס איידעם, מאַניש דאך און נאָך פינף מענטשן. מיר זענען אַוועק גאַנץ פּ״י זוכן אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן. ווען מיר האָבן שוין צוגעגרייט דעם „לעבעדיקן קבר", הערן מיר ווי די פויערטע רופט די הינער. מיר גייען זען ווו מיר געפינען זיך... און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זענען אַ פּאָר טריט פון אַ לאַגער. אָבער אַרום איז אַ געדיכטער וואַלד. אַזוי זענען מיר אין דעם וואַלד געזעסן ביז דער ווינטער איז פאַרביי. אונדז איז געלונגען. גאָט האָט געהאָלפן. איינער פון די ניי־געקומענע איז געשטאָרבן, האָט מען אים קובר געווען נישט ווייט פון אונדז. זומער האָבן מיר זיך געמוזט אָפּטראָגן, ווייל די פויערים האָבן געוווּסט אונדזער אָרט.

אַ שבת אין דער פרי גיי איך מיט סענדער בראָנשטיין אין דער ריכטונג פון דער שטאָט. אויפן וועג שטייען וועגענער, קי. פון דער ווייטנס זעט מען זיצן אויף אַ וואָגן צוויי מענטשן, זעט אויס זעלנער. אָבער וואָס טוען זעלנער אין וואַלד? מיר קלערן פאַרשידנס. איך וויל צוגיין, אָבער סענדער לאָזט נישט. צום סוף בין איך צוגעגאַנגען. מיין אויסזען — אַ שרעקלעכער. כ׳בין געווען געשוואָלן פון הונגער, אָפּגעריסן און קוים געקענט אַ וואָרט אויסריידן. זיי פרעגן מיך פאַרשידענע פראַגן, אויך צי איך בין אַ ייד. עס קומט צו נאָך איינער און גיט מיר עסן. ער דערציילט ווער עס לעבט אין וואַלד און בעט איך זאָל מיטפאָרן. סענדער האָט אָבער מורא און ער האָט זיך באַהאַלטן.

ביז איך האָב סענדערן געפונען, האָט געדויערט אַ 5—6 שעה. ער האָט גע־מיינט אַז מען האָט מיך געכאַפּט און איך גיב אים אויס.

ווען מיר זענען געקומען און דערציילט פאַר אונדזערע האָבן זיי געזאָגט, אַז מיר אַלע דאַרפן גיין. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל מען האָט

געדאַרפט גיין אין קליינע גרופן און דעם וועג האָט קיינער נישט געוווּסט. זיי האָבן אונדז נישט געלאָזט גיין, סיידן איך זאָל סענדערן לאָזן אַלס משכּן, ווען זיי זיין זיכער, אַז איך וועל נאָך זיי קומען. צום סוף זענען מיר אַוועק פּי־מענטשן און זעקס זענען געבליבן. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געגאַנגען — און אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן מיר שוין באַגעגנט יאָסקע קאַליכמאַן, ער האָט אויף אונדז געוואַרט. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויסטרינקען. דערווייל האָבן מיר דערהערט ריטשען פון אַ בהמה. איך בין נאָכגעגאַנגען נאָכן קול און געטראָפן אַ צוגעבונדענע קו. האָב איך באַשטימט אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז עמעצער וועט קומען. און אַזוי איז טאַקע געשען: איך האָב דערהערט ווי מען רופט יוסף לוכט־פעלד. דאָס איז געווען בעניעק שלייכער, הערשעלעס זון, וועלכן איך האָב נישט דערקענט.

אביגדור קאבאניק איז נישט געפעלן צו זיין צוזאַמען מיט די רוסן, ער וויל זיין נאָר מיט יידן. ער האָט זיך באַהאַלטן, נאָר מען האָט אים געכאַפּט און צוגע־נומען דאָס געווער. אין דער צייט איז ביירעך געווען קאָמענדאַנט ביי אונדז. ווען מ׳האָט אים געהייסן קומען צו די רוסן מיט נאָך צוויי יידן — איינער אַ דאָקטער פון לאָדזש — איז ביירעך מיטגעגאַנגען — און דאַן האָבן מיר אַלע פיר פאַר־לוירן. מ׳האָט זיי געשאָסן. דאָס איז געשען ניין חדשים פאַר דער באַפרייונג.

7

די באַפרייונג איז געקומען. עס קומט צו מיר צו אַ רוסישער אָפיציר און איז צופרידן וואָס מיר זענען געבליבן לעבן. ער זאָגט: „איר קענט זיך פרייען, אָבער די פּאָלאַקן פרייען זיך נישט מיט אונדז". מיר זענען אַרויס פון וואַלד קיין לוקאָוו. אַ טייל איז פון לוקאָוו אַוועק קיין טאַרנאָגראָד, אַ טייל — קיין טאָמאַשאָוו־לובעלסקי. איך מיט נאָך איינעם בין געפאָרן קיין טאָמאַשאָוו.

מיר האָבן פאַרלוירן נאָך דער מלחמה שלמה דאך, גיטל ראַפּאַפּאָרט און ראזענעך דוד.

שוין נאָך דער באַפרייונג האָבן די פּאָלאַקן אויסגעהרגעט אַ סך געראַטעוועטע יידן, רוסישע פּליטים און פאַרטיזאַנער. מיר זענען געווען אין אַ סך געפאַרן — די 80 אויסבאַהאַלטענע יידישע נפשות, פון 3 ביז 70 יאָר אַלט — און מיר האָבן דאָך געמוזט עסן. נאָר 25 פון אונדז האָבן ריזיקירט מיט איינשאַפן שפּייז. די פּאָלאַקן פלעגן אַפילו אין יענע פינצטערע, ביטערע צייטן טענהן, אַז די זשידעס לעבט זיך גוט און געקומען צו אונדז רויבן. די דאָזיקע פּאָלאַקן, פון יוזעפאָוו, האָבן זייערע הענט געטונקט אין יידיש בלוט...

מיט פּאַרטיזאַנער אין וואַלד

ישראל שלייכער

איך הייס ישראל־וואָלף שלייכער, געבוירן אין יאָר 1928 אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן, יוזעפאָוו לובעלסקי, אין אַ משפּחה וואָס האָט געציילט זעקס נפשות.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, בין איך אַלט געווען 11 יאָר און ניט באַוויזן ביז דעמאָלט אַ סך צו זען און צו לערנען. כ׳האָב געהאַט פאַרענדיקט 3 קלאַסן פאָלקס־שול. אַלס קינד געדענק איך ווי אַזוי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און ווי אַזוי די פּוילישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט פאַר די היטלעריסטישע חילות.

ס׳האָט ניט גענומען קיין סך צייט און די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַדורכפירן זייערע ווילדע פּלענער, געכאַפּט צו אַרבעט מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער. אַוודאי האָט דאָס אונדז אַלעמען דערשיטערט, אָבער מיר זענען געווען הילפלאָז. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן פאַרשפאַרט צו ווערן, צוזאַמען מיט מיין פאָטער ז״ל און נאָך דערוואַקסענע מענער, אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לובלין אויף ליפּאָווע 7, ניט ווייט פון מיידאַנעק. מיין מוטער, צוויי שוועסטערס און אַ ברודער, זענען צוזאַמען מיט אַלע פרויען אומגעברענגט געוואָרן אין שטעטל און מ׳האָט זיי קובר געווען אין אַ מאַסן־קבר. די דאָזיקע טראַגישע נייעס האָבן מיר געהערט אין אַ צייט אַרום און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישטאָ צו וועמען זיך אומצוקערן אַהיים, ווייל די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער זענען אומגעקומען.

דער לאַגער אויף ליפּאָווע 7 איז בעצם געווען אַ לאַגער פון בלויז פאַכלייט און מיר האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן. פאַר אַן 11־יאָריק קינד ווי איך, איז דאָרט געווען גענוג שווער, נאָר אין אַלגעמיין איז ניט געווען אַזוי שלעכט. אויסער דעם האָבן די יידן פון לובלין אונטערגעקויפט די געסטאַפּאָ זיי זאָלן די אינטערנירטע אויף ליפּאָווע ניט אַוועקשיקן אין איינעם פון די טויט־־לאַגערן. ס׳איז אָבער ניט פאָריבער קיין סך צייט און מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן פאַרבייטן מיט לובלינער יידן. אַזוי ווי זיי האָבן די אַלע וואָס מ׳האָט אַוועקגעשיקט פון ליפּאָווע 7 ניט געקענט אַריינשטופן אין איין אויטאָ, האָט מען די פאַרבליבענע געטריבן צופוס. בעצם, האָט יעדער געוואָלט בלייבן אויסערן אויטאָ, צום סוף, ווייל אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז דער אויטאָ מיט זיינע פּאַסאַזשירן פירט מען אויף אומצוברענגען. מענטשן האָבן זיך פאַרלוירן, אָנגעהויבן צו דערווייטערן זיך פון דער ריי און אַוועקלויפן ווי נאָר מ׳האָט געקענט. דער רוב איז אָבער דערשאָסן געוואָרן. בלויז אַ קליינעם טייל יוזעפאָווער איז געלונגען צו אַנטלויפן. איך געדענק ניט זייערע נעמען.

די קלאַנגען אַז מען פירט אונדז אַוועק צום דערשיסן — האָבן זיך אַרויס־

געווען פֿאַר ניט ריכטיקע. מ׳האָט אונדז אַוועקגעפֿירט אינעם געטאָ פֿון דעם שטעטל פּיאַסקי לובעלסקיע און דאָרט זענען מיר געבליבן מיט די אָרטיקע יידן. מיר זענען יעדן טאָג אַוועק אויף צוואַנגס־אַרבעט און דערפֿאַר באַקומען דאָס שטיקל ברויט. יעדער ייד האָט געמוזט טראָגן די געלע לאַטע מיטן אויפֿשריפֿט (אין דייטש) „יודע״.

די יוזעפֿאָווער יידן זענען ניט לאַנג פֿאַרבליבן אין פּיאָסקער געטאָ. יעדער נאַכט זענען געמאַכט געוואָרן פּלענער צו אַנטלויפֿן. מיר האָבן אויך געוווּסט פֿון אייניקע פֿאַלן פֿון אַנטלויפֿן. אַ געוויסן אָוונט זאָגט מיר מיין פֿאָטער:

— גיי פֿרי שלאָפֿן, ווייל אינמיטן נאַכט ג׳ייטן מיר זיך אַריבער צושפּרינגען די געטאָ־פֿאַרצוימונג און אַנטלויפֿן אַ היים...

מיר האָבן נאָך אַלץ באַטראַכט יוזעפֿאָוו ווי אַ היים, הגם מיר האָבן געוווּסט אַז מיין מאַמע און שוועסטערס זענען אומגעקומען. די וואַך אין געטאָ איז ניט געווען אַזאַ שטאַרקע, נאָר אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. צוזאַמען מיט מיר און מיין פֿאָטער איז אַנטלאָפֿן נאָך אַ ייד, וועמענס נאָמען איך דערמאָן זיך נישט. כ׳ווייס נאָר אַז ער איז געווען אַ קאַלך־סוחר, געוווינט ניט ווייט פֿון אונדז. ווי אויך נאָך צוויי אונדזערע שכנים זענען מיטגעלאָפֿן: יוסף אונטערבוך און זיין ברודער וואָס האָבן געהאַט אַ מיל און געהאַנדלט מיט לייוונט.

נאָכן אַרויסבאַקומען זיך פֿון געטאָ, זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט און באַגינען, דערנענטערנדיק זיך צום שטעטל זשילקעווקע, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאַטרול פֿון דייטשן און פּוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט געזוכט יונגע פּאָלאַקן צו נעמען אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ווי נאָר זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי געעפֿנט אַ פֿייער. מיר זענען זיך צעלאָפֿן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען, די קוילן זענען געפֿלויגן נאָענט פֿון אונדז — און יענעם מאָמענט האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין פֿאָטער אויף אייביק...

זיין לעצטע בקשה וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון: „כאָטש דו, מיין זון, בלייב לעבן. לויף שנעל, באַהאַלט זיך אויס. אַלס קינד וועט דיר זיין גרינגער און אַפֿילו אַז מ׳וועט דיך כאַפּן, זאָג נישט אַז ביסט געווען מיט אונדז, דו קענסט אונדז ניט בכלל און זאָלסט נאָר ריידן פּויליש״.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און מיר זענען געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון די דייטשן און זייערע העלפֿערס אויף אַ באַשניטן ווייצן־פֿעלד. מיינע פֿיס זענען געווען צעשטאָכן פֿון די שטרוי־זאַנגען בעתן לויפֿן. נאָכן באַזוכן מיך, האָט אַ דייטש געפֿונען אין מיין קעשענע אַ צעטל מיט אָנגעשריבענע נעמען פֿון דערפֿער דורך וועלכע מיר האָבן באַדאַרפֿט אַדורכגיין אויפֿן וועג קיין יוזעפֿאָוו. ווי אָפּגערעדט, האָב איך דעם דייטשן אָפּיציר געענטפֿערט נאָר אויף פּויליש. כ׳האָב זיך געמאַכט ניט פֿאַרשטיין קיין דייטש. בעת דער אויספֿאָרשונג האָב איך זיך געפֿונען אַ 5 מעטער ווייט פֿון מיין פֿאָטער און כ׳האָב געהערט ווי דער עלטסטער פֿון פּאַטראָל

באַפעלט אָפּצופירן אין וועלדל די „שמוציקע יידן”. אין אייניקע מינוטן אַרום האָב איך דערהערט אַ זאַלפן־שאָס. איך האָב זיך געלאָזט לויפן, אַ דערשראָקענע און פאַרוויינטער, צו די טויטע קערפערס. די דייטשן האָבן מיך ווידער פאַרהאַלטן און באַשלאָסן מיר אַראָפּלאָזן די הייזלעך...

דערזעענדיק אַז כ׳בין אַ ייד, האָבן זיי אָנגעהויבן מיך שלאָגן און פייניקן ווייל כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט. נאָר אָט באַווייזט זיך אַ דייטשער אָפיציר און באַפעלט מיך אָפּצולאָזן אַ היים, ווייל די עלטערן ווייסן ניט אַוודאי ווו כ׳בין אַהין געקומען...

מיר איז שווער געווען זיך אויפצוהייבן נאָך די קלעפּ. כ׳בין געבליבן ליגן אויפן פעלד אַ צעשלאָגענער און פאַרבלוטיקטער. ערשט פאַרנאַכט. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער, האָב איך זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דעם אָרט ווו מ׳האָט דערשאָסן מיין פאָטער און די אַנדערע יידן. אַלע זענען געווען טויט. כ׳האָב זיך היסטעריש צעוויינט. איצט בין איך אַ קיילעכיקער יתום. פריער פאַרלוירן די מאַמען מיט די שוועסטערס, איצט — דעם טאַטן. מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג.

ביים ראַנד פון דאָרף איז געשטאַנען אַן איינזאַמע הייזקע. דערנענטערנדיק זיך, האָב איך דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. איך קלאַפּ אין טיר, קיינער ענטפערט ניט. איך לאָז זיך גיין צו דער סטאָדאָלע, ווייל איך הער פון דאָרט דעם גערויש פון אַ מאַשין. און ווירקלעך: ביי דער שנייד־מאַשין פון שטרוי זענען באַשעפטיקט דער פויער און פויערטע. איך בעט ביי זיי אַ טרינק וואַסער און זאָג דער פויערטע זי זאָל אַריינגיין אין שטוב איינשטילן דאָס וויינענדיקע קינד, איך וועל דאָ העלפן ביים שניידן דאָס שטרוי. זיי האָבן מיר געגעבן אַ גלאָז וואַסער, דערלויבט אַרומצוואַשן דאָס פנים און געזאָגט, אַז נאָכן אַדורכגיין אַ 4 סטעזשקעס רעכטס, וועל איך צוקומען צו אַ הייזקע ווו עס וווינט אַ יידישע משפחה. בלית־ברירה בין איך אַוועק אַהין.

איך קום צו צום הויז — ס׳איז קיינער נישטאָ. איך ציטער פון קעלט און הונגער, אַ האַלב נאַקעטער און צעטומלטער דריי איך זיך אַרום אין די ליידיקע צימערן, ביז כ׳בין אַרויף אויפן פיעקאַליק און דאָרט זיך פאַרשטעקט. נאָך עטלעכע שעה דערהער איך ווי מ׳עפנט די טיר און איך פאַרשטיי אַז די יידישע איינוווינער האָבן זיך אומגעקערט אַ היים. זיי הייבן טאַקע אָן דערציילן וועגן די פיר יידן וועלכע מ׳האָט היינט פרי דערשאָסן אין פעלד און אַז דאָס קינד וואָס איז אַנטלאָפן באַהאַלט זיך אַוודאי אויס אין דאָרף. די דייטשן וועלן מן הסתם קומען זוכן און צוליב דעם דראָט אַלעמען אַ געפאַר.

איך בין לאַנגזאַם אַראָפּגעקראָכן פונעם פיעקאַליק און אַריין אין קיך. זיי זענען אויפגעשפרונגען פאַר שרעק, אינגאַנצן זיך פאַרלוירן. דערנאָך האָבן זיי פאַרשלאָסן די טיר און אויסגעהערט מיין דערציילונג. זיי האָבן מורא געהאַט צו לאָזן מיך נעכטיקן ביי זיך אַפילו איין נאַכט און פאַרגעלייגט כ׳זאָל גיין קיין זשילקעווקע. אויפן וועג געפינט זיך די מיל פון אַ יוזעפאָווער ייד, פון דער פאַ־

מיליע קאַרפּ. די יידן האָבן מיר געגעבן אַ ברייטל אין וועג אַריין און געווינטשן הצלחה.

כ׳בין געבליבן אין מיל. דאָס ערשטע האָב איך זיך פאַרבינדן מיט יודענראַט אין זשילקעווקע און געבעטן צו ברענגען צו קבר ישראל די פיר דערשאָסענע יידן. ס׳האָט גענומען עטלעכע טעג ביז די דייטשע מאַכט האָט דערלויבט קובר צו זיין די קרבנות פון זייערע רציחות. איך האָב געזאָגט קדיש אויפן פרישן קבר פון מיין טאַטן.

